UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 83-84 - April 1976 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2929q6w3

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 83-84(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1976

Copyright Information
Copyright 1976 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org
Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

APRIL 1976 — 84-83 — ניסן תשל"ו

ארויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל. א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
● אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


מלכּה חפץ טוזמאַן: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 3

רבקה ס. גאָלאָמב: מוז דאָס בלייבן נאָר אַ חלום? — — — — — — — — — — 5

ק. פישביין: דער יידישער קינסטלער אַדאַם מושקא — — — — — — — — — 8

רבקה קאָפּע: אַדאַם מושקאַס בילדער אויסשטעלונג (ליד) — — — — — — — 10

ס. גוטקעוויטש: עלטערע מענטשן פאַרנעמען פּאָזיציעס אין לעבן — — — — 11

אַברהם גאָלאָמב: די ראָל פון עם־ארצים אין דעם קיום פון יידישן פאָלק — 13

משה שקליאַר: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 19

אַריה פּאָזי: פּאַראַפּסיכאָלאָגיע — אַ באַגרינדונג און פאַרטיטשונג — — — 21

לילי בערגער: „שמעלץ" (דערציילונג) — — — — — — — — — — — — — 41

ד"ר ב. שולגאָסער: די ביכער־אַקציע אין קאָוונער געטאָ — — — — — — — 48

צוויי נייע ביכער פון אהרן ציטלין ז"ל — — — — — — — — — — — — — 52

מ. חסיד: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 53

שמואל סיגאַל: דברים כּהוויתם — אמתע געשעענישן — — — — — — — — — 54

יצחק יאַנאַסאָוויטש: יודל מאַרק — זיין ראָל אין יידישער קולטור — — — — 57

יעקב י. מייטליס: אהרן שטיינבערג — דער מענטש און זיין ווערק — — — — 61

זלמן שלאָסער: דער פּאָעט — גאָטס לערן־יינגל — — — — — — — — — — 67

ס. שניאור: יהודה עלבערגס „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" — — — — — — — 76

שׂרה ליינער: אברהם רייזען — זיין לעבן און שאַפן — — — — — — — — — 83

שמואל ווייס: פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס — — — — 89

א. גאָלאָמב: העניך בערמאַן: — אַ בן־שמונים — — — — — — — — — — 96

ז. בן־אברהם: העניך בערמאַן — דער מענטש פון מעשים — — — — — — — 98

ש. בן־יונה: אומדזערע אבידות — — — — — — — — — — — — — — — — 100

ד"ר עזריאל נאַקס: אַכטער באַנד פון לעקסיקאָן — — — — — — — — — 103

קולטור־נאָטיצן — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 104

באַגריסונגען און מעלדונגען — — — — — — — — — — — — — — — 107-105

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט-קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

סיון האַמבורגער, פּרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**

**Telephone: 938-3823**



HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

SAMUEL WEISS, *Associate Editor*

S. SCHLOSSER, *Editorial Secretary*

1108 South Clark Drive · Los Angeles, Calif. 90035

S. BUNYAN, *Secretary Emeritus*

ALEX ROBIN, *Consultant*

*Administration:* H. BERMAN, *Treasurer*

ELIMELECH DEITCH · DAVID GOLDMAN · SAM ZUCKERMAN

M. GOLDFARB, *Financial Secretary*

153 So. Hayworth Ave. — Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 935-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.

100



# חשבון

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען.

אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל וויס, מיטרעדאַקטאָר
זלמן שלאָסער, סעקרעטאַר
ז. בונין, סעקר.־עמעריטוס

העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער־קאַסירער
מ. גאָלדפאַרב, פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראָבין, קאָנסולטאַנט

31טער יאָרגאַנג, נומערן 83־84 • פרילינג 1976 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע



**מלכה חפץ טוזמאַן / בוירקעלי, קאַליפ.**


## צוויי לידער
## צו להכעים

זאָגסט:
„דו ביסט ייד און ביסט דיכטער
און שרייבסט ניט
קיין לידער פון 'חורבן'.
ווי קען דאָס אַ יידישער דיכטער
ווען גרויס
אַזוי גרויס איז דער חורבן."

פּשוט:
אויף צעלאָכעס די פאַרוויסטער.
אויף צעלאָכעס וועל איך ניט קלאָגן בפרהסיה.
אויף צעלאָכעס
אויף פּאַפּיר ניט אויפשרייבן מיין טרויער.
(אַ בושה אויפצושרייבן „טרויער" אויף פּאַפּיר.)
אויף צעלאָכעס
וועל איך אַרומגיין אין דער וועלט ווי
זי געווען וואָלט מיינע.
אַוודאי מיינע!
וועמעס דען?
וועט מען מיר שטערן,
פאַרצוימען מיר די וועגן
וועט זי נאָך אַלץ זיין מיינע.
וואָדען —
ניט מיינע?

אויף צעלאָכעס וועל איך ניט יאָמערן
ווען אפילו

די ערד פון מיין וועלט זאָל חלילה
מיר ווערן די גרויס
ווי מיין זויל וואָס שטייט אויף איר
וועט זי נאָך אַלץ זיין
מיינע !
אוי,
נאָך ווי מיינע.

אויף צעלאָכעס
וועל איך חתונה מאַכן קינדער
אַז זיי זאָלן
אויף צעלאָכעס
אויך האָבן קינדער.

אויף צעלאָכעס די רשעים וואָס פלאָדיען זיך
אין מיין וועלט
און מאַכן זי מיר
ענג.

## בענקעניש

איך בענק נאָך די פויגל־מחשבות וואָס
פליען מיר אָן
און כ'קען ניט
איך קען זיי ניט כאַפּן

איך בענק נאָך די טענער אין מיר וואָס
סטרונען קוים העריק
און רייצן מיין הערן
און לאָזן זיך פאָרט ניט דערהערן

איך בענק נאָך דער באַק וואָס
מיין האַנט וויל באַרירן
און ווייסט ניט
און ווייסט ניט אַוווּ זי צו זוכן

איך בענק נאָכן אויסדאַכט וואָס
שאָטנט דיין ווינאָרט
אָן באָדן
אָן ווענט און אָן טירן

איך בענק נאָך מיין „איך" אַזאַ איך וואָס
פאַרגיכערט דעם צי פון מיין אָטעם
מיין איך וואָס
איך קען ניט דערגרונטן

איך בענק נאָך מיין בענקען וואָס
איז אַזאַ בענקען
וואָס איך דערקען ניט
און האָב נאָך פאַר דעם ניט קיין נאָמען
און בענק . . .



רבקה ס. גאַלאַמב

# מוז דאָס בלייבן נאָר אַ חלום?

אין משך פון די ערשטע פינף יאָר פון אונדזער וווינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן בין איך זייער אַ סך אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און באַזוכט אַ סך ערטער וואָס זיינען פון גוואַלדיקן היסטאָרישן אינטערעס. געפאָרן בין איך ניט כדי צו פאַרברענגען אָדער הולטאַיעווען, נאָר טאַקע אויסשליסלעך כדי זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע און דער נאַטור שיינקייט מיט וועלכע די שטאַטן זיינען באַשאָנקען מיט אַזאַ שפע.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז אין מיינע נסיעות בין איך כסדר עובר געווען אויפן געבאָט פון „לא תחמוד" — זאָלסט ניט גלוסטן עפּעס וואָס איז ניט דיינס, ווי עס שטייט אין צענטן געבאָט פון די עשרת הדיברות.

וועט מען זיך וווּנדערן: וואָס האָבן רייזע איינדרוקן און באַאָבאַכטונגען צו טאָן מיט קינאה? און ס'איז טאַקע ריכטיק, אַז איך טראָג זיך כסדר אַרום מיט אַ שטאַרקן געפיל אין האַרצן פון ניט פאַרגינען, און אָט פאַר וואָס:

ס'איז ניטאָ, דאַכט זיך, אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע ווו דער נעכטן זאָל זיך ניט באַהעפטן מיטן היינט. אַ לאַנד וואָס איר געשיכטע איז בסך־הכל אַלט אַ פּאָר הונדערט יאָר און דאָך פילט מען אויף יעדן שפּאַן און טראָט דעם היסטאָרישן אָטעם, די אויסגעוואָרצלטקייט און פאַרקניפּונג. אָט ווי די נעכטנס וואָלטן זיך אַריינגעגאָסן אינעם היינט און וואָלטן לעבעדיק געוואָרן אויף ס'ניי. איר פילט ממש אומעטום דעם היסטאָרישן המשך. די יאָרן פלעכטן זיך אַריין איינס אין דאָס אַנדערע און דאָס אַמאָליקע לעבט אין אַ וווּנדערלעכער האַרמאָניע בשכנות מיט די ראַשיקע ענדערונגען פונעם היינט.

אַלץ פון דעם גאָר נאָענטן נעכטן ווערט אָפּגעהיט ממש מיט פּיעטעט. ס'איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער פסוק: תהי צרורה בצרור החיים; דער נעכטן איז איינגעפּעדעמט און אַריינגעפלאָכטן אין געוועב פון היינט. ס'איז ניט צעטיילבאַר. ס'איז אַ לעבעדיקע פאַרקניפּונג צווישן דעם עבר און דעם הווה.

פאָרט מען אַריין, למשל, אין ווירדזשיניאַ סיטי, אין שטאָט פון נעוואַדאַ, דאַרף מען דרייען דעם זייגער אויף איבער הונדערט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק. דאָרט איז פּונקט ווי אין די צייטן פון גרויסן גאָלד־געלאַף, ווען סעמועל קלעמענס, דער שפּעטערדיקער וועלט־באַרימטער שרייבער־הומאָריסט, מאַרק טוויין, איז דאָרט געווען אַ רעפּאָרטער אין דער דאָרטיקער צייטונג.

דאָס גאָלד איז אויסגערונען און די שפּעט־יאָרן האָבן זיך געענדיקט. די גאָלד־זוכערס זיינען זיך צעלאָפן, אָבער די שטאָט איז געבליבן אַ לעבעדיקער מאָנומענט פון די יאָרן פון גרויסן געווינס. אַלץ איז קאָנסערווירט און רעסטאַווירט ווי אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. די געשעפטן, שולן, קלויסטערס, שענקען און רעסטאָראַנען, אָפּעראַ־הויז און געריכט — אַלץ איז געבליבן קאָנסערווירט. די שענקערס אין די שענקען גיבן אייך צו טרינקען אין זעלבע כלים די זעלבע משקאות. די כלי־זמר גייען אָנגעטאָן אין די זעלבע פאַסאָנען, שפּילן אויף די זעלבע אינסטרומענטן און זינגען די זעלבע ניגונים.

ס'איז אַ לעבעדיקער מאָנומענט נאָך אַ תקופה וואָס איז שוין לאַנג פאַרשווּנדן. ווען מען גייט איבער די גאַסן, געשעפטן, שענקען, טראָגט מען זיך אַוועק אין יענער צייט. עס נעמט אייך אַרום אַ נאָגנדיקע נאָסטאַלגיע און עס דאַכט זיך, אַז מען אָטעמט אפילו די לופט פון אַמאָל איז געווען . . .

אפילו אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק ווי ס'איז דער פאַנטאַסטישער „טויטער טאָל" אין שטאָט פון קאַליפאָרניע (אגב דער נידעריקסטער אָרט אין דער מערב־העמיספערע). דאָרטן זיינען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק געווען די רייכסטע באָראַקס־מינען אין אַמעריקע. אויך דאָרט איז אַלץ קאָנסערווירט ווי אין די אַמאָליקע גוטע

יאָרן. . עס זיינען אויסגעשטעלט געווען די אַלטע מינען־מכשירים, אַמאָליקע באַנען און אַלטע אַכסניהס. לעגענדעס, געזאַנגען און טענץ; אַלץ, אַלץ דערציילט פון יענע צייטן.

ס'איז גאָר אוממעגלעך אויסצורעכענען און צו באַשרייבן די הונדערטער היסטאָרישע פונקטן און הייליקטימערס. זיי זיינען צעוואָרפן איבער אַלע שטאַטן פון אַמעריקע. דאָס זיינען לעבעדיקע מאָנומענטן פון אַן אַמאָל וואָס פלעגט זיך אריין אינעם ראַשיקן היינט.

ווירדזשיניאַ־שטאַט, וואַשינגטאָן, פילאַדעלפיע — דער געבורט־אָרט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; די היים ווו ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן די דעקלאַראַציע פון אומאָפהענגיקייט אין יאָר 1776. אפילו דאָס הויז ווו די שניידערקע בעטסי ראָס האָט אויסגענייט די ערשטע אַמעריקאַנער פאָן, איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער הייליקטום. די אַלע אויסגערעכנטע ערטער זיינען אָנגעפיקעוועט מיט היסטאָרישע אוצרות.

באָסטאָן, קעמברידזש, לעקסינגטאָן און קאָנקאָרד — דאָס זיינען אַלץ ערטער ווו די אַמעריקאַנער פרייהייט איז געבאָרן געוואָרן. אין יענעם שטח איז קאָנצענטרירט אפשר מער געשיכטע ווי אין וועלכן ניט איז אַנדער ווינקל אין אַמעריקע.

אפילו די ריזיקע, פאַרשנייטע, אָדער רעגנדיקע אַלאַסקא מיט איר קליינער באַפעלקערונג איז אויך פול מיט לעבעדיקע היסטאָרישע מאָנומענטן. ווען מען פאָרט אַריין קיין דזשונאָ, די הויפטשטאָט פון אַלאַסקאַ, איז דאָרט אַלץ קאָנסערווירט און רעסטאַווירט פונקט ווי אין די צייטן פון גאָלד־געלאַף, אין די סוף ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָרטן זיצט מען ביים פייער פון קאַמין און מען דערמאָנט זיך געשיכטעס און לעגענדעס פון עסקימאָסן, אינדיאַנער און די ערשטע קאָלאָניסטן.

אַזוי ווי ס'איז אוממעגלעך אויסצורעכענען און באַשרייבן אפילו נאָר דאָס וואָס איך אַליין האָב געזען, וועל איך זיך אָפשטעלן נאָר אויף צוויי פונקטן, וואָס זיינען פון גוואַלדיקן היסטאָרישן אינטערעס.

איין אָרט אין סטורברידזש אין ניי־ענגלאַנד און דער צווייטער אָרט איז דער קולטור־צענטער אין האָנאָלולו, האַוואַי. דאָס זיינען צוויי פונקטן וואָס האָבן אַרויסגערופן צומערסטנס אין מיין האַרצן אַ גוואַלדיקע און ברענענדיקע קינאה.

סטורברידזש איז אַ פינקטלעכע רעפליקע פון דער ערשטער פילגרים־קאָלאָניע אין ניי־ענגלאַנד. (די פילגרימען זיינען געקומען פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע אין יאָר 1614 אויף דער באַרימט־געוואָרענער מייפלאַוער שיף).

דאָס גאַנצע שטעטל: די הייזער, די קראָמען, די איינוווינער; זייערע געקעכצן און געבעקס, שפילצייג און מעבל; די אַרכיטעקטור פון די בנינים; אַלץ האָט דעם רייץ פון אַמאָל. אפילו די טראַנספאָרטאַציע איז דאָרט מיט פערד און וואָגן. די שול האָט פונקט די זעלבע בענק און דער לערער טראָגט אַן אוניפאָרם פונקט אַזאַ ווי עס האָבן געטראָגן די ערשטע לערערס אין דער ערשטער קאָלאָניע פון די פילגרימען.

דער שטייגער לעבן אין סטורברידזש, די מינהגים און פירעכצן, געזאַנגען און טענץ — אַלץ איז פיקסירט און ניט געענדערט. ס'האָט מיר גענומען אַ גאַנצן טאָג צו באַזוכן די דאָזיקע קאָלאָניע — דעם לעבעדיקן מאָנומענט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לזכר די געקומענע מיט דריי הונדערט פיר און פופציק יאָר צוריק.

אַלץ וואָס איך האָב דאָרטן געזען איז געווען ווי פון אַ מעשהלע: די פרויען אָנגעטאָן אין די לאַנגע, האַנט־געוועבטע קליידער, די בלוזקעס מיט די לאַנגע אַרבל און הויכע געקראָכמאַלעטע קראַגנס אַרומגעזוימט מיט שפיצן; די אויסגענייטע פאַרטעכער, די ווייסע טשיפּיקעס אויף די קעפ; די פאַרקנעפּלטע הויכע שוואַרצע שיך — אַלץ איז געווען צניעותדיק און מלא חן. און ווען כ'האָב נאָך דערהערט דעם קוואַדריל, וואָס אַ גרופּע יונגע מיידלעך מיט לאַנגע צעפּ האָבן געטאַנצט, האָב איך געמיינט אַז איך ווער צעפּוקעט פאַר קינאה.

נאָך שטאַרקער איז געווען דער רושם, און נאָך מער דאָס ניט פאַרגינען ווען איך האָב מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער באַזוכט דעם פּאָלינעזישן קולטור־צענטער 45 מייל פון האָנאָלולו, האַוואַי. דאָס האָט



מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די איינוווינער פון די פּאָלינעזישע אינדזלען אין דרום פּאַסיפיק.

דאָרטן, אין דעם דאָזיקן צענטער, געפינען זיך זעקס אויטענטישע פּאָלינעזישע דערפער. די איינוווינערס, וואָס לעבן דאָרטן, טוען זייער אַרבעט אָט פונקט ווי זיי וואָלטן געלעבט אויף די אינדזלען. מען בויט, מען וועבט, מען פלעכט, מען מאַכט פאַרבן, מען פאַרבט שטאָפן, מען נייט און מען נייט אויס קליידער און בלוזקעס.

דער שטח פון קולטור־צענטער פאַרנעמט בסך־הכל פופצן אַקער לאַנד און דאָך קען מען מאַכן דאָרטן אַ קאָמפּלעטע אויספאָרשונג פון גאַנץ פּאָלינעזיע: די מאַאָריס, טאַאיטיס, האַוואַאיס, פידזשיס, טאָנגאַנס און סאַמאָאַס.

זייער טעאַטער אונטערן פרייען הימל מיט די 200 טענצער איז פאַנטאַסטיש, ממש אומבאַשרייבלעך. יעדע גרופּע פּרעזענטירט אירע אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע פאָלקס־טענץ באַגלייט מיט פאָלקס־מוזיק און פאָלקס־לידער. דער פאָלקס־באַלעט איז דער העכסטער קינסטלערישער אויסדרוק פון די פּאָלינעזישע שבטים.

* * * * *

וועגן די מוזעען אין די שטאַטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט: מען געפינט זיי ניט נאָר אין די גרויסע און קלענערע שטעט, נאָר אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד. אין וועלכן שטעטעלע מען זאָל ניט קומען, אפילו אין ווייטן אַלאַסקאַ, געפינט מען אומעטום מוזעען אָנגעפילט מיט אינדיאַנער און עסקימאָסישער קונסט.

אין יעדן מוזיי זיינען רעסטאַווירט גאַנצע סצענעס פונעם אַמאָליקן לעבנסשטייגער פון די אַמאָליקע איינוווינערס. די פיגורן זיינען, פאַרשטייט זיך, געמאַכט פון וואַקס אָדער אויסגעשניצטע פון האָלץ. יעדער מוזיי ווייזט באַלערנדיקע קאָלירטע פילמען מיט דערקלערונגען פון ספּעצן. אפילו די פילמען שאַפן די געהעריקע אַטמאָספער און רופן אַרויס די נאָסטאַלגיע פון צייטן פאַרגאַנגענע...

* * * * *

קיין שום פאָלק אין דער וועלט לייקנט ניט אָפּ און שפּרינגט ניט אַריבער זיין נאָענטן נעכטן כדי צו פאַרהייליקן זיין ווייטן אַמאָל. אַלץ אין וואָס דער שעפערישער גייסט פון אַ פאָלק האָט זיך ווען ניט אין ערגעץ־ווו אַנטפּלעקט איז ליב און טייער פאַר זיינע יורשים. אַזוי איז אָנגענומען און אַזוי פירן זיך נאָרמאַלע פעלקער.

אונדזער נאָענטער נעכטן; דער שעפערישסטער צווייג אין דער געשיכטע פון אונדדזער פאָלק איז ברוטאַל און רישעותדיק פאַרשניטן געוואָרן. אונדזער מיזרח־אייראָפּעישע תקופה איז אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען; איז אפשר ניטיק אויפצושטעלן צו די אַלע מצבות, יאָרצייטן און יזכור־ביכער אַ לעבעדיקן מאָנומענט נאָך דער אין בלוט און פייער פאַרשוווּנדענער תקופה?

דער איינציקער אָרט איז ישראל און נאָר דאָרטן מוז מען אויפבויען אַ קולטור־צענטער, וואָס זאָל פאַראייביקן דאָס אָפּגעווישטע לעבן פון אַמאָליקן יידישן שטעטל אין מיזרח אייראָפּע.

רעסטאַווירן אַ רעפּליקע פון אַ שטעטל מיט הייזער, קראָמען און שילדן לויט דער אַרכיטעקטור פון די צייטן ווען אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געלעבט. די פאַרקויפערס אין די קרעמלעך דאַרפן גיין אָנגעטאָן אין אַמאָליקע מלבושים, אַזוי אויך די איבעריקע איינוווינערס פון שטעטל. ס'מוזן זיין אַלע בעל־מלאכות מיט זייערע וואַרשטאַטן; ס'טאָר אויך ניט פעלן דער וואַסער־טרעגער, שמיד, בעל־עגלה אא"וו.

אַ שטענדיקער יידישער טעאַטער זאָל שפּילן פּערמאַנענט פון יידישן־קלאַסישן און פאָלקלאָר רעפּערטואַר; אָרגאַניזירן אַ יידישן פאָלקס־כאָר און פאָלקס־באַלעט; סטיליזירן חתונה־טענץ, פאָלקס־טענץ און חסידישע טענץ.

אַ מוזיי מיט קאָלעקציעס פון מאָלערייען און סקולפּטורן אויף יידישע טעמעס; מוסטערן פון בתי מדרשים אין פאַרשיידענע תקופות; אַן אויסשטעלונג פון אַמאָליקע בגדים און צירונג.

דאָס איז אַ גראַנדיעזער פּראָיעקט וואָס איז פאַרבונדן מיט ריזיקע געלט־סומען. אָבער „אין לך דבר העומד בפני הרצון." און אויב איר ווילט איז דאָס אויך ניט קיין חלום.

ק. פישבין / פּאַריז

# דער יידישער קינסטלער אַדאַם מושקאַ

דעם קינסטלערס אָפּשטאַם און די סביבה אין וועלכע ער וואַקסט אין זיינע יונגע יאָרן, לייגן אָפּט מאָל אַ חתימה אויף זיין שאַפונג. ביי אַדאַם מושקאַ זעגען, דאַכט זיך, די דאָזיקע עלעמענטן די דעטערמינירנדיקע פאַקטאָרן אין זיין שאַפונג־וועג. הגם אַליין אַ וואַרשעווער, איז ער אָבער געבוירן אין אַ שטעטל לעבן לאָדזש, און דער דאָזיקער געגנט פון פּוילן, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט יידישע פאָלקס־האַרמאָניע. צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך האָט ער איינגעזאַפּט דעם גאַנצן אַראָמאַט פון יידישן פאָלקס־שטייגער און דעם קאָלאָריט פון דער יידישער גאַס. מען קאָן זאָגן, אַז די ליבע צום יידישן פאָלקסמענטש איז ביי אים געוואַקסן צוזאַמען מיט זיינע ערשטע ציין; זי איז געוואָרן ביי אים אַ ביאָלאָגישער באַשטאַנדטייל פן זיין וועזן.

די וואָרצלען פן זיין טאַלאַנט האָבן אַ מאָל אַ ברירה צו גרייכן זייער ווייט אין דעם גענעטישן אָפּשטאַם פון קינסטלער. אין מושקאַס פאַל איז ער דער לעצטער רינג אין אַ קייט פון דורות טאַלאַנטפולע יידישע קינסטלערס, וואָס האָבן, וואָס אַן אמת, געווירקט אויף אַן אַנדער געביט, אויפן געביט פון נגינה. דער קערן איז אָבער געבליבן און חזרט זיך איבער ביי אַדאַם משקאַ אויפן געביט פון מאָלעריי. אַדאַם מושקאַ יחוס־בריוו שפּאַרט אָן אין דורות חזנים, באַקאַנטע בעל־מנגנים. מען דאַרף געדענקען, אַז אַ חזן ביי יידן איז נישט קיין טרוקענער שליח־ציבור פון תפילות. ער איז קודם כל דער בעל־מנגן, דער מוזיקער, פאָלקס־קינסטלער, וואָס האָט אַלע מאָל אין מוזיקאַלישן נוסח פון זיינע תפילות אויסגעניגונט די יידישע נשמה און געפורעמט דעם געשמאַק פון יידישן פאָלקסמענטש. דער מקום קדוש איז קיין מאָל ניט געווען בלויז אַן אָרט פון יידישער רעליגיעזער דערהויבונג. ער איז אויך געווען — און אפשר קודם־כל אַ מין קאָנצערט־זאַל ווו אַ חזן האָט דערלאַנגט אָן אַ שיעור מוזיקאַליש־עסטעטישן פאַרגעניגן.

מושקאַס אָבות זעגען שוין געווען פון די לעצטע קינסטלערס פון דעם דאָזיקן אַלטן ניגון, וואָס האָט זיך געפלאָכטן אַ קיימאַ־לן פון קאַרגע טויזנט יאָר אויף דער פּוילישער ערד. דעם דאָזיקן ניגון האָט איינגעזאַפּט דער מאָלער און געפורעמט זיין וועג אויפן געביט פון ליניעס און פאַרבן.

איז געקומען דער מלאך־המוות און דערשטיקט דעם ניגון. דורך אַ מהלך פון טויזנטער גיהנומס איז דער גילגול פון דעם ניגון אַריין אין דעם אייניקל פון דורות חזנים — און דאָס געזאַנג פון יידישן נעכטן איז פון אַן אַנדער טאָנאַציע און מאָדולאַציע געוואָרן מאָלעריי.

די קאָמפּאָזיציע וועלכע אַדאַם מושקאַ מאָלט, זענען מאָדעלן, וואָס טויכן אויף ביי אים פון ברעקלעך זכרונות. איז דערפאַר דער גרעסטער טייל פון זיין שאַפן בכלל, אויסגעפילט מיט אַ ראָמאַנטישער עלעגיע פון אַ נאָסטאַלגיש־שטילן געוויין.

מושקאַס לעצט־אויסגעשטעלטע שאַפונג איז אַ רעקוויעם אין פאַרבן נאָך אונדזער אַלעמענס פאַרשניטענער היים. אין דעם זיבען ווערט ער דער שליח־ציבור לויטן מוסטער פון זיינע אָבות די חזנים. אויב זיך האַלטן ביי דער מוזיקאַלישער טערמינאָלאָגיע, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז זיין רעקוויעם איז געבויט אויף דריי טעמעס מיט וואַריאַציעס: דאָס שטעטל, די יידישע פאָלקסמענטשן פון אונדזער פאַרשניטענער היים און די כפּרה־טעמע.

אין פּרעלודיום צום טרויער־געזאַנג — דאָס בילד, צוויי לייכטערס: די לייכטערס איבער וועלכע אונדזערע מאַמעס פלעגן פרייטאָג־צו־נאַכטס בענטשן זייער הויזגעזינד און אַריינפירן די מלכה שבת אין אונדזערע היימען. די דאָזיקע לייכטערס דערשיינען אויף מושקאַס בילד דערשיטערט ווי נאָך אַ מוראדיקער ערדציטערניש. אין דער סימבאָליק פונעם בילד ליגט דער עצם אינהאַלט פון אונדזער אומגליק. פאַרבלייבט נאָר אויפצושטעלן דעם נר־תמיד, זאָגן אל מלא רחמים, פאַרענדיקן מיט קדיש.



מושקאַס טעמע פון שטעטל איז אַן איבערפּרעטירטע רעסטאַראַציע פון יידישן שטייגער. מיט ליבע און צערטלעכקייט גלעט ער דעם פּייזאַזש פון יידישן לעבן. אָבער אין מיטן פון אַ לירישן אויסגוס רייסט זיך אַדורך אַ דראַמאַטישער קלאַנג. אין דעם דאָזיקן זינען באַאיינדרוקט דאָס בילד: „די גאַנצע שטאָט אויף מיין קאָפּ.“ די פּלאַסטישע טראַנסקריפּציע פונעם פאָלקסווערטל באַקומט ביים מאָלער דראַמאַטישע שפּאַנונג. ווען מיר קוקן זיך צו צום בילד אין אַן אַטמאָספערע פון אַ געדעמפּטן גרין, וואָס ווינקט זיך איבער מיט אַ קוים העלן בלוי, דערשיינט אַ יונגע פרוי, וועמענס גאַנצער כאַראַקטער פאַרמאָגט גאָר ווייניק עלעמענטן פונעם לוסטיק־צעשטרייטן פערסאָנאַזש פון פאָלקסווערטל. איבערן קאָפּ פון דער פרוי שפּרייט זיך אויס די שטאָט, אַן אַרכיטעקטאָנישער געבוי, וואָס האָט עפּעס אַ פאָרם פון אַ מאָנסטער. דער אָנווורף פון די זיגזאַגישע הייזער באַרג אַרויף, ביים קאָנטאַקט פון קאָפּ מיט דער שטאָט, דערגרייכט דעם קלימאַקס פון שפּאַנונג. ווער ווייסט צי דער קאַלטער אַרכיטעקטאָנישער מאָנסטער וועט ניט פאַרשלינגען דאָס געשטאַלט פון דער פרוי? דאָס בילד, וואָס האָט באַדאַרפט טראָגן אַ ריין יידיש־פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, דערגרייכט, אין אָנבליק פון אונדזער צייט, די אַלמענטשלעכע דימענסיע ווו סקומט צום אויסדריק דער מאָדערנער פּראָבלעם: דער מענטש און די היינטיקע אורבאַניזאַציע...

רייך איז די גאַלעריע טיפּן פון יידישן לעבן, וואָס מושקאַ ברענגט אַרויס מיט זיין פּענדזל, וואָס וועלן זיין אין דער אייביקייט פאַראייביקט. דעם וואַסערטרעגער, דער העלד פון יידישן פּייזאַזש, אים איילט זיך דער קינסטלער פאַרצושטעלן אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן בכדי ער זאָל חלילה אונדז נישט אַרויס פון זכרון. די יידישע מוזיק־קאַפּעליע איז זוכה אַ גאָר בכבודיקן פּלאַץ אין דעם סכום פון מושקאַס שאַפונג. מיט אַ זעלטענער פּיעטעט שילדערט ער די יידישע כלי־זמרים, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן חזן געטראָגן דעם יידישן ניגון. די דאָזיקע בילדער זענען ביים קינסטלער די עמאַנאַציע פון זיין קינדהייט, וואָס איז געווען אויסגעפילט מיט שירה. זיי דערמאָנען אַ רייכע יידישע פאָלקס־רוחניות.

אַ ציפּ ביים האַרצן גיט אַ שוואַרץ־ווייסע צייכענונג, עטלעכע פּשוטע שטריכן פון אַ וויאָלאָנטשעל, וואָס פון איר טיפן האַרץ גייט אויף אַ מזל־טוב־געזאַנג פאַר חתן־כלה אונטער דער חופּה — און טרויעריק ווערט אויף דער נשמה ביים בילד פונעם קלעזמער, וואָס שלעפּט דעם באַס אויף די פּלייצעס. די פיגור פון שפּילער איז אין דרויסן פון אונדזער וויזועלן פּערספּעקטיוו; דאָס וואָס מיר זען גוט, איז נאָר דער באַס, וואָס ליגט אויף די פּלייצעס פון דעם פאָרויס שפּאַנענדיקן ייד. וווהין גייט דער ייד? צו אַ פרישער שמחה אָדער קיין מיידאַנעק, טרעבלינקע, אָדער אין אַנדערע גיהנומס?... היינט ווייסן מיר, אַז דער באַס וועט מער ניט שפּילן... דער קלעזמער האָט פאַרענדיקט זיין לעצטן שוואַנען־געזאַנג נאָך אַן עפּאָכע אין יידישן לעבן, וואָס איז טראַגיש פאַרשוווּנדן.

ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף אַ צווייט בילד, זעען מיר ווי פון דער טיף גייט אויף אַ העל־בלוי שטעטל. אין דער פאָדערשטער ריי פון בילד — אַ האָן. אין זיינע שניי־ווייסע פעדערן שפּיגלט זיך דער בלויער שיין פון שטעטל. אַ בלוט־רויטער קאַם און גוידער פון סוטינס בלוטיקן רויט, קרוינט דעם קאָפּ פון האָן. פון דער הייך קוקט ער אַראָפּ אין דעם אָפענעם סידור אויפן שטענדער. ער האָט ניט קיין צוטרוי דער האָן... אָבער דאָס מאָל וועט דער עוף ניט זיין די כפּרה, ווייל אין בלויען קאַיאָר פונעם ליכטיקן פרימאָרגן, וואָס גייט אויף פאַרן שטעטל, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פינצטערע בראָך: פאַריתומט איז געבליבן דעם חזנס שטענדער מיטן אָפענעם מחזור. קיינער וועט שוין אין שטעטל מער ניט זאָגן דעם „בני־אָדם“.

דער כפּרה־מאָטיוו לאָזט ניט רוען אונדזער קינסטלער; ער דערשיינט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן און מאָדולאַציעס און כמעט שטענדיק באַגלייט פון קינדער. ביים מאָלן קינדער דערגרייכט מושקאַ דעם העכסטן גראַד פון אויסדריקן זיין גליאיקן ווייטאָג. די אויפגעריסענע אויגן פון די קינדער אויף די כפּרה־בילדער,

דער אויסדרוק פון זייער שטילער רעזיגנאַציע, שרייען אויס פאַר דער וועלט די גוואַלד־טענה: פאַרוואָס איז קיין שום כפרה נישט אומשטאַנד געווען אויסצולייזן זייערע קינדערישע לעבנס?! און ווער עס האָט אַן אויער צו הערן וועט ביי די דאָזיקע כפרה־בילדער דערכאַפּן דעם פליסטערנדיקן אל־מלא־רחמים־געזאַנג, וואָס מושקאַס זיידע, דער אַפּטער חזן ע"ה, וואָלט אויסגעוויינט על הקדושים ועל הטהורים.

אַזוי וועבט זיין איכה־ניגון פון על נהרות פוילן דער קינסטלער אַדאַם מושקאַ, דאָס אייניקל פון פוילישע חזנים.

## רבקה קאָפּע / פּאַריז

# אַדאַם מושקאַס בילדער אויסשטעלונג

(אַקראָסטיכאָן)

אַ גן־עדן חלום אויפגעלויכטן,  
די גאַלעריע בליצט מיט בילדער פון שטעטל אויפגעטויכטן.  
אַ פאַר לייכטער זוי צעבויגענע וואָגלער אין שטורעם —  
מיט זאָרג טראָגט אַ פרוי די שטאָט אויפן קאָפּ ווי אַ טורעם...

מוטערל קונסט, שטראַל מיך אָן, באַשטים מיר דעם טאָן.  
וואַרף אויף מיר דיין שיין און מיין פען שיכור אָן.  
שכינה יום־טובט — פאַר דעם חורבן דעם ווייטן,  
קומען מיט סימבאָלן, מיט בשמים פון צייטן.  
אַ קינסטלער האָט פון וויגעס ליכט געשלאָגן,  
פאַר די קומענדיקע דורות פאַרטאָגן.





### ס. נוטקעוויטש

# עלטערע מענטשן פאַרנעמען נייע פּאָזיציעס אין לעבן

איין זאַך וואָס פאַראייניקט אַלע מענטשן איז: אַלע עלטערן זיך. דאָס עלטערן זיך איז געוואָרן איינע פון די אַמיינסטן פּאָפּולערע ענינים פון אונדזער צייט.

כלערליי וויסנשאַפטן האָבן זיך גענומען צו אַנאַליזירן וואָס עלטער איז און ווי אַזוי מאַכט מען עס פאַר אַ דערפאָלג.

דעם וויכטיקסטן ביישטייער דערצו האָבן געגעבן צוויי וויסנשאַפטן. די ערשטע איז פאַרבונדן מיט דעם ביאָלאָגישן פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן עלטער, „דזשעריאַטריקס". די צווייטע האָט צו טאָן מיט דעם פסיכאָלאָגישן און סאָציאַלן פּראָצעס, „דזשעראָנטאָלאָגיע".

ביידע דיסציפּלינען אַרבעטן האַרמאָניש און דערגאַנצן איינע די אַנדערע. צו דער „דזשעריאַטריקס" וויסנשאַפטן באַלאַנגען קודם כל מעדיקערס פון אַלערליי ספּעציאַליטעטן און, פאַרשטייט זיך, די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער באַהאַנדלונג און פאָרשונג פון עלטערע מענטשן, ווי אויך פּסיכיאַטערן און פּסיכאָלאָגן וואָס פאָרשן די באַזונדערקייטן ביי עלטערע.

מיט „דזשעראָנטאָלאָגיע" פאַרנעמען זיך קודם כל פּסיכאָלאָגן, סאָציאַלע פאָרשערס ווי אויך סטודענטן פון די אַזוי גערופענע שפּעטערישע צייט פאַרברענגונג.

וואָס דערציילן אונדז די אַלע פאָרשונגען?

מיר ווייסן איצט, אַז די צאָל מענטשן פון איבער 65 יאָר אַלט באַטרעפט איצט אין די ציוויליזירטע לענדער מער ווי 10 פּראָצענט.

מיר ווייסן איצט, אַז די דאַטע פון באַצייכענען אַ מענטשן „אַלט" צו 65 יאָר איז אַ קינסטלעכע און אַ נישט יושרדיקע. דאָס פאַקטישע צווינגען די 65־יעריקע אויפצוגעבן זייער אַרבעט און דערמיט צו רעדוצירן זייערע פאַרדינסטן, איז איינע פון די גרויזאַמסטע מיטלען צו צווינגען געזונטע און לעבנספעיקע מענטשן צו פאַרקלענערן זייערע לעבנס־יאָרן און אויך צו צעשטערן זייער געזונט און שעפערישן אָנטייל אין דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי לעבן.

פאַראַן יונגע מענטשן, וואָס זיינען לויט דעם וויסנשאַפטלעכן באַגריף „אַלט" און פאַראַן עלטערע מענטשן וואָס זיינען לויט דעם זעלבן באַגריף „יונג".

לויט דער עצה פון די וויסנשאַפטלער, ווערן די עלטערע מענטשן געעצהט נישט אויפצוגעבן זייערע באַשעפטיקונגען, נאָר צו אַרבעטן אַזוי לאַנג ווי זיי קענען, אַזוי לאַנג ווי זיי ווילן. אַלע פאָרשונגען ווייזן אַרויס, אַז די אַזוי גערופענע „ריטייערטע" האָבן אַ מער גליקלעכן לעבן ווען זיי אַרבעטן און זיינען באַשעפטיקט.

בכדי צו קענען גליקלעך לעבן אַלס „ריטייערטער" איז נישט גענוג צו האָבן די מאַטעריעלע מיטלען דערצו. עס קומען אַריין אין קאָן פּסיכאָלאָגישע און פיזישע פּראָבלעמען און אויך פיזיש־קערפּערלעכע פּראָבלעמען. די וויסנשאַפטלער עצהן, צו זיין באַשעפטיקט און צו טאָן אַרבעט וואָס איז אונדז צום האַרצן.

* * * * *

לעצטן זומער 1975, איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער וועלט קאָנגרעס וועגן פּראָבלעמען ביי עלטערע מענטשן. מער ווי דריי טויזנט פאָרשטייערס פון פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען זיינען געקומען זיך טיילן מיט זייערע דערפאַרונגען אָדער זיך לערנען איינע ביי די אַנדערע.

הונדערטער רעפעראַטן און באַריכטן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן וועגן פאָרשונגען צווישן עלטערע. דער אינטערעס איז געווען געצילט אין צוויי ריכטונגען: צו געווינען מער לעבנס־יאָרן פאַרן מענטשן און ווי אַזוי קען מען די געוווּנענע יאָרן מאַכן אינטערעסאַנטער און גליקלעכער.

אין אַלע רעפעראַטן און באַריכטן איז אויפן ערשטן אָרט אָנגעוויזן געוואָרן די וויכטיקייט פון זיין לענגער באַשעפטיקט. נישט קיין קלענער אָרט פאַרנעמט דער ענין פון אויפהאַלטן אַן אינטערעס צום אייגענעם קערפּער (פיזישע איבונגען, דיעטע, אַ סך גיין, שווימען אד"גל) און אַ

מיטבאַטייליקונג און פלעגן די גייסטיקע אַנטוויקלונג און קולטור פונעם יחיד.

ביידע אינטערעסן, סיי די פיזישע ווי די גייסטיקע אַנטוויקלונגען דאַרפן גיין צוזאַמען.

* * * * *

אויף פאַרשיידענע אופנים איז די פּראָבלעם פון אייטאַנאַזיע (אַ מיטל פון צואיילן דעם פּראָצעס פון טויט אָן שמערצן) געקומען צום אויסדרוק אויף די וויסנשאַפטלעכע זיצונגען פון קאָנגרעס.

עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז מיליאָנען עלטערע מענטשן, וואָס ליידן פון אומהיילבאַרע כראָנישע קראַנקייטן און געפינען זיך אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד, ווערן געצוווּנגען צו „לעבן" אַן אומגליקלעך, גרויזאַם, ביאָלאָגישן לעבן.

שטאַרקע שטימען פון פּראָטעסט זיינען געהערט געוואָרן, אַז מען זאָל די קאַטעגאָריעס מענטשן אויסלייזן פון אומדערהערטע ליידן און זיי לאָזן שטאַרבן מיט אַ „מענטשלעכן" טויט.

פון רעליגיעזע קרייזן האָבן זיך געהערט ווידערשפּעניקע שטימען צו „אייטאַנאַזיע". זיי האָבן זיך פאַררופן אויף די „אייביקע" רעכט וואָס באַשטימען וועגן לעבן און טויט פון מענטשן.

אייטאָנאַזיע איז געוואָרן אַ זייער אַקטועלע טעמע אין די קרייזן פון עלטערע מענטשן. מאַסנהאַפטע קאָנפערענצן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון אוניווערסיטעטן מיט דער קאָאָפּעראַציע פון „סיניאָר סיטיזענס" אָרגאַניזאַציעס, וואָס די ענינים פון טויט זיינען דיסקוטירט געוואָרן.

* * * * *

מיט דעם פּראָגרעס פון דער וועלט, אַנטוויקלט זיך מער און מער דער אָנזען פון דער עלטערער באַפעלקערונג אין אַמעריקע.

די לעצטע 25 יאָר האָבן באַוויזן צו פאַרינטערעסירן וויכטיקע וויסנשאַפטן און מלוכהשע אינסטאַנצן אין דעם וווילזיין פון די עלטערע.

פון „פאַרשטויסענע" הייבט אָן די עלטערע געזעלשאַפט זיך אַרויסצורוקן אויבן אָן. פון אַן עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט האָבן די לעצטע 25 יאָר באַוויזן זייער שטאַרק צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די עלטערע. אויך פון אַ סאָציאַלן שטאַנדפּונקט פאַרנעמען די עלטערע אַ מער אָנגעזעענע פּאָזיציע אין אַמעריקאַנעם לעבן.

טויזנטער עלטערע זיינען פאַרשריבן אין די קלובן פאַר דערוואַקסענע און אין אוניווערסיטעטן און קאלעדזשעס לערנען זיך זייער אַ סך וואָס ווילן נישט נאָר באַרייכערן זייער וויסן נאָר האָפן נאָך צו מאַכן אַ נייע, פּראָפעסיאָנעלע קאַריערע.

אין די הונדערטער טויזנטער זיינען עלטערע מענער און פרויען פאַרנומען ביי וואָלונטערע אַרבעטן אין האָספּיטעלער, שולן, מושב זקנים און אָפּיסעס. זיי פאַרנעמען איצט אַ זייער אָנגעזען אָרט אין דער אַלגעמיינער ווי אין דער יידישער געזעלשאַפט און זיי באַקומען אויך זייער פאַרדינטן לויב און אָנערקענונג.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

**M. GOLDFARB**

153 So. Hayworth Ave.
Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 935-2950

פאַרוואַלטונג „חשבון"



## אברהם גאָלאָמב

# די ראָל פון עם־ארצים אין דעם קיום פון יידישן פאָלק

קודם כל דאַרף קומען אַ קלאָרע דעפיניציע פון באַגריף עם־הארץ, עם־ארצים. מיר געפעלט אמבעסטן די דעפיניציע פון רמב"ם (אין פּרקי אָבות): „תורה אין בהם אלא מעשים יש". עס הייסט, קיין תורה האָבן זיי ניט, אָבער מעשים, פירונגען האָבן זיי יאָ. זיי פירן זיך ווי יידן אפילו אַז זיי האָבן ניט קיין תורה, זיי זיינען ניט קיין געלערנטע. פּראָסטע, ניט קיין געלערנטע יידן, וואָס פירן זיך אָבער ווי יידן. פאַראַן געלערנטע, וואָס קענען אַ סך תורה, אָבער זייער פירונג, זייער אויפפיר איז ווייט ניט קיין יידישער. פאַראַן אפילו גויים, וואָס קענען גוט לערנען. בכן עם־הארץ, עם־ארצים, דאָס זיינען יידן אָן תורה, אָבער זייער אויפפיר, זייער שטייגער איז אַ טראַדיציאָנעל יידישער.

ניט דאָ איז דאָס פּאַסיק אָרט צו דערקלערן פון וואַנען קומט די פאַרבינדונג פון „עם הארץ" — „דאָס פאָלק פון לאַנד" — מיט ניט־געלערנטקייט. ס'איז אַ היסטאָרישע, אָבער מיר וועלן די פאַרבינדונג דאָ לאָזן, ניט דערקלערן.

די צווייטע באַמערקונג זאָל זיין אַ ריין גראַמאַטיקאַלישע: אַלע טאָפּל־ווערטער פון העברעיש, וואָס זיינען אָנגענומען אין יידיש, האָבן זער מערצאָל־פאָרם ניט אין ערשטן וואָרט ווי אין העברעיש, נאָר אין צווייטן וואָרט, ווי זיי וואָלטן געווען איין וואָרט. ספר תורה — אין מערצאָל אין העברעיש: ספרי תורה. אין יידיש אָבער אין דער מערצאָל פון ספר תורה — ספר תורות; בעל מלאכה — בעלי מלאכה אין העברעיש און אין יידיש: בעל מלאכות; בעל הבית, אין עברית: בעלי הבית; אין יידיש: בעלי־בתים (אַרויסגערעדט: באַלעבאַטים) דערפאַר שרייב איך עם־ארצים ניט עמי הארץ.

די דריטע באַמערקונג: דאָס וואָרט עם־הארץ ווערט גענוצט ווי אַ זידלוואָרט, כמעט אַזוי ווי „גראָבער יונג"... דאָ אָבער באַנוץ איך דאָס וואָרט עם הארץ אָן שום ווילן עמיצן צו באַליידיקן, פאַרדאַמען חלילה. מיר גייט דאָ פּשוט אין דער היסטאָרישער ראָל פון די עם־ארצים אין לעבן פון יידישן פאָלק.

נאָך די אויפקלערונגען קענען מיר צוגיין צום אינהאַלט פן דעם אַרטיקל.

* * * * *

דאָס וואָרט עם הארץ איז זייער אַן אַלטס. דאָס ערשטע מאָל טרעפט עס זיך ביים אברהם אבינו, ווען ער קויפט ביי די בני חת די מערת המכפלה פאַר אַ קבר פאַר שרה. און אַזוי טרעפט זיך דאָס וואָרט עם הארץ אין תנ"ך אַ מאָל צוואַנציק. אַלע מאָל מיינט עס אָבער בוכשטעבלעך: דאָס פאָלק פון לאַנד. די בני חת זיינען געווען די אַלטע איינוווינערס פון דעם אָרט, זיינען זיי דאָס פאָלק פון דעם לאַנד, און אַזוי גייט עס כסדר אין גאַנצן תנ"ך. קיין שום באַליידיקונג איז אין דעם וואָרט ניטאָ. אַן אַלט־געזעסענער איז אַן עם הארץ. אַזוי איז עס אַלע מאָל אין תנ"ך. ערשט אין דער גמרא, ווי די גמרא באַנוצט דאָס וואָרט איז שוין פאַראַן דער באַגריף פון אַ ניט געלערנטן מענטש. דאָ איז שוין דער אונטערשייד צווישן עם הארץ און „חבר". אויף אַ חבר קען מען זיך פאַרלאָזן, אַז ער פירט זיך אין אַלע פּרטים ווי די חז"ל האָבן אָנגענומען. אַן עם הארץ קען מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף אים. עס קומט אויס, אַז די שטענדיקע איינוווינער פון לאַנד זיינען ניט אָפּגעהיט אין די מצוות און מען קען זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזן.

ערשט אין צייט פון צווייטן בית המקדש איז אויפגעקומען דער נייער באַגריף פון דעם וואָרט עם הארץ. „חברים" זיינען די געקומענע קיין ארץ ישראל. מסתמא פון גלות בבל, פון פּרס. די אָרטיקע, די געבליבענע אין לאַנד, יידן וואָס זיינען אין גלות ניט געגאַנגען, זיי זיינען דאָס די עם־ארצים, די עמי הארץ, וואָס זיינען געווען שטאַרק אַסימילירט.

עס באַקלאָגט זיך דער גרויסער, הויכער באַאַמטער פון פּערסיע — נחמיה, אויף דעם ביסל יידן וואָס זיינען אין גלות ניט געווען, געווען די גאַנצע צייט אין

דער „היים", אין ארץ ישראל, און זיי האָבן זיך שטאַרק אַסימילירט. די יידישע שפּראַך (נחמיה רופט זי „יהודית"— די שפּראַך פון יהודה) האָט מען פאַרגעסן; קינדער ריידן „אַשדודיש" — אַ שפּראַך פון די אַרומיקע פעלקער; געמישטע חתונות אָן אַ שיעור. גאַנץ מעגלעך אַז די „שומרונים", וואָס האָבן שטאַרק געשטערט דעם אויפבוי פון לאַנד, און קעגן זיי האָט נחמיה געמוזט שטאַרק קעמפן. ממש ווי ער דערציילט: „מיט איין האַנט אַרבעטן, בויען, און מיט דער צווייטער האַלטן גרייט דאָס געווער זיך צו פאַרטיידיקן. דעמאָלט איז עס געוואָרן דער גרויסער אונטערשייד צווישן די געקומענע פון בבל „חברים" און די געבליבענע אין לאַנד" עם־ארצים, עמי הארץ.

יידישקייט איז נאָך אַ מאָל געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל פון גלות. די געקומענע פון גלות זיינען געווען אָפּגעהיט אין די מצוות און עבירות און די געבליבענע אין לאַנד זיינען געווען פאַרגרעבט און אַסימילירט. די תורה איז ווידער געבראַכט געוואָרן צו יידן פון גלות. די גמרא זאָגט: ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו. ער איז ניט קלענער פון משהן.

ווער איז ניט אָפּגעהיט אין מצוות און מען קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן? דאָס זיינען די וואָס זיינען געבליבן אין לאַנד בעתן גלות, די וואָס זיינען אין גלות ניט געגאַנגען, די עם־הארץ — דאָס פאָלק פון לאַנד. איז עס געוואָרן עם הארץ אַ סינאָנים פון אַ יידן וואָס מען קען זיך אויף זיין יידישקייט ניט פאַרלאָזן. ווער איז יאָ באַגלויבט אין יידישקייט — דער „חבר", דער געקומענער פון בבל.

עס איז שטאַרק צו באַוואונדערן די גוואַלדיק גוטע השפעה וואָס דער גלות בבל האָט געהאַט אויף יידן. מען נעמט אָן אַז עס זיינען געווען צוויי נביאים, וואָס זייערע רייד זיינען געבראַכט אין ספר ישעיה. ביז דעם קאַפּיטל מ' האָט גערעדט דער נביא ישעיהו דער ערשטער; פון קאַפּיטל מ' און ווייטער האָט גערעדט אַ נביא אין גלות. דער ערשטער איז געווען שטאַרק אין כעס אויף יידן; דער צווייטער, דער גרויסער אַנאָנים (מען רופט אים ישעיהו דער צווייטער) האָט געמוטיקט, געטרייסט די יידן. עס איז אַ וואונדער, ווי ער לאַכט אָפּ פון די געטער פון בבל. געוויינטלעך איז אַ פאָלק אין גלות געפאַלן ביי זיך, האַלט פון זיך ווייניקער ווי פון הערשנדיקן פאָלק. ישעיהו דער צווייטער לאַכט אָפּ פון די בבלישע געטער. ער האַלט זייער פון פערסיע, וואָס האָט איינגענומען בבל. געוויינטלעך האָט אַ פאָלק אין גלות שטאַרק דרך ארץ פאַרן בעל־הבית־פאָלק: דאָס פאָלק איז גרויס און זיינע געטער זיינען גרויס און מעכטיק. דער נביא אין גלות איז שטאָלץ מיט זיין יידיש פאָלק, ער לאַכט גאָר אָפּ פון בבל מיט אירע געטער. קענטיק אַז אין גלות האָט מען זיך שטאַרק צוגעהערט צו דעם נביא.

בכלל האָט דער קורצער גלות געהאַט אַ גוואַלדיק גוטע דערציערישע השפעה אויף דעם יידישן פאָלק. אַוועק אין גלות זיינען שבטים; געקומען פון גלות איז אַ פאָלק מיט אַ פאָלקישן באַוווסטזיין, מיט אַ געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט.

עזרא לייענט די תורה, וויינט דאָס פאָלק. עס איז אַמאָל, אַמאָל, פריער, נאָך אַ צייט פאַרן גלות, בעת אַ רעמאָנט געפונען געוואָרן אין בית המקדש אַ ספר (מען מיינט אַז דאָס איז געווען דער ספר דברים). דער מלך לייענט דעם ספר און וויינט. דער מלך האָט געוויינט. ביי עזרא וויינט דאָס גאַנצע פאָלק הערנדיק די תורה. דאָס גאַנצע געקומענע פאָלק איז באַוווסטזיניק געטרייע יידן, ניט דער מלך אַליין. איבערהויפּט גרויס איז די געטריישאַפט צו יידישקייט ביי די „חברים" וואָס זיינען געקומען פון בבל., אָבער ניט די געבליבענע אין לאַנד, די עם הארץ, דאָס פאָלק וואָס איז געבליבן אין לאַנד, דעם „עם הארץ".

אָט אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דער גרויסער אונטערשייד צווישן דעם געקומענעם „חבר" און דעם געבליבענעם אין לאַנד „עם הארץ". די „חברים", די געקומענע פון בבל, אָפּגעהיט אין אַלע מצוות און עבירות, ווי עזרא און זיינע תלמידים האָבן געלערנט. פאַרקערט, דאָס עם הארץ — די געבליבענע אין לאַנד — פרעגט זיי בחרם, זיי ווייסן גאָר ניט, אין גאַנצן אַסימילירט. מען דאַרף געדענקען, אַז געלאָזט זיך אין דעם שווערן וועג צוריק פון בבל צו דער אַלטער היים האָבן דאָך די געטרייסטע פון גלות מען.איז דאָך ניט געפלויגן



אין ערופּלאַנען. מען איז געגאַנגען צופוס אָדער געריטן אויף דעם לאַנגן און שווערן וועג.

עס איז אַ פראַגע : פאַרוואָס האָט דער גלות בבל דערצויגן געטרייע גוטע יידן און דער אומגליקלעכער גלות אַשור האָט אין אַ קורצער צייט אין גאַנצן אַסימילירט די צען שבטים פון מלכות שומרון, אַז עס איז פון די יידן קיין זכר ניט געבליבן און אין אַ הונדערט יאָר אַרום נאָכן גלות שומרון בענקט דער נביא ירמיהו נאָך דעם „הבן יקיר לי אפרים" און עס איז שוין ניטאָ ווער עס זאָל זיך אָפּרופן; אַלע אין גאַנצן אַסימילירט. ניט געבליבן מער קיין יידן פון שומרון, פון די גאַנצע צען שבטים. אַזאַ גוואַלדיקער אונטערשייד!

גלות בבל האָט ממש דערצויגן גוטע יידן; גלות אַשור האָט די יידן אין גאַנצן אַסימילירט; אָפּגעמעקט געוואָרן דער יידישער זכרון פון שומרון. דער אונטערשייד איז געווען ווי אין די פאַרטרייבערס (אַשור און בבל) אַזוי אויך אין די פאַרטריבענע (שומרון און יהודה). דער פאַרטרייבער, אַשור, איז געווען רוצחישער, אָן רחמנות. איך האָב אַמאָל געלייענט אַן איבערזעצונג פון סנחרבס באַרימערייען, אַז זיינע רייטוועגענער זיינען געלאָפן ביז די אַקסן אין בלוט פון די אומגעבראַכטע פעלקער. גאָר פאַרקערט האָבן זיך באַצויגן די מלכים פון בבל, איבערהויפּט פון פערסיע שפּעטער. (זע מגילת אסתר). דאָס איז דער אונטערשייד אין די באַהערשערס. איז אָבער געווען אַן אונטערשייד אויך אין די יידן פון שומרון און יהודה.

אין מלכות שומרון זיינען די יידן גופא געווען קנאַפּערע יידן, איידער אין מלכות יהודה. אַשור האָט פאַרטריבן קנאַפּע יידן. בבל האָט פאַרטריבן באַוווסטזיניקע יידן. גאָר אַנדערע יידן זיינען עס געווען אין יהודה. די האָבן געוואָלט זיך אַסימילירן, בעת אין מלכות שומרון איז גאָר ניט געווען אַזאַ יידישקייט. אויב עס איז דאָ אַ יידיש פאָלק ביז היינט, איז עס פון בבל. אויך די געבליבענע אין בבל יידן האָבן לגמרי זיך ניט אַסימילירט. מען קען זאָגן, אַז דאָס יידישע פאָלק בכלל פון היינט שטאַמט פון בבלער יידן.

אָט פון יענער צייט שטאַמט עס דער נייער באַגריף עם הארץ. די געבליבענע אין לאַנד, די עם הארץ, זיינען געוואָרן דער קעגנזאַץ צו די אָפּגעהיטענע געקומענע יידן. פון בבל זיינען געקומען געטרייע יידן, געלאָזט אַלע גליקן פון גלות און זיך געלאָזט איבער די דעמאָלטדיקע וועגן־אומוועגן; געקומען און זיך געלאָזט בויען אַ ה י י ם פאַרן גאַנצן פאָלק. זיי האָבן געבויט מיט מסירת נפש. אפילו אַ ייד אַ מיניסטער אין גלות האָט זיך געלאָזט קיין ארץ ישראל און ער האָט אַ סך אויפגעטאָן (נחמיה).

דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט שטאַמט דאָך איבערהויפּט פון בבל. האָט דאָך דאָס יידישע פאָלק אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער איבערהויפּט געלערנט דעם „תלמוד בבלי". די אמתע געטרייע, איבערגעגעבענע יידן זיינען געווען די געקומענע פון בבל, ניט די אַלטגעזעסענע איינוווינערס פון לאַנד, ניט די עם־ארצים. עס איז דערגאַנגען ביז צו אַזאַ מאמר: „אין פורעניות באה לעולם אלא בשביל עמי הארץ" (בבא בתרא ח')—אַלע צרות נעמען זיך צוליב די עם־ארצים . . . אָדער נאָך מער, נאָך ווייטער: „ממזר תלמיד חכם קודם לכוהן גדול עם הארץ" (עוריות י"ג). די עם־ארצים האָבן אויך ניט ליב געהאַט די תלמידי חכמים.

דער נאָמען תלמיד חכם האָט פאַרביטן דעם פריערדיקן נאָמען חבר. פאַראַן זייער פיל אַזוינע מאמרים אין תלמוד. און פאַרקערט, איז מיר אַ סך ליבער אַ פאַרקערטער מאמר אין גמרא: „הזהרו מבני עם הארץ שמהם תצא תורה" (סנהדרין צ"ו א'). דווקא די מימרא איז וויניקער באַקאַנט. דווקא די מימרא איז מיר זייער ליב. מיר דאַכט זיך אַז דווקא דער מאמר כאַראַקטעריזירט ריכטיק די אַנטוויקלונג פון יידישקייט בכלל.

לאָמיר דאָס דערקלערן: יידישקייט, יידישע רעליגיע שיידן זיך אונטער פון אַלע אַנדערע רעליגיעס ביי די אַלע אייראָפּעישע פעלקער (און אויך אַמעריקע)! אַלע פעלקער האָבן אַ רעליגיע איבערגענומען פאַרטיקערהייט. ביי דעם יידישן פאָלק איז די רעליגיע אָבער געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט. פון די עשרת הדיברות ביז דעם שולחן ערוך — אַ ווייטער מהלך.

ווי ווערט געשאַפן אַ דין, אַ מצווה? עס איז לגמרי ניט אַזוי איינפאַך: עס האָבן

זיך אָװעקגעזעצט די רבנים און געשאַפן דיינים. אַזוי האָבן זיך פאַרגעשטעלט נאַ־איװע משכילים (זען: „הדת והחיים" פון ר. א. ברױדעס). אין דער אמתן איז עס לגמרי אַנדערש. רעליגיע בכלל און יעדער דין בפרט װאַקסט אַן ביסלעכװײז. בראשית איז עס אַ מינהג. יידן פירן זיך אַזוי, למשל, מען עסט שבת אין דער פרי רעציסניק (אַ טייגעכץ פון רעטשענע מעל). אַזאַ מינהג איז געװען ביי װילנער יידן. װען אַזאַ מינהג פאַרפעסטיקט זיך, װערט פאַרשפרייט, װערט עס פון אַ מינהג אַ דין. כ'האָב ערגעץ געזען אין אַ ספר: „ונוהגין לאכול קוגל" — עס איז אַ שטייגער צו עסן שבת קוגל. געשריבן האָט ער אין לשון קודש (העברעיש) אָבער קיין העברעישן װאָרט פאַר קוגל איז ניט געװען, שרייבט ער דאָס װאָרט אין יידיש. עס הייסט, אַז דער אונטערשייד צװישן אַ מינהג און אַ דין איז אין עלטער און פאַרשפרייטקייט.

מיר נוצן תפילין, אָדער רש"ס אָדער רבינו תמס. װי האָבן אָבער יידן זיך געפירט פאַר רש"י? װייס איך ניט. עס איז אַן אָפּשטאַם פון אַן אוראַלטן מינהג „טוטפות" (יהואש פאַרטייטשט: שטערנבאַנד). קענטיק אַז גאָר אַמאָל איז עס ביי די אורפאַרצייטיקע יידן געװען אַ מין צירונג צו טראָגן „צװישן די אויגן" (בין עיניך). דער נאָמען פון דער צירונג איז געװען טוטפות. אין משך פון אַ סך דורות איז פון דעם געװאָרן די הײנטיקע תפילין. אַן ענלעכן פּראָצעס האָט דורכגעמאַכט די מצוה פון מצה, טלית, ציצית וכדומה.

װאָס עלטער אַלץ מער פאַרהייליקט איז די מצוה. און אַזוי גייט עס: מינהג, אַלגעמיינער מינהג, דין, מצוה. דאָס איז דערפאַר װאָס די יידישע רעליגיע איז אַן אָרגאַניש אייגענע, אַ יידישע פון אָנהייב אָן. דאָס הייסט, אַז יעדע מצוה האָט איר אַנטװיקלונג — פון מינהג ביז מצוה און מצוה צו מצוה איז דאָך אויך ניט גלייך. אַלע מצוות אָבער הייבן זיך אָן פון מינהגים, און װער זיינען די בעסטע אָפּהיטער פון מינהגים? דאָס זיינען דאָך די עם־ארצים. דאָס הייסט, אַז די עם־ארצים, װי מיר געדענקען זיי פון די שטעטלעך. ביי זיי זיינען פאַראַן די זאַמען פון די מצוות. און מצוות זיינען דאָך דער אינהאַלט פון יידישקייט, דאָס װאָס שיידט זיי אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער. אָט אַזוי טייטש איך אויך דעם מאמר פון גמרא: „הזהרו מבני עמי הארץ, שמהם תצא תורה."

פון אַ מינהג װערט אַ מצוה און פון אַ סך מינהגים װערט אַ גאַנצע תורה פון יידישקייט בכלל. דערפאַר געפעלט מיר אַזוי שטאַרק דער מאמר חז"ל װאָס איך האָב געבראַכט אויבן: „הזהרו מבני עמי הארץ שמהם תצא תורה." עס קומט אויס עפּעס מאָדנע מיט די פיס אַרויף: די תורה, די יידישקייט שטאַמט פון די עם־ארצים, און פון זייער אויפפיר; פונקט פאַרקערט װי עס איז אָנגענומען, אָבער פּאָרט װי עס איז ריכטיק.

און דערפאַר בין איך ממש אויפגעשפרונגען װען איך האָב איבערגעלייענט די דעפיניציע װאָס דער רמב"ם גיט דעם באַגריף עם הארץ. ער שרייבט (אין פרקי אָבות ה'): עם הארץ האָט דעם שטייגער אָבער ער האָט ניט קיין תורה, און דער רמב"ם גיט צו: „והם טובים לישוב." װען איך נעם טראַכטן װען און װי יידן האָבן געהאַט אַזוינע עם־ארצים, זע איך — דאָס זיינען דאָך מיינע ליבע יידן פון שטעטל אָדער אפילו פון דאָרף. געלערנט, גאָר ניט, אָבער שטייגער, יידישע פירונגען — דאָס האָבן זיי. עם הארץ — דאָס זיינען דאָך די מערהייט יידן פון דעם שטעטל, װאָס לערנען קענען זיי ניט, אַ „שייטל עברי" קומט זיי אָן מיט שװייס, אָבער שטייגער — דאָס איז פאַראַן גענוג. פאַרװאָס טוט ער אַזוי? װייל אַזוי האָט געטאָן זיין פאָטער, זיין זיידע, אַזוי איז די פירונג פון אַ יידן.

יעדער יידישער מינהג און דער גאַנצער יידישער שטייגער האָט זיין געשיכטע אין דעם יידישן פאָלק גופא. די יידישע רעליגיע איז געװאַקסן און זיך אַנטװיקלט צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק. מען קען ניט בייטן די רעליגיע און בלייבן אַ ייד, װייל זי, די רעליגיע, איז אַ טייל פון שטייגער; נאָך ריכטיקער — די יידישע רעליגיע איז דער פאַרהייליקסער אַמאָליקער יידישער שטייגער. עם־ארצים זיינען דאָס יידן װאָס קיין תורה האָבן זיי טאַקע ניט, אָבער מעשים, פירונגען, שטייגער יידישן האָבן זיי מער פון אַלע אַנדערע און זיי היטן דעם שטייגער בעסער



פון אַלע. און דעריבער גיט צו דער רמב"ם דאָרטן גופא (אין פרקי אבות ה') „והם טובים לישוב." די עם־הארצים זיינען גוט פאַרן ישוב. שייך צו זאָגן „גוט", — זיי זיינען דער זייל פון יידישן ישוב. הונדערט גדולי ישראל אָן שטייגער — איינשטיינס, װעמען איר װילט, זיינען ניט קיין יידישער ציבור. און צען יידישע עם־ארצים זיינען יאָ אַ ציבור, יאָ אַ מנין, אַן איינס פון יידישן קאָלעקטיװ.

עס איז פאַר מיר געװען אַ פראַגע: װי האָבן יידן איבערגעלעבט, װי האָבן דאָס יידן אויסגעטראָגן אַזאַ לאַנגן און שװערן גלות? — דער שטייגער, דער עם־ארצישער שטייגער — ער האָט עס אויסגעהאַלטן דעם גלות מיט אַלע זיינע צרות, װאָס די גלויבער אין „רחמנותדיקן גאָט" האָבן אויסגעטראַכט. ביי יידן איז עס געװען לחלוטין אַנדערש: עלעמענטן פון יידישן שטייגער, די עלטערע און גאָר אַלטע מינהגים־דינים האָבן דאָס אויסגעפילט דעם אָרט פון רעליגיע ביי יידן. די עצם גאָט־באַגריפן האָבן זיך כסדר געענדערט. פון „אלהים מתהלך בגן לרוח היום", „ה' איש מלחמה", ביז „ברוך המקום" — זיינען אַלץ װייטע מרחקים. און דאָס האָט אַלץ דורכגעמאַכט דאָס יידישע פאָלק! װאָס איז אָבער אַלע מאָל געבליבן? געבליבן איז דער אייגענער יידישער שטייגער, און דער שטייגער איז ביי די עם־ארצים צום שטאַרקסטן, צום פעסטסטן. דאָס איז די ראָל פון די עם־ארצים אין דעם גרויסן שפּיל פון קיום פון יידישן פאָלק. שטייען די יידישע שולן אויפן ריכטיקן װעג? מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק װאָס האָט דורכגעמאַכט אָט דעם גאַנצן היסטאָרישן װעג. די עם־ארצים אין די שטעטלעך האָבן אונדז געבראַכט עד הנה. דערפאַר איז ריכטיק דער „הזהרו... שמהם תצא תורה.

די תורה קומט אַרויס סוף כל סוף פון עם־ארצישן שטייגער, פון די עם־ארצים. און ניט געקוקט אויף דער שינאה װאָס טרעפט זיך אין תלמוד פון די תלמידי חכמים צו די עם־ארצים. פון דעסטװעגן קענען מיר אויך לערנען אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דעם עם הארץ, פון די עם־ארצים בכלל. אָט איז אַ מאמר חז"ל: „יעדע הלכה װאָס דו האָסט װעגן איר ספקות און דו װייסט ניט װי צו פּסקענען, גיי און זע װי דער ציבור פירט זיך."

אַז מען איז געקומען צו היללן און געפרעגט עפּעס אַ דין, װי זיך צו פירן, ענטפערט הילל: „פוק חזי" — גייט און זעט װי יידן פירן זיך און אַזוי זאָלט איר טאָן. (הילל האָט מן הסתם געקענט העברעיש, אָבער ער רעדט די פאָלק־שפּראַך: — „פוק חזי" און ניט „צאו וראו". ביז עס איז געװאָרן אַ כלל: האָסט ספקות, טאָ קוק זיך צו צו די פירונגען פון פאָלק. און װער איז דאָס פאָלק? — דאָס זיינען די זעלביקע עם־ארצים. די פירונגען פון עם־ארצישן פאָלק — אַזוי דאַרף מען טאָן.

נאָך אַ װוּנדערבאַרע גמרא װיל איך ברענגען (חולין צב, א'): „די עמי הארץ זיינען געגליכן צו די בלעטער פון װיינשטאָק." און רש"י דערקלערט, אַז די בלעטער באַשיצן די פרוכט פון װיינטן און פון היץ... װעלן מיר ניט האָבן קיין פאַריבל אויף רש"י, װאָס האָט ניט געװוסט די ריכטיקע מאָס פון די בלעטער. ביזן סוף 18טן י"ה און אָנהייב 19טן י"ה האָט קיין מענטש אין דער גאַנצער װעלט ניט געװוסט די אויפגאַבע פון די בלעטער. איצט איז עס באַקאַנט, אַז אַלע אָרגאַניזמען קענען זיך דערנערן נאָר מיט אָרגאַנישע זאַכן (אַחוץ זאַלץ און װאַסער). אָרגאַנישע שטאָפן שאַפן זיך אָבער נאָר אין די גרינע טיילן פון געװיקס. די גרינע בלעטער — דאָס איז די איינציקע לאַבאָראַטאָריע װאָס פּראָדוצירט אָרגאַנישע שטאָפן. דער אמת איז באַקאַנט געװאָרן נאָר אין 19טן י"ה. דער פאַרגלייך בלייבט ריכטיק אויך איצט: די עם־ארצים זיינען װי די בלעטער — די איינציקע לאַבאָראַטאָריע, װאָס שאַפט פון שטייגער מינהגים, דינים און הלכות.

פרעגט זיך: אויב אַזוי, טאָ װאָס קלאָגן קלאָגערס װעגן קיום? װאָס איז אין סכנה? קנאַפּ האָט דאָס יידישע פאָלק איצט עם־ארצים, װאָס װייסן ניט װאָס עס איז אַ סידור? איז אָבער די מעשה ניט אַזוי. ניט אַלע „בורים" זיינען עם־ארצים. לאָמיר זיך דערמאָנען די דעפיניציע פון רמב"ם: עם־ארצים זיינען די װאָס קיין תורה האָבן זיי ניט, אָבער , פירונגען, שטייגער, האָבן זיי. די הײנטיקע כלומרשטע עם־ארצים האָבן ניט קיין תורה און

זיי האָבן אויך ניט קיין מעשים, קיין שטייגער קיין יידישן. זיי זיינען עפּעס אַזוינס וואָס דער רמב״ם האָט גאָר ניט געזען. ניט קיין תורה און אויך ניט קיין שטייגער. זייער וויסן איז אַ פרעמדס, זייער דענקען איזניט קיין יידישעס. אפילו געפילן זיינען ביי זיי פרעמדע, איבערגענומען, זיך אָנגעשטעקט פרעמדע געדאַנקען, פרעמדע אידעאַלן.

ווייט ניט אַלץ וואָס עס איז געזאָגט מיט יידישע ווערטער, געשריבן מיט יידישע אותיות זיינען יידישע. עס קענען זיין געדאַנקען און אויך געפילן, וואָס זיינען איבערגענומען פון דער פרעמד, איבערגעזעצט אויף יידיש, ווי אַ בגד פון פרעמדע פּלייצעס. אַזויגע פרעמדע געדאַנקען מיט יידישע אותיות געשריבן האָבן אונדז געבראַכט אַ סך שאָדן. לאָמיר זיך אויסהיטן פון דעם. די צרה פון אונדזער מצב היינט איז וואָס מיר האָבן מער ניט קיין עם־ארצים. אין שטעטל זיינען געווען עם־ארצים, און די עם־ארצים האָבן דאָס אויפגעהאַלטן דעם קיום פן פאָלק. אין היינטיקן ארבאַניזם, אין די שטעט, האָבן מיר ניט קיין עם־ארצים. איז אין דעם די סכנה פאַרן קיום פון פאָלק.

לאָמיר זיך דערמאָנען נאָך איין אַלגעמיינעם כלל: ווי ווערט בכלל אַ פאָלק געבאָרן — פון עם־ארצים, וואָס האָבן ניט קיין אלף־בית, קיין גראַמאַטיק, קיין שריפט־קולטור. פון עם־ארצים ווערט אַ פאָלק געבאָרן. און אויך שפּעטער, אין דער קולטור־תקופה, האַלטן די עם־ארצים אויף דעם קיום פון אַ פאָלק. אין די שטעטלעך האָבן מיר געהאַט עם־ארצים, איז דער קיום פון פאָלק געווען זיכער. מיר האָבן מער ניט קיין עם־ארצים, איז דער קיום פון פאָלק אין סכנה. אַ מענטש ווערט געבאָרן נאַקעט פון יעדן וויסן, און אפילו דער גרעסטער חכם מוז שטאַרבן. אַזוי איז אויך מיט אַ פאָלק בכלל: ניט די גדולי האומה האַלטן אויף דעם קיום פון פאָלק, נאָר די עם־ארצים.

## אַרויס פון דרוק: „די אַנטלויפערס״ און „פון גסיסה צום לעבן״ פון רחמיאל בריקס ע״ה

דאָס לעצטנס דערשינענע בוך פון רחמיאל בריקס ע״ה: „די אַנטלויפערס״ און „פון גסיסה צום לעבן״ האָט אַרויסגעגעבן זיין אַלמנה הינדע בריקס.

דאָס איז רחמיאל בריקסעס 8טע בוך, אַחוץ די צענדליקע פראַגמענטן פון זיינע ווערק, דערציילונגען און לידער, פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע שריפטן אין אַמעריקע, קאַנאַדע, ישראל, אויסטראַליע, אַרגענטינע, דרום־אַפריקע און אַנדערע לענדער. דאָס בוך אַנטהאַלט 272 זייטן, די ביבליאָגראַפיע אַריינגערעכנט, מיט אַ בילד פונעם מחבר, געצייכנט פון רפאל סאָיער, און מיט אַן אַריינפיר פון פראָפ׳ סאָל ליפּצין (ישראל).

סיי די 17 קאַפּיטלעך פונעם ערשטן טייל פון בוך: „די אַנטלויפערס״, סיי די 12 קאַפּיטלעך פונעם צווייטן טייל: „פון גסיסה צום לעבן״, ווו דער מחבר שילדערט לעבעדיק און בילדלעך די אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען פונעם מחבר גופא, די שוידערלעכע פּיינען און דער אומקום פון אונדזער פאָלק אין די נאַצישע געטאָס און אין די קאַצעטן, מאַכן אַ גרויליקן איינדרוק אויפן לייענער. דאָס זיינען מעמואַרן פונעם מחבר וואָס איז על־פּי־נס ניצל געוואָרן, אין אַנהייב, אין זיין געבורטשטאָט, לאָדזש, און שפּעטער אין אוישוויץ, אין די קאַצעטן און ביז דער באַפרייאונג. דאָס בוך מאָנט און דערמאָנט ניט צו פאַרגעסן און ס׳איז אַ באַטייטנדיקער ביישטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

דער פרייז פון בוך איז $6.00. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

Mrs. H. Bryks
240 W. 102nd St.
New York, N. Y. 10025



משה שקליאַר

# לידער

## אויפן וועג קיין בת־ים

אין אויטאָבוס, וואָס האָט געפירט מיך קיין בת־ים,
כ׳בין אין אַ ווינקל שטיל געזעסן,
אַ ווייל די אויגן צוגעמאַכט און מן־הסתם
פאַרגעסן
וווהין איך פאָר—
צי חלום איך, צי איז עס אויף דער וואָר.
מיר האָט געדאַכט — איך שטיי אין מיטן פון אַ פעלד
אַליין,
און אויפן האָריזאָנט, וואָס האָט נאָר וואָס געהעלט,
פאַרגייט די שיין.
אַ שוואַרצער וואָלקן רוקט זיך אָן אויף מיר
און ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער,
באַלד וועט ער אין גאַנצן מיך פאַרדעקן.
נאָר פּלוצעם האָט אַ בליץ דעם הימל דורכגעשניטן
ווי אַ מעסער
און געבליבן פונעם וואָלקן זענען רויטע פלעקן.
אַ רויטער רעגן האָט גענומען פאַלן
אויף מיין קאָפּ —
טראָפּ נאָך טראָפּ,
טראָפּ נאָך טראָפּ,
ווי עמעץ וואָלט פון טיפן שלאָף מיך וועקן.

האָב איך די אויגן ברייט צעעפנט,
אומגעקוקט זיך הין און הער,
ווי אַ ניי־געבוירן קינד,
וואָס נישט געריכט זיך האָט צו טרעפן
אַזאַ שיינע וועלט מיט זון און ליכט,
וואָס רוט אויף יעדערנס געזיכט,
אויף פּנימער צעאַקערטע
פון צייט און ווינט,
אויף בערד צעפלאַקערטע
פון אַלטע לייט,
אין שמייכלען פרויאישע מיט יונגער פרייד.
און אָט די רו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט

אויף מיין געמיט
צוזאַמען מיט די קלאַנגען פֿון אַ יידיש ליד
געזונגען אין עברית.

דאָס אַלץ געדויערט האָט אַ רגע מן־הסתם
אין אויטאָבוס, וואָס האָט געפֿירט מיך קיין בת־ים.
נאָר דאָס האָט אויכעט מיר זיך אויסגעדאַכט,
ווייל אין דער אמתן געווען איז נאַכט,
אַ נאַכט אַזאַ פֿון יענע נעכט די שענסטע
ווען ס'האָט דער ים גערוישט הינטער מיין פֿענצטער.

## די שטיינער פֿון קרית שאול

די שטיינער די ווייסע פֿון קרית שאול
אין חלום מיר קומען אַנטקעגן —
איך זע זיי אויף אַלע אַרומיקע וועגן,
מיין נאַכט און מיין טאָג מיט די שטיינער איז פֿול.

אַ, די שטיינער פֿון קרית שאול.

אין רייען אין גלייכע זיי זענען צעשטעלט,
פֿאַר גלייכע געפֿאַלן אין שלאַכטן —
דער זעלביקער כבוד פֿאַר אמתן העלד
און אויך פֿאַר דעם העלד אויסגעדאַכטן —

אַ, די שטיינער פֿון קרית שאול.

וויפֿל לעבנס פֿאַרשטיינטע זיין שטייען צוקאָפּנס,
וויפֿל גופֿים די שטיינער באַדעקן —
געטראָגן זיי האָבן פֿון אַלע וועלטן עקן
אַהער זייער גלויבן און האָפֿן —

צו די שטיינער פֿון קרית שאול.

איצט איז דאָ שטיל, ווי די לופֿט וואָלט אַנטשוויגן
געוואָרן אַנטקעגן דעם אומעט.
בלויז ביימער זיך שאָקלען אַרומגענומען,
ווי זיי וואָלטן תפֿילה געטאָן און פֿאַרוויגן



אריה פּאַזי

# פּאַראַפּסיכאָלאָגיע – אַ באַגרינדונג און פּאַרטייטשונג

## 1. — די באַגרענעצטקייט פֿון וויסנשאַפֿט

„ווען מ'באַטראַכט די אַלערלייאיקע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַרשונגען וועגן עולם ומלואו", האָט אַ מאָל דערקלערט דער טיפֿער דענקער און וויסנשאַפֿטלער י. וו. נ. סוליוואַן, „ווערן פֿאַר אונדזער השערה קלאָר און אָנגענומען ערשט יענע אָביעקטן, וואָס ווערן באַטראַכט ווי דוממים. אמת, די ספּעציפֿישע פֿונקציעס און טעטיקייטן פֿון יענע אָביעקטן זיינען קאָמפּליצירט, אָבער פֿאַר זיך אַליין טראַכטן זיי ניט — זיי זיינען ריין מעכאַניש. מכוח יענע אָביעקטן פֿילן מיר, אַז דער סך־הכל פֿון דעם חשבון פֿון דער וועלט, ווי קאָמפּליצירט ער זאָל ניט זיין, איז פֿאַרהעלטנישמעסיק צופֿרידנשטעלנדיק, מחמת, בדרך כלל, פֿאַרענטפֿערט ער אונדזער נייגעריקייט צו דערוויסן זיך, צו פֿאַרשטעלן זיך, צו פֿאַרשטיין און מאַטעמאַטיש אויסצורעכענען די סכעמע פֿון די אַלע געביטן, וואָס רינגלען אונדז אַרום דירעקט און אומדירעקט."

בכדי צו באַשטעטיקן ווי ריכטיק עס איז אָט די אויפֿקלערונג פֿון סוליוואַן, לאָמיר נעמען, בדרך משל, אַ שטערן אין הימל. אַסטראָנאָמער באַשטימען, אָדער זיינען זיך משער, זיין עלטער, זיין פּאָזיציע אין אוניווערס לגבי אונדזער ערדקויגל, זיין מאָס לגבי אונדזערע ערדישע מעסטונגען, זיינע באַוועגונגען, און אויך זיין פֿיזיש־כעמישער באַשטאַנד. און דאָס איז, בדרך כלל, דער עצם געביט פֿון אינפֿאָרמאַציע, וואָס מיר אינטערעסירן זיך צו וויסן וועגן אים. און אַז וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג גיט אונדז דערביי צו פֿאַרשטיין, אַז מאַטעריע, ווי אַ כלל, באַשטייט פֿון ברעקלעך עלעקטריציטעט וכדומה באַשטאַנדטיילן, וואָס זיינען איינגעאָרדנט צווישן אַנאַנד אין באַשטימטע שטייגערן, פֿילן מיר, אַז אונדזער נייגעריקייט צו וויסן וועגן חומר איז, וואָס שייך די דאָזיקע געביטן, מער אָדער ווייניקער

די שטיינער פֿון קרית שאול.

ווען עמעץ וואָלט זיי דאָ צוזאַמענגענומען,
ביז די וואָלקנס געגרייכט וואָלט דער טורעם
צום ביישטיין אַנטקעגן די צייטן און שטורעמס,
וואָס זענען פֿאַרביי און וועלן נאָך קומען —

אַ, די שטיינער פֿון קרית שאול.

די הייליקע שטיינער פֿון הייליקן שטח,
וווּ אונדזערע קינדער איצט רוען —
זאָל יעדער, וואָס וועט נאָר די ערד דאָ באַטרעטן
פֿאַרנעמען מיט זיך זייער שבועה,
צו שיצן דאָס לאַנד קעגן שונא און טויט,
דאָס לעבן, וואָס ווערט אויף דאָס ניי דאָ געבויט

ביי די שטיינער פֿון קרית שאול.

פאַרענטפערט געוואָרן — הגם מיר בלייבן נאָך אַלץ ביים באַוווסטזיין, אַז וואָס שייך עיקרדיקע פּרטים זיינען זיי פאַר אונדז בשום אופן ניט אויפגעקלערט געוואָרן, און עס דערגרייכט ניט אונדזער השגה, אַז מיר וועלן ווען עס איז באמת קענען דערגרונטעווען זיך צו דעם.

ניט צו דערגרונטעווען זיך, וואָס שייך דער מאַטעריעלער וועלט, וואָס רינגלט אונדז אַרום און אין וועלכער מיר זיינען פיזיש איינגעהאָפּטן, אַ פּשיטא שוין ניט דערגרונטעווען זיך ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם דאָזיקן מיסטעריעזן עצם וואָס מיר רופן ל ע ב ן. דערביי קענען שוין די אַלערלייאיקע סאָפיסטיצירטע און באַשטימטע מאַטעמאַטישע און לאַבאָראַטאָרישע וויסנשאַפטלעכע פאַרענטפערונגען, אין זייער סך־הכול אונדז בשום אופן ניט צופרידנשטעלן. אַחוץ דעם ווייסן מיר דאָך, אַז בדרך כלל האָט וויסנשאַפט פאַר דעם אין גאַנצן ניט קיין פאַרענטפערונג.

לאָמיר פּרוּוון גענויער פאַרטראַכטן זיך וועגן אָט דעם ענין.

אָט די אַלע פראַגעס, וואָס מיר באַטראַכטן, אַז זיי זיינען, וואָס שייך אונדז אַליין, וואָס שייך אונדזער באַוווסטזיין ווי מענטש — דער סאַמע עיקר פונעם עולם ומלואו, און אַז לעבן, ווי מיר ווילן און טוען גלייבן, איז ניט קיין צופאַל אינעם אוניווערס, נאָר, פאַרקערט, אַז דער אוניווערס איז געגעבן אויסשליסלעך צוליב ל ע ב ן — אָט די פראַגעס טוט וויסנשאַפט ניט פאָרשן און במילא קען זי זיי ניט פאַרענטפערן.

דהיינו: וואָס, למשל, פירט צו באַטראַכטן אַ לעבעדיק וועזן אין זיין כוללדיקער גאַנצקייט און ניט בלויז ווי אַ סך־הכל פון זיינע באַזונדערע פיזישע באַשטאַנדטיילן? און וואָס באמת באַטייט אין שייכות מיט לעבן אָט דער מטושטשער באַגריף פון גאַנצקייט און אינדיווידואַליטעט? וואָס איז מחייב גאַנץ און יחידות אין לעבן אין אונטערשייד פון די דאָזיקע טערמינען אין ניט־לעבן? אפילו ווען יעדער קערפּערלעכע אַקטיוויטעט פון אַ חיה בכלל און מענטש בפרט זאָל אויפגעקלערט ווערן אין דער טערמינאָלאָגיע פון פיזישע און כעמישע פּראָצעסן, האָבן מיר נאָך אַלץ אַ געפיל, אַז אונדזערע קשיות זיינען ניט פאַרענטפערט — סיידן זיי ווערן אַריינגענומען אין דעם באַשטאַנדטייל, אַז דערביי איז דאָ אַן אַנדערע באַשטימטע אָדער, לכל הפחות, אַ פיגוראַטיווע, אַ מעטאַפאָרישע צוועקמעסיקייט, אַ כוונה וואָס האָט ניט קיין שייכות צום חומר, און זי, לפי אונדזער השגה, איז כולל דעם אוניווערס.

אַחוץ דעם איז דאָך דער עצם באַגריף פון צוועקמעסיקייט ניט אַ געביט פון וויסנשאַפט. לעת עתה אוודאי ניט. און להבא? — ווער ווייסט?... פיזישע וויסנשאַפטן האָבן אין זייער איינשטעל צו דעם קיין שייכות ניט. פיזישע וויסנשאַפטן באַטראַכטן קאָנסעקווענצן, אָבער ניט צוועקמעסיקייט. אפילו די פאָרשערס פון ביאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע האָבן בדרך כלל אַ ווידערווילן צו באַשעפטיקן זיך מיט אַזעלכע ענינים, וואָס זיי באַטראַכטן אַז זיי זיינען אַ שטער אין זייערע פאָרשונגען, אַז זיי פירן זיי אַראָפּ פון זייער אָנגעצייכנטן וועג און פירן זיי צו בלאָנדזשעניש. וויסנשאַפט האָט פאַר זיך אַ באַשטימטן אָנגעצייכנטן פּראָגראַם צו דערגרונטעווען זיך און צו פאַרשטיין דעם וואָס איז דאָ און ניט דעם פאַרוואָס עס איז דאָ.

אָבער דער שטייגער פון אונדזערע געפילן, וואָס באַאיינפלוסן דירעקט אונדזער שטייגער פון דענקען, פירט אונדז פאָרט צו אַ דערקענטעניש, אַז פיזישע וויסנשאַפט פאַרפירט אונדז, אין אַ סך פּרטים, איבער קרומע וועגן — אַז דער סאַמע עצם פון נאַטור־פּראָבלעמען ווערן פון איר אפילו ניט אָנגערירט.

דער עצם פּראָבלעם, וואָס איז פאַר אונדז אַזוי וויכטיק, באַשטייט דאָך אין דעם, אַז באַשטימטע פונקציעס פון לעבעדיקע וועזנס זיינען אָפּהענגיק ניט אַזוי פון מאַטעריעלע פיזיש־ביאָלאָגישע געזעצן, און אויך ניט פון זייער פיזיאָלאָגיע, ווי זיי זיינען אָפּהענגיק פון זייערע פעאיקייטן צו קענען פ י ל ן אין פאָרויס, אינסטינקטיוו אָדער באַוווסטזיניק, די מעגלעכע רעזולטאַטן צו וואָס זייער טעטיקייטן וועלן פירן און דעם תכלית וואָס זיי קענען ד ע ר ג ר י י כ ן. מיר ווערן דערביי באַוווסטזיניק, אַז די אַלע אויפקלערונגען, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך פיזישע וויסנשאַפטן, פאַרענטפערן בשום



אופן ניט די עצמדיקע דערשיינונגען פון לעבן און די פּראָבלעמען מיט וואָס עס איז אַרומגערינגלט.

בכן: קען דאָך באמת געשטעלט ווערן די האַרבע קשיה, אַז היות וויסנשאַפט גייט פאַרביי און נעמט אפילו ניט אין באַטראַכט דאָס סאַמע וויכטיקע וואָס מיר ווילן וויסן — דעם עצם פון לעבן, איז וואָס איז איר נוצן?...

ווערט טאַקע דערציילט ווי אַן אַנעקדאָט, אַז אַ פרוי פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע האָט אַ מאָל געשטעלט אַן ענלעכע פראַגע צו דעם בשעתו באַרימטן וויסנשאַפטלער מייקל פאַראַדעי, דעם אַנטפּלעקער און פאָרשער פון עלעקטראָמאַגנעטיזם. אין יענער צייט האָבן זיינע אַנטפּלעקונגען געהאַט נאָר אַ טעאָרעטישן ווערט און ניט קיין פּראַקטישן אָנווענד. דערפאַר האָט זי אים געפרעגט: „וואָס פאַר אַ נ ו צ ן קאָן האָבן אייער אַרבעט?“... האָט ער אויף דעם געגעבן זיין באַקאַנטן ענטפער: „מאַדאַם, וואָס איז דער נוצן פון אַן ערשט־געבוירן קינד?“...

האָט די צווייטע קשיה פאַרענטפערט די ערשטע קשיה? באַשטימט ניט! דער תירוץ, וואָס האָט באַדאַרפט געדרונגען ווערן, איז גאָר מחייב נאָך אַ האַרבערע קשיה: — באמת, וואָס איז דער נוצן פון אַן ערשט געבוירן קינד?... דער געוויינטלעכער ענטפער איז, אַז דער נוצן וועט ערשט קומען ווען דאָס קינד וועט דערוואַקסן ווערן. אָבער דערביי שטעלט זיך די נאָך האַרבערע קשיה: וואָס איז דער נוצן פונעם קינד ווען עס איז שוין דערוואַקסן?...

שווער, זייער שווער צו פאַרענטפערן אָט די האַרבע קשיות. בדרך כלל ווערן, ווי פריער דערמאָנט, אַזעלכע פאַרענטפערונגען, בעסער געזאָגט — אויפקלערונגען, אין גאַנצן ניט געגעבן. און ווען זיי ווערן יאָ געפּרוּווט געגעבן צו ווערן אין וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, זיינען זיי בשום אופן ניט און קיין מאָל ניט געווען דעטערמיניסטיש. פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונק מיידט מען אויס, ווי אַ כלל, אפילו אָנצוהייבן דרינגען אין תוכן פון אָט דעם ענין. און וואָס איז שייך דער נוצלעכקייט פון דער זאַך, האַלט זיך אָפּ די וויסנשאַפט אפילו פון צו פרעגן די דאָזיקע אָדער ענלעכע פראַגעס. אמת, פון ריין מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט קענען טאַקע אַ סך, גאָר אַ סך, קשיות מער אָדער ווייניקער פאַרענטפערט ווערן, אָבער דעמאָלט ווערן נאָך אַלץ מער קשה די גייסטיקע שאלות, וואָס קריגן דערביי נאָך אַ טיפערן זינען. וויסנשאַפט האָט געוויס געבראַכט גרויסן נוצן אין דעם וואָס זי האָט געזוכט און אין אַ היפשער מאָס געפונען מיטלען ווי צו פאַרבעסערן דאָס געזונט פון מענטש און דורך דעם עטוואָס צו פאַרלענגערן זיין לעבן; אויך האָט זי פאַר מענטשן געבראַכט מער מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן און וווילזיין. אָבער דערביי בלייבט נאָך אַלץ די האַרבע קשיה: וואָס איז מכוח אונדזער מענטשלעכן ג ל י ק?... דורך מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן ווערט עס אונדז דאָך ניט געבראַכט...

איז בכדי צו פאַרענטפערן אָט די פּשוטע פראַגע ווערן מיר געצוווּנגען צו שטעלן נאָך האַרבערע שאלות, וואָס אויף זיי שטיצן זיך די פילאָסאָפישע שפּעקולאַציעס, רעליגיעזע איינשטעלונגען און מענטשלעכע עטיק בכלל: וואָס איז דאָס אַזוינס וואָס מיר, יחידיש, פאַרלאַנגען פון זיך אַליין, פון מענטש בכלל, און דערביי אפילו אין צוזאַמענהעפט מיט דער מאַמע ערד, וואָס מיר באַוווינען און פון וואָס מיר קענען זיך ניט שיידן?... און מיר גייען נאָך ווייטער: וואָס אַזוינס איז די גרויסע רעטעניש פון דעם אוניווערס?...

אַמאָל זיינען אָט די און ענלעכע פראַגעס פאַרענטפערט געוואָרן פון טעאָלאָגן, און די ענטפערס, וואָס זיינען דעמאָלט געווען איינגעוואָרצלט אין מענטש פון זיין סאַמע קינדהייט, זיינען, אין אַ זין, געווען אָנגענומען און מ'האָט זיי טאַקע אַריינגענומען אין טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער — הגם אָפט מאָל ניט מער ווי למראית עין. מחמת מענטשלעכער אַנטוויקלטער קלאָרער פאַרשטאַנד דערלויבט אים ניט צופרידן צו שטעלן זיך מיט גלויבנס, וואָס זיינען לפי זיין שכל הישר ניט בר־דעתדיק, ניט ראַציאָנעל. און אויף דעם סמך האָבן זיך געפונען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן מפקיר געווען דעם רעליגיעזן געדאַנק, באַזונדערס איז דאָס געשען אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער רענעסאַנס

ביי די אומות העולם און האָט זיך פאַרטראָגן ווי השכלה ביי ייִדן. דאָס האָט געפירט דירעקט צו אונדזערע איצטיקע מיינסטע זאָרגן, פּראָבלעמען און אומצופרידנקייטן, וואָס שטאַמען פון דעם וואָס ניט נאָר פאַרשטייען מיר ניט דעם עצם וואָס הייסט ל ע ב ן, נאָר מיר געפינען בכלל ניט קיין זינען אין לעבן פון מענטש: אַן ענין וואָס איז ניט געווען אַ זעלטנקייט פאַרן מער פאַרטיפטן מענטשלעכן געדאַנק אפילו מיט הונדערטער און טויזנטער יאָרן צוריק. אָבער דעמאָלט האָט דער סענסיטיוו דענקענדיקער מענטש מיט דעם זיך געשטיקט און מורא געהאַט אַרויסצוברענגען דאָס אין דער עפנטלעכקייט. ס'איז אַ געפיל וואָס צו דעם איז גורם דאָס וואָס מיר קענען פילן אַז מיר ווערן אָפּגענאַרט פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

אונדזער גרויסע דילעמע באַשטייט אין דעם, וואָס וויסנשאַפט האָט באַוויזן צו ווירקן אויף אונדז אַז מיר זאָלן אָנהייבן מזלזל זיין און זיך אָפּקערן פון די ביז איצט איינגעפונדעוועטע גלויבנס, אָבער זי האָט ביז איצט אפילו ניט געפּרוווט העלפן מענטשן צו געפינען אַ נייעם גלויבן, וואָס זאָל קענען פאַרבייטן די אַלטע גלויבנס. מענטשן האָבן טאַקע פּסוידאָ־וויסנשאַפטלעך אַרויסגעבראַכט אַלערליי פילאָסאָפישע פּילפּולים, וואָס האָבן אַ דירעקטע אָדער אומדירעקטע שייכות צו לעבן און קיום, וואָס פּרוּוון פאַרבייטן רעליגיעס אינעם פּרט פון פירן מענטש און זיין געזעלשאַפט צו הומאַניטאַרער שטייגערישקייט, אָבער אָט די פילאָסאָפיעס — ניט נאָר פאַרענטפערן זיי ניט די עיקרדיקע קשיות, וואָס ווערן יאָ געפּרוווט פאַרענטפערט צו ווערן דורך די דאָגמעס און מיטאָלאָגיעס פון די איינגעפונדעוועטע אַלטע רעליגיעזע איינשטעלונגען, נאָר זיי רופן אַרויס נאָך האַרבערע קשיות.

ס'איז גוט באַקאַנט ווי די פירערס פון די עטאַבלירטע רעליגיעס האָבן זיך געראַנגלט און האָבן שאַרף רעאַגירט קעגן וועלכע עס איז אפּיקורסישע געדאַנקען — אָפּט מאָל ביז אָנווענדן פּייניקונגען און אפילו ביז פאַרלענדונגען און אכזריותדיקע טויט־עקזעקוציעס. אָבער שפּעטער, ערשט אַרום מיטן 19טן י"ה, ווען די רעליגיעזע אינסטיטוציעס האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי פאַרלירן זייער באָדן, האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן און ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַ כלומרשטער וואָפנשטילשטאַנד, און פאַר וויסנשאַפטן און רעליגיעס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן באַזונדערע גרענעצן און זיי מחייב געווען ניט צו מישן זיך צווישן אַנאַנד. פאַר רעליגיע איז איינגעטיילט געוואָרן זיך מתעסק צו זיין מיטן גייסט פון מענטש און וויסנשאַפט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער פאָרשונג און אויסטייטשונג פון דער מאַטעריעלער און פיזישער וועלט.

אָבער אָט די פּשרה און די איינטיילונג פון די צוויי געביטן האָט ניט אַלע מאָל געגאָלטן און ניט געקענט גילטן, און האָבן ניט אַלעמען גענאַרט און ניט געקענט נאַרן. וויסנשאַפט איז צו ווייט פאַרגעשריטן בכדי איבערצולאָזן גלויבן אין די רעליגיעזע דאָגמעס ווי זיי ווערן אַרויסגעבראַכט סיי פון די ייִדישע און סיי פון די קריסטלעכע, מוסולמאַנישע און אַנדערע רעליגיעס. און רעליגיעס האָבן ניט געקענט אויסמיידן וויסנשאַפטן. בדרך כלל מוז דאָך דערקענט ווערן, אַז אָפּגעזונדערט קענען ניט וויסנשאַפט און ניט רעליגיע בייטראָגן פאַר אונדז אַ וועלכן ניט איז צוועק א י ן לעבן און דעם זינען פ אַ ר לעבן.

לאָמיר פּרוּוון זיך קלאָרער אָריענטירן אין שייכות מיט אָט דעם ענין:

די געדאַנקען וועגן זינען און צוועק פון לעבן האָט מענטש געשטעלט אין השתוממות נאָך אפילו איידער ער האָט געקראָגן דעם באַגריף וועגן דעם וואָס ווערט איצט באַצייכנט ווי וויסנשאַפט. נאָך איידער האָמאָ—מענטש — האָט אָנגעהויבן ווערן סאַפּיענט, האָט אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען צו דער מדרגה צו קענען איבערקלערן זאַכן, פאַרטראַכטן זיך וועגן זיי, ווערן פאַרשעריש, אָדער, ווי דאָס ווערט באַצייכנט אין חומש: זינט אָדם און חוה האָבן געגעסן די פּרוכט פון עץ הדעת — האָבן אים שוין בהדרגה אָנגעהויבן מאַטערן די האַרבע קשיות:

„ווער בין איך?"...

„וואָס בין איך?"...



„וואָס איז דאָס וואָס רינגלט מיך אַרום — אָט די אַלע בעלי־חי, אָט די אַלע פלאַנצן און געוויקסן, וואָס שפּראָצן פון דער ערד און די אַלע וואַסערן מיט די בעלי־חי אין זיי?"...

און במילא איז געקומען דער צוגאָב צו דעם — די האַרבסטע קשיה:

„צוליב וואָס?"...

„צוליב ווען?"...

און „פאַר וואָס?"...

„פאַר וועלכן תכלית?"...

„פאַר וועמענס תכלית?"...

אָט די אַלע קשיות און שאלות זיינען שוין געפרעגט געוואָרן אין דעם אַמאָליקן אַמאָל פון די כתבי הקודש — פון קוהלת און נאָך פריער און ביז איוב און נאָך שפּעטער, און אפילו ביז די חכמי התלמוד, ווו עס איז פאַרשריבן (עירובין, יג, ב'):

„שתי שנים ומחצה נפלגו בית שמאי ובית הלל: הללו אומרים, נוח לו לאָדם שלא נברא יותר משנברא, והללו אומרים נוח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא. נמנו וגמרו: נוח לו לאָדם שלא נברא יותר משנברא; עכשיו כשנברא יפשפש במעשיו. ואמרו ליה ימשמש במעשיו."

ד"ה: דריטהאַלבן יאָר האָבן צווישן זיך פּאָלעמיזירט די אַקאַדעמיעס פון שמאי און הילל: די האָבן געזאָגט, אַז פאַר מענטש וואָלט בעסער געווען ווען ער ווערט ניט באַשאַפן, און די האָבן געזאָגט, אַז פאַר מענטש איז בעסער וואָס ער איז יאָ באַשאַפן געוואָרן איידער ווען ער וואָלט ניט באַשאַפן געוואָרן. לסוף איז מען געקומען צום ענדגילטיקן באַשלוס: פאַרן מענטש וואָלט בעסער געווען ווען ער וואָלט נ י ט באַשאַפן געוואָרן איידער וואָס ער איז יאָ באַשאַפן געוואָרן; אָבער איצט היות ער איז באַשאַפן געוואָרן, זאָל ער נישטערן איבער זיינע טעטיקייטן, ער זאָל זיי תמיד אַנאַליזירן (אָנטאַפּן).*)

דער כלל איז, אַז ס'זיינען געווען און געבליבן שאלות און קשיות אָן אַ שיעור, וואָס די ביטערסטע פון זיי איז: „וואָס און פאַר וואָס איז דער א י ך, וועמען עס איז פון ערגעץ ווו, אָדער פון ערגעץ וועמען, געגעבן געוואָרן דער זינען און די פעיקייט צו שטעלן אָט די אַלע האַרבע קשיות"...

משמעות — און דאָס ווערט געדרונגען אויפן סמך פון שכל הישר — אַז היות מיין א י ך קען שטעלן די אַלע קשיות, איז עס דאָך מחייב, אַז דער א י ך, ווי מענטש, איז ב אַ ר ו פ ן דאָס צו טאָן. עפּעס איז דאָך פון ערגעץ ווו און פון אַן אומבאַקאַנטן וועמען, אין דעם איך אַריינגעגעבן אַ ו ו י ל ן דאָס צו טאָן, אַ גלוסטונג צו פרעגן בכדי צו זוכן און געפינען דעם פאַרהוילענעם תירוץ, דעם דבר הסמוי מן העין.

און מענטש האָט אָנגעהויבן אָבסערווירן, אָנגעהויבן פאָרשן און פּרוּוון זיך דערפאָרשן, אַ מאָל טאַקע ניט מער ווי שפּעקולירן און מאַכן השערות, אָבער אָפּט מאָל אויך צוקומען צום תמצית פון פאַקטישע געשעענישן, וואָס זיינען ניט נאָר אין דעם גדר פון זיינע אייגענע פיזיאָלאָגישע פינף חושים, נאָר זיינען אויך — און טאַקע איבער הויפּט — איבער־ און דרויסןחושימדיקע.

אַזוי אַרום האָט מענטש אָנגעהויבן צו באַנעמען און דערפילן חידושים אין דער וועלט בכלל און אין מענטשלעכן זינען בפרט, אויך דערפילן אַ באַשטאַנדיקייט פון אַ וועלט, אַ ניט געזעענער וועלט, וואָס איז לגמרי אין דרויסן פון זיין וויזועלער וועלט, אָבער אין וואָס זיין אייגענע חושימדיקע וועלט איז אַזוי איינגעהאָפּטן, אַז ניט נאָר קען זי זיך פון דעם ניט אויסשיידן, נאָר זי טאָר עס ניט טאָן, ווייל זי באַשירעמט איר, פאַרהיט זי פון אומקום און — אפשר־אפשר פאַרהוילט זי אויך דעם סאַמע עצם פון זיין ז י י ן.

די טייטשן און איבערטייטשן קענען און ווערן טאַקע אַרומגערעדט — סיי דורך מענטשנס אייגענער פאַרפאַסטער מאָדערנער פאָרשונג און סיי דורך זיין איטואיציע — און זיי ווערן באַצייכנט דורך אַלערליי נעמען, ווי: דאָס נייע באַוווסטזיין, זינען־פאָרשונג, מענטשלעכע פּאָטענץ, וכדומה.

(המשך אויף זייט 27)

*) מיין יישר כוח צו ר' אברהם גאָלאָמב שליט"א, וואָס האָט פאַר מיר נאָכגעזוכט און מיר איבערגעגעבן דעם ריכטיקן טעקסט אין תלמוד, ווי עס ווערט אויבן פאַרצייכנט.

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אניואיטי פאנד

### איר קענט האָבן

### אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

אבּרהם שפּיגעל, קאָונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..............................................................

Address..........................................................

City.........................................Zip Code...................




(המשך פון זייט 25)

די באַצייכענונגען וואַריאירן אין זייערע פירושים, און הגם אָפט מאָל זעט אויס אַז זיי זיינען ענלעך צווישן אַנאַנד, זיינען זיי אָבער פאָרט ניט איינס און דאָס זעלביקע.

מיר האָבן דאָ ניט בדעה אַריינדרינגען אין די געביטן פון שפּעקולאַטיווער פילאָסאָפיע, זייערע טייטשונגען און אויסטייטשונגען, פילפולים, פלאָנטערנישן און אויספלאָנטערנישן. מחמת די דאָזיקע געביטן זיינען — הגם שכלדיק שבשכלדיק — פאָרט ניט מער ווי ריין שפּעקולאַטיוו און זיינען ניט פאַקטיש־ און דערפאַרונג־באַצייכנט. מיר ווילן אָבער יאָ פּרובירן ריידן און אַרומריידן ענינים וואָס זיינען אויסערחושימדיק — ניט פיזיש און ניט שכלדיק, נאָר וויזיאָנעריש־גייסטיק באַנומענע.

מיר ווילן אַרויסגיין פון דעם געביט, וואָס האָמאָ באַצייכנט ווי פיזיש און פּרווון אַריינדרינגען אין דעם געביט, וואָס ער באַצייכנט ווי סאַפּיענס.

## 2. — אויף די וועגן פון פסיכיק־פאָרשונג

פריער אָדער שפּעטער קומט יעדער מענטש צום הסכם, אַז ז י נ ע ן איז אַן אינטעגראַלע אייניקייט, אומאָפּהענגיק פון וועלכן שטאַנדפּונקט ער זאָל ניט אַרויסקומען: קערפּער־מוח, קאָרפּאָראַל־פּסיכיק, אָדער מאַטעריע־גייסט. פון וועלכן קוקווינקל מענטש זאָל ניט באַטראַכטן די וועלט, ז י י ן וועלט, זעט ער אין איר אַן אַ שיעור צרהדיקייט. און ווען ער איז סענסיטיוו — ער מוז עס זיין! — ווייטיקט ער: ער אַליין, ווי אַ יחיד, וואָס קען ער ביישטייערן זי צו פאַרריכטן?.. זיין לעבנסדויער איז דאָך אַזוי קורץ ווי דער קיקיון דיונה און די פּראָבלעמען זיינען אַזוי אומגעהויער... קען מענטש געפינען זיי אפשר אין זיך אַליין?... און פאַר יעדן מענטש איז דאָך אַלע מאָל דער עיקר אָט דער זיך אַליין, וואָס ער איז. ער איז דאָך געבוירן ווי אַ זיך אַליין, אַזוי אויך לעבט ער, און אַזוי איז ער זיכער, וועט ער, פריער אָדער שפּעטער, שטאַרבן... בכן, וואָס איז די רעטעניש פון דעם זיך אַליין?

וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו הכל־בכל מכל־כל — צו דעם אַרום? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער אַרום צו דעם זיך אַליין? איז דאָ אַן אינטעגראַציע צווישן אַנאַנד? און אויב ניט — וואָס פאַר אַ זינען האָט דער זיך אַליין?...

מענטש האָט גוף. ער פילט עס מיט אַלע זיינע חושים. אָבער ער, ווי גוף — הייבט ער אָן זיך צו באַטראַכטן — איז דאָך אַ חידוש שבחידושים. ער איז אויפגעקומען — פון וואַנען? פון זיין מאַמעס טראַכט. ווי אַזוי? האָט ער פאַר דעם ניט קיין קאַטעגאָרישן ענטפער. און אויך: האָט ער געבעטן זיין אויפקום? ניין, ער האָט קיין אַנונג ניט, אַז ער זאָל דאָס האָבן געטאָן. ער איז אויפגעקומען, געשפּראָצט, און הייבט אָן ביסלעכווייז, בהדרגהדיק וועלקן. און דאָס פירט — צו וואָס?... צום אומקום!...

לכן: פאַר וואָס זיין לכתחילהדיקער אויפקום?... עפּעס לייגט זיך עס ניט אויפן שכל... עפּעס און ערגעץ ווו איז דאָך דאָ אַ סיבה פאַר דעם... ערגעץ־ווו איז דאָך דאָ — מוז זיין! — אַ סיבה פאַר זיין אויפקום... און דערנאָך: ערגעץ־ווו איז דאָך דאָ — מוז זיין! אַ סיבה פאַר זיין אומקום...

און אַז מ׳פאַרטיפט זיך דערביי נאָך מער אין דעם ענין, פרעגט זיך די נאָך האַרבערע קשיה:

וואָס איז אויפקום?... וואָס איז אומקום? ... און וואָס און פאַר וואָס איז דער צווישן וואָס פירט איינס צו דאָס אַנדערע?...

דאָס זיינען אַלץ האַרבע קשיות, וואָס פאַרלאַנגען פאַרענטפערונגען.

וויסנשאַפט, אין דעם אָנגענומענעם פיזישן זינען האָט קיין ענטפער אויף דעם ניט געגעבן.

זיינען דאָ אַנדערע ענטפערס?

קיין פאָזיטיוון ענטפער, וואָס זאָל זיין איבערצייגנדיק און זאָל אָנגענומען ווערן לכל הדעות — האָט נאָך לעת עתה קיינער ניט געגעבן. ווילן מיר פּרווון געבן אַן אינערלעך געפילפולן ענטפער, מיט די אַלערליי ראיות וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן און וואָס ווערן אין שייכות מיט דעם אַרויסגעבראַכט, דירעקט אָדער אומדירעקט,

פון אייביקע פון די פילצאָליקע פאָרשערס, און בכדי דאָס צו קענען טאָן, וועלן מיר דערביי אויסרעכענען עטלעכע געציילטע מער באַקאַנטע ביישפּילן פון די אָן אַ שיעור אַנדערע, וואָס ווערן פאַרצייכנט פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשערס אויף אָט דעם געביט:

דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּרעזידענט אייברעהעם לינקאָלן האָט מיט אַ טאָג פריער איידער ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, געזען זיך אַליין אין חלום, ווי ער ליגט אַ טויטער אין אַ צימער פון ווייסן־הויז — דער רעזידענץ פון אַמעריקאַנער פּרעזידענטן; דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבער מאַרק טווען האָט, אויך אין חלום, געזען זיין ברודער, ווי ער ליגט טויט, מיט אַ טאָג פריער איידער ער, זיין ברודער איז אומגעקומען אין אַ שיף־אַקצידענט; דער בשעתו באַרימטער שוועדישער דענקער און וויסנשאַפטלער עמנואל סוועדענבאָרג האָט געזען און גלייך גענוי באַשריבן אַ גרויסע שרפה, וואָס האָט זיך אין יענער מינוט צעפלאַקערט אין שטאָקהאָלם, הגם ער איז בשעת מעשה געווען אין גאָטענבערג, דריי הונדערט מייל אַוועק פון דאָרטן.

מיט וואָס דערקלערן זיך אַזעלכע און די פילצאָליקע באַקאַנטע ענלעכע פּאַסירונגען?

בדרך כלל קומט מענטש אין קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט דורך זיינע פינף חושים. פון דעסטוועגן ווערט אונדז באַקאַנט דורך דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, אַז צו מענטשן קומען אַנטפּלעקונגען, וואָס מיר רופן זיי אויסערגעוויינלעך, אָדער אומנאָרמאַל, אַ מאָל דורך חלום און אַ מאָל אויך דורך געפיל, אָדער אפילו דורך וואָר.

אָט, למשל, זיינען נאָך אַ פּאָר ביישפּילן:

די בשעתה באַרימטע אַמעריקאַנער שרייבערין פּערל באָק, באַשרייבט אין איינעם פון אירע ביכער, אַז איין נאַכט, ווען זי איז געווען אין טאָקיאָ, יאַפּאַן, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט און איז באַהערשט געוואָרן פון אַ געפיל פון טיפן אומרו, ווי עפּעס אַ גרויסער אומגליק איז איר געשען. „איך בין געלעגן אומבאַוועגלעך אין בעט,“ שרייבט זי, „זיך צוגעהערט, געוואַרט, געווען איבערצייגט אַז עמיצער וויל זיך צוזאַמענריידן מיט מיר.“ ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום קלינגט דער טעלעפאָן אין איר צימער — איר טאָכטער טעלעפאָנירט איר פון אַמעריקע, אַז אַן אומגליק איז טאַקע געשען: איר, דער טאָכטערס, מאַן איז געשטאָרבן.

ענלעכע אויטענטישע געשעענישן ווערן דערציילט פון אַנדערע וועלט־באַרימטע מענטשן, וואָס האָבן געפילט, פאָרויסגעזען אָדער נאָכגעזען געשעענישן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן ניט דורך זייערע פיזישע פינף חושים, נאָר דורך עפּעס אַן אַנדער חוש, וואָס איז פאַר זיי ניט פאַרשטענדלעך און וואָס איז ממש צו באַוווּנדערן.

אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר — און טאַקע מחמת דעם, וואָס וויסנשאַפט איז אַזוי פיל פאָרגעשריטן — איז מענטש געצוווּנגען געוואָרן צו ענדערן זיין גאַנצן שטייגער פון דענקען כמעט אין שייכות מיט אַלץ און אַנאַנדער. און דער עיקר מכוח וואָס די ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען, איז וועגן דעם סאַמע עצם פון מענטשלעכן זינען.

מערקווירדיק, מיט דעם גאַנצן כולל וואָס מענטש האָט אויסגעפאָרשט וועגן מאַרך, איז זינען און דענקען נאָך אַלץ אַן אומדערקלערלעכע רעטעניש.

פּסיכיאַטריע האָט מיט אַ גאָר קורצער צייט צוריק פאַרנומען איר פּלאַץ אין דער פאָרשטעלונג פון די געזעצן פון דער מעכאַנישער וועלט. זיגמונד פרויד און זיינע נאָכפאָלגערס האָבן אונדז איבערצייגט, אַז מענטשלעכע קינדערישע דערפאַרונגען שטעמפּלען אָפּ זיינע אויפפירונגען אין משך פון זיין גאַנצן לעבן, און אַז „פרייער ווילן“ האָט לגמרי קיין קיום ניט.

מיט אין גאַנצן אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מענטשלעכע וויסנשאַפט באַוויזן די קענטשאַפט ווי צו שפּאַלטן דעם אַטאָם און דער גאַנצער מענטשלעכער וויסנשאַפטלעכער געדאַנקען־גאַנג האָט זיך דורך דעם געענדערט, מחמת דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז מענטש האָט זיך דערוווּסט, אַז אַלץ וואָס ווערט באַטראַכט ווי סאָליד און מאַסיוו — די סאַמע ערד און מענטש אויף איר — איז ניט מער ווי ליידיקער רוים און אַלץ מיט אַנאַנדער, וואָס



רינגלט אונדז אַרום, איז אויך ניט דאָס וואָס מיר רופן חומר, נאָר ס׳איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך, איז אין דרויסן פון אונדזערע באַגריפן, עטוואָס אַזוינס וואָס איז ענלעך צו עלעקטריציטעט, און אויב אפילו באמת עלעקטריציטעט, איז וואָס איז עס אַזוינס?...

אַ גרויסע צאָל פון די איצטיקע מאַסע פּראָמינענטסטע וויסנשאַפט־דענקערס און פאָרשערס האָבן עפנטלעך דערקלערט, אַז די וועלט איז פאַר זיי געוואָרן אַ גרויסע רעטעניש און זייער וויסנשאַפטלעכער געדאַנקען־גאַנג דאַרף זיך פאַרנעמען אויף גאָר אַנדערע, ביז איצט לחלוטין פאַר זיי אומבאַקאַנטע, מיסטעריעזע וועגן. צווישן די דאָזיקע וויסנשאַפטלערס און דענקערט האָבן זיך געפונען אַזוינע וועלט־באַרימטע גאונים, ווי עדווין שראַדינגער, מאַקס פּלאַנק, ניעלס באָהר און אפילו דער גאונישסטער פון זיי אַלעמען — אַלבערט איינשטיין.

זייער אַלעמענס געדאַנקען־גאַנג איז אויף אַ פּאָפּולערן שטייגער אויסגעדריקט געוואָרן דורך פּראָפ׳ דאָנאַלד אַנדריוס, פון פאַקולטעט פון כעמיע אויף דעם דזשאָהן האָפּקינס אוניווערסיטעט.

ד״ר אַנדריוס האָט אויפגעקלערט, אַז אויב עס זאָל זיך געפינען אַזאַ מאַשין, וואָס זאָל קענען אַרויסנעמען דעם גאַנצן ליידיקן שטח פון די אַטאָמען פון אַ מענטשלעכן קערפּער און איבערלאָזן ניט מער ווי זיין חומר — לאָמיר זאָגן, אויף אַ שטייגער ווי מ׳זאָל באַזייטיקן אַלע לעכער פון אַ שוואָם און איבערלאָזן ניט מער ווי זיין סאָלידן געוועב — וואָלט דער מענטשלעכער קערפּער געווען ניט גרעסער ווי דאָס קלענסטע ברעקעלע פון שטויב, וואָס וואָלט געקענט זיך באַקוועם איינאָרדענען אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָדל.

„ס׳איז פעסטגעשטעלט ווי אַ פאַקט,“ האָט ד״ר אַנדריוס דעם ענין ווייטער אויפגעקלערט, „אַז מיט אַזאַ אַטאָמישער דריק־מאַשין וואָלט מען געקענט צונויפדריקן דעם גאַנצן חומר פון אַלע מענטשן אויף דער ערד, אַלע מענער, פרויען, אַלטע לייט, יונגע לייט און קינדער, זיי אַלעמען צו אַזאַ ווייניקייט, אַז מ׳זאָל זיי קענען אַרייגיסן אין אַ פלעשל אַזוי קליין, אַז ס׳זאָל קענען לייכט אַריין אין אַ וועסטל־קעשענע. דאָס באַווייזט ווי אומגעוויינלעך מיניאַטור מיר זיינען אין דעם, וואָס מיר רופן, גשמיותדיקן שטייגער.“

ד״ר אַנדריוס קלערט ווייטער אויף: „היות דער אַטאָם איז באמת כמעט ניט מער ווי ליידיקער רוים, אָנגעפילט מיט אַ ביסל עלעקטריציטעט און אַ ברעקעלע שפּרענקל אין זיין יאָדער (און אַז אָט דער חומר אין זיין עצם איז אויך ניט קיין אַנדער זאַך ווי כוואַליעס און וויבראַציע), דאַרפן מיר איבערשאַצן אַלע אונדזערע השגות מכוח דעם וואָס איז וואָר. ס׳איז קלאָר, אַז מיר קענען מער ניט אָננעמען אונדזערע חושים פאַר אונדזערע וועגווייזערס. ווען מיין פינגער רירט אָן אַ שטיקל האָלץ, איז עס ניט חומר וואָס רירט אָן חומר; ס׳איז אַן עלעקטרישע כוואַליע וואָס רירט אָן אַן אַנדער עלעקטרישע כוואַליע. ווען איך קוק אויף דיר, זע איך ניט קיין חומר, איך זע אַ האַרמאָנישע פילטייליקייט פון עלעקטרישע וויבראַציעס. און וואָס איז נאָך וויכטיקער, איך זע אַ סך — גאָר אַ סך! — ווייניקער פון אפילו איין פּראָצענט פון די אַלע וויבראַציעס וואָס דו פּראָדוצירסט. דאָס איז מחמת דעם, וואָס דיין בייזיין ווערט אומגעהויער מער אויסגעדריקט אין דער ניט־געזעענער וועלט איידער אין דער געזעענער. און בכדי צו פאַרשטיין דיין גאַנצן וועזן דאַרפן מיר זיך אָריענטירן און זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם אמתן עולם ומלואו, אין וואָס מיר זיינען אַריינגעטאָן, וואָס באַשטייט דורכויס און אין גאַנצן פון אומזעיקע וויבראַציעס און אינו־נראהדיקע כוחות.“

און אָט די און כמותם אויפפאַסונגען פון וויסנשאַפטלערס האָט אפילו געפירט צו דעם, אַז אפילו זיגמונד פרויד אַליין, אָט דער וועלט־באַרימטער אויספאָרשער און טעאָרעטיקער פון פּסיכאָ־אַנאַליז — ער אַליין האָט אויף דער עלטער זיך אַרויסגעזאָגט (אין אַ בריוו צו זיין מיטאַרבעטער הערעוואַרד קאַררינגטאָן): „ווען איך וואָלט געקענט איבערלעבן מיין לעבן אויף דאָס ניי, וואָלט איך זיך אין גאַנצן געווידמעט צו דער פאָרשונג פון פּסיכיק איידער פּסיכאָאַנאַליז.“

און וואָס זיגמונד פרויד וואָלט געוואָלט טאָן, ווען ער וואָלט צוריק געוואָרן יונג, טוען עס טאַקע אָנגעזעענע וויסנשאַפטלערס, וואָס אַלטקייט האָט זיי נאָך ניט אָנגעיאָגט.

למשל: עדגאַר ד. מיטשעל.

עדגאַר ד. מיטשעל איז געווען איינער פון די אַמעריקאַנער אַסטראָנאַטן פון אַפּאָלאָ 14, וואָס איז אַרויפגעקומען אויף דער לבנה, אין פעברואַר, 1971. ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין נסיעה האָט ער געגרינדעט דעם „אינסטיטוט פאַר נאָעטישע (אינטעלעקטועל זינלעכע) וויסנשאַפטן" אין פּאַלאָ אַלטאָ, קאַליפאָרניע.

וואָס האָט אים באַוויגן צו גרינדן אָט דעם אינסטיטוט? דאָס דערקלערט ער אין דער איינלייטונג פון זיין בוך, „פּסיכיק פאָרשונגען", וואָס איז דערשינען אין 1974.

זינט ער האָט געהאַט דעם זכות אַרויפצוטרעטן אויף דער לבנה, שרייבט ער, האָבן אים מענטשן געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט פּסיכיק־פאָרשונג. דאָס באַטראַכט ער פאַר אַ גערעכטער פראַגע, אָבער באמת דרינגט עס ניט אַריין אין דעם עצם פון זיינע געפילן און צו דעם וואָס אינטערעסירט אים באמת: צו אַריינגריבלען זיך אין דעם עצם פון באַוווסטזיין, די שייכותדיקייט צווישן זינען און קערפּער און צו אַ טיפער פאַרשטענדעניש פון מענטשלעכער פּאָטענץ. פּסיכיק פאָרשונג איז בלויז איין געביט פון אַ גרעסערן פאַרנעם. ער וויל, אַזוי צו זאָגן, אויסשפּרייטן זיך פון דרויסנדיקן שטח, פון די ספערן פון זיין פיזישן באַנעם, אַז ער זאָל אַריינגעמען אויך דעם אינערלעכן שטח, זיינע אינערלעכע ספערן.

אײדער מיטשעל איז אַרויפגעקומען אויף דער לבנה איז ער געווען אַזאַ פּראַקטישער וויסנשאַפט־אינזשענער ווי אַלע זיינע קאָלעגן. ער האָט אָפּגעגעבן מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט פון זיין לעבן צו שטודירן די ראַציאָנעל־אָביעקטיווע עקספּערימענטאַלע שטודיעס אין שייכות מיט דעם אוניווערס. אָבער זיינע איבערלעבענישן און געפילן אין משך פון זיין פלי צו דער לבנה האָבן אים געפירט צו דערקענען געוויסע באַגרענעצונגען פון וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער אָטעמפאַרכאַפּנדיקער דערפאַרונג, ווען ער האָט אַראָפּגעקוקט פון דער לבנה אויף דעם פּלאַנעט ערד, ווי ער שוועבט אין דעם אומגעהייער פון רוים, זיך פאַרקוקט אויף דער אומגלייבלעכער שיינקייט פון אַ פּרעכטיקן בלויען און ווייסן באַרליאַנט — אונדזער ערד — אין דעם ריזעדיקן שוואַרצן שטח וואָס מיר רופן אוניווערס.

ער איז, דערציילט ער, איבערגעוועלטיקט געוואָרן פון אַ כמו־רעליגיעזן געפיל, ווי ער וואָלט ממש דורכגעדרונגען קדושה אין איר עצם, און האָט באַגריפן, איז געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז דער עצם פון לעבן אין דאָזיקן באַנומענעם אוניווערס איז ניט סתם אַ צופאַל, וואָס קומט אַרויס פון עפּעס אַ סתם פּראָצעס.

אָט דער וויסן וואָס איז צו אים געקומען דירעקט, אינטואיטיוו, איז ניט געווען אַן ענין וואָס קען דיסקוטירט און אָפּגעפרעגט ווערן, ניט אַן עצם וואָס ווערט דערגרייכט דורך אַבסטראַקטער לאָגיק. ס'איז ניט געווען אַרויסגעדרונגען פון אינפאָרמאַציע, וואָס ווערט דערגרייכט דורך די אָנגענומענע פינף מענטשלעכע חושים. די דערקענונג איז טאַקע געווען אַ רייך סוביעקטיווע, אָבער דער וויסן, דער סאַמע עצם פון דאָזיקן וויסן איז געווען באַשטימט און איבערצייגנדיק. ס'איז קלאָר: דער אוניווערס האָט אַ זין, אַן אויפפאַסונג, אַ ריכטונג — אַן אומגעזעענער געמעסטט הינטער דעם געזעענעם באַשאַף מיט אַ טיפער כוונה, וואָס גיט אים אַ זינען צום לעבן.

דעמאָלט האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אויף דער ערד. מיט דעם האָבן זיך זיינע געפילן פון עקסטאַז און באַוווּנדערונג ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרקערן צו געפילן פון פּיין און יסורים. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, אַז פּונקט איצט, טאַקע אין דעם זעלביקן מאָמענט, ווען ער ווערט באַנומען פון אַן עקסטאַז פון קדושה, פירן אַן מענטשן אויף דער ערד בלוטיקע מלחמות; זיי באַגייען מאָרד און אַנדערע גרויליקע פאַרברעכנס; זיי פאַלשעווען, זיינען ליגנעריש, שווינדלען און קעמפן פאַר גאווא, פאַר הערשאַפט, פאַר מאַכט, פאַר פּוסטן יחוס, פאַר גייציקייט; זיי פאַרדאַרבן די אייגענע סביבה דורך פאַרפּעסטיקן די לופט וואָס זיי אָטעמען און דאָס וואַסער וואָס זיי טרינקען; דודרך זייער תאווה פאַרוויסטן זיי די נאַטירלעכע אוצרות פון דער ערד, מאַכן חרוב דעם פּרוכטיקן באָדן; זיי זיינען באַהערשט פון שיגעון פון זשעדנעקייט; שטאַרקע רויבן די שוואַכע, רייכע לעבן אין ווילטאָג אויפן חשבון פון די באַרויבטע אָרעמעלייט, וואָס ליידן תמיד נויט און אָפט מאָל הונגער; מענטשן פאַרשאַפן יסורים צו זייערע מיטמענטשן דורך קנאות, פאַנאַטיזם, פאָרורטייל, און די אַלע אַנדערע רישעותן וואָס זיינען מוסיף צו מענטשלעכע אוממענטשלעכקייטן צו מענטש.



מיט אַ באַזונדער טיפן פּיין איז ער געקומען צו דער ממש דערשיטערנדיקער דערקענונג, אַז די פיל גרעסטע צאָל מענטשן אויף דער ערד, די פיל צענדליקער מיליאָנען פון זיי ליידן ביטערע נויט און אָרעמקייט, קראַנקייטן, צרות, שרעק, מצבים פון קנעכטשאַפט, ווי אַ דירעקטער פועל־יוצא פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע, פאָליטישע איבערהערשאַפט, רעליגיעזע און עטנישע רדיפות, און הונדערטער אַנדערע מיטאָלאָגישע אָנשיקעניש, וואָס שטאַמען נישט פון עפּעס אַנדערש ווי פון אייגענער מענטשלעכער איכיקייט, פון זיין עגאָיזם.

פיזישע וויסנשאַפט, ניט געקוקט אויף אַלע אירע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען און פיזיאָלאָגישע דערקענטענישן, האָט לעת עתה נאָך ניט — און אין איר איצטיקן מצב זעט אויס אַז זי וועט אפשר קיין מאָל ניט — באַוויזן צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען, וואָס שטאַמען פון מענטשלעכע עגאָצענטרישקייט.

די מאָס פון די דאָזיקע פּראָבלעמען זיינען ממש דערשיטערנדיק. ווי אַזוי איז די וועלט צוגעקומען צו אַזאַ קריטישן מצב — און פאַר וואָס? און וואָס איז נאָך וויכטיקער — וואָס קאָן געטאָן ווערן דאָס אַלץ צו פאַרריכטן? ווי אַזוי קען אונדזער העכסטע אַנטוויקלונג פון אָביעקטיוון פאַרשטאַנד, און זיין תמצית פון פאַקטישער וויסנשאַפט, ווי אַזוי קאָן ער באַהאָפטן ווערן צו די העכסטע אַנטוויקלונגען פון אונדזערע עגאָצענטרישע אינסטיטוציעס, וואָס למראית עין שטאַמען זיי פון רעליגיעס באַגרינדעט אויף עטיק, אָבער אין פאַקטישן אַנווענד זיינען זיי לגמרי דער היפּוך פון דעם?

און יעדער מענטש, יעדער יחיד, יעדער געזעלשאַפט, באַטראַכט זיין, אָדער זייער וועזן אויף דער ערד ווי אַן אייביקייט, און דערלאָזט ניט דעם צוקום צו זיין געדאַנק און צו זיין באַוווסטזיין, אַז די ערד איז פאַר אים ניט מער ווי אַן אַכסניה און זיין קיום אויף איר איז לגבי דעם, וואָס ער רופט אייביקייט, ניט מער ווי אַ צייטווייליקע — בעסער געזאָגט, אַ מיניאַטור שבמיניאַטור פון דעם וואָס מענטש באַגרייפט ווי צ ײ ט — אַ באַגריף וואָס איז אַ גרויסער ספק אויב ער שטימט באמת מיט דער ווירקלעכקייט. און וואָס שייך דעם עצם באַגריף פון ווירקלעכקייט, איז דאָך אויך אַ ספק שבספקות אויב אַזאַ ענין געפינט זיך ערגעץ ווו אין עולם ומלואו און אַז ס'איז ניט מער ווי אַן אילוזיע פון מענטשלעכן רעיון.

זיינען דאָס געווען די געדאַנקען און איינדרוקן וואָס האָבן באַהערשט דעם אַסטראָנאַט מיטשעל ווען ער האָט פון דער לבנה אַראָפּגעקוקט — בעסער געזאָגט, פון זיין מצב, ווען ער איז געשטאַנען לגבי דער ערד מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער דאָך אַרויפגעקוקט — אויף דער ערד? דאָס דערציילט ער אונדז ניט, דאָס ווייסן מיר ניט, נאָר דאָס ליגט זיך אויף אונדזער לאָגישן געדאַנק, אַז לפי ערך האָבן אַזעלכע געדאַנקען און באַטראַכטונגען אים דעמאָלט באַהערשט. און שוין דעמאָלט, ווען ער איז געווען אויף דער לבנה, האָט ער שוין איינגעזען, אַז פאַר מענטש אויף דער ערד געפינט זיך נאָר איין אויסגאַנג: די טראַנספאָרמאַציע פון באַוווסטזיין.

מענטש דאַרף אויפשטייגן פון זיין עגאָצענטרישער געזונקענקייט בכדי צו דערהייבן זיך צו אַ קענטעניש צו זוכן און צו געפינען אוניווערסאַלע האַרמאָניע — אָנהייבנדיק פון זיך אַליין און ממשיך צו זיין צום דרויסן, דורך זיינע באַציונגען צו אַנדערע מענטשן און דער סביבה, צו זיין געבונדנקייט צום קאָסמאָס. אויב ניט, וועט מענטש ממשיך זיין צו באַוועגן זיך

טיפער אין אַ כאַאָס און קריטישן מצב וואָס וועט פירן דירעקט צו דעם חורבן פון זיך אַליין.

עדגאַר מיטשעל דערציילט וועגן זיך אַליין, אַז מחמת דער שטייגער פון זיין דערציונג און זיין אָנגענומענער פּראָפעסיע, איז ער אין תוך אַלע מאָל געווען אַ פּראַקטישער וויסנשאַפטלער. פון דעסטוועגן האָט ער מיט אַרום ניין יאָר פריער, איידער אים איז באַשערט געוואָרן צו ווערן אַן אַסטראָנאַט, זיך פאַרינטערעסירט מיט דער פאָרשונג פון באַוווסטזיין און זיך אָנהייבן פאַרטראַכטן וועגן די ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו פּאַראַפּסיכאָלאָגיע. ער האָט אָבער אין שייכות מיט דעם גאַנצן ענין זיך באַצויגן מיט אַ געפיל פון סקעפּטיציזם און אומגלויבן. אָבער באמת, איז ער זיך איצט מודה, האָט ער זיך אַליין ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון, אַז אין דער טיפעניש פון זיין באַוווסטזיין האָט ער יאָ געזוכט אָנווייזונגען און אַזעלכע באַטייטן, וואָס זאָלן פאַר אים אויפקלערן די רעטעניש פון דעם עצם זינען פון לעבן, אַזוינע מיסטעריעזע קדושה־באַגריפן, וואָס ער האָט ניט געקענט געפינען אין משך פון די אַלע יאָרן ווען ער האָט — להכעיס דורך וויסנשאַפט אויף אים אַרויפגעצוווּנגענעם סקעפּטיציזם — געפאָרשט רעליגיע און פילאָסאָפיע, ווי אַ צוגאָב אָדער אויפקלערונג פון פיזישע וויסנשאַפטן.

האָט ער דערביי — ווילנדיק ניט ווילנדיק — אָנגעהויבן פאַרטראַכטן זיך וועגן אויסער־חושימדיקע באַגריפן: פּסיכאָקינעזיס, מעדיומשיפּ און ענלעכע פענאָמענען. צו זיין אייגענער השתוממות האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן נעלם־ווערן זיין אייגענער אומגלויבן אין דער גילטיקייט פון אַט די ניט־פיזישע דערשיינונגען. היות ווי ער איז דאָך געשולט געוואָרן צו שאַצן זאַכן אויף דעם גרונט פון בלויז געגעבענע דאַטן, וואָס זיינען ניט סותר באַשטימטע טעאָרעטישע פיזישע געבאָטן, האָט ער אָבער פאָרט ניט געקענט פאַרבייגיין די אימפּליקאַציעס פון די באַשיימפערלעכקייטן פון פּסיכישע פאָרשונגען.

פאַר יעדן איינעם, וואָס זיין געדאַנק איז ניט אַטראָפירט דורך פאָרורטייל, ווערט קלאָר, אַז מענטש פאַרמאָגט אויך אַנדערע אייגנשאַפטן, וואָס הגם זיי קענען זיך זיין פאַרבונדן מיט זיין פיזישן חושימדיקן סיסטעם, אָבער זיי ווערן פון אים ניט באַגרענעצט. דורך דער היינטצייטיקער סאָפיסטיצירטער פיזישער וויסנשאַפטלעכער אויפפאַסונג פון מענטש, אַז ס'איז ניט אַנדערש ווי אַ קאָמפּליצירטער באַשטאַנדטייל פון אָרגאַנישע מאָלעקולן, קען בשום אופן ניט פאַרענטפערט ווערן וואָס אַזוינס איז און פאַר וואָס איז באַוווסטזיין. בעלי־חי בכלל און מענטש בפרט איז באַשטימט מ ע ר איידער פיזישער בשר ודם. מענטש האָט אַ געמעסט, וואָס שטייגט איבער זיין אָרגאַנישן יש, זיין כוללדיקע אַנאַטאָמיע. עפּעס איז דאָ אַ באַזונדערקייט אין אים, וואָס קומט אַריין אין דער בחינה פון אַנאַטאָמישן איבערמענטש.

פון די דערפאַרונגען און איבערטראַכטונגען פון עדגאַר מיטשעל (און ניט דווקא פון אים אַליין, נאָר פון די פילצאָליקע אַנדערע, וואָס האָבן פאַר אים און נאָך אים געטראַכט אין אַן ענלעכן שטייגער) לאָמיר פּרווון צוקומען צו אַן אייגענעם חשבון הנפש: אַזאַ שטייגערישער חשבון הנפש פירט אונדז — מוז אונדז פירן! — צו אַ רעליגיעזן גלויבן — אַ נייעם אָדער פון פריער באַפעסטיקטן — באַפרייט פון מיטאָלאָגישע נסים ונפלאות און זייערע טראַדיציאָנעלע און אָרטאָדאָקסישע אויפפאַסונגען און אינטערפּרעטאַציעס — וואָס דורך אַט דעם באַנייטן גלויבן זאָל קענען ראַציאָנעל אויפגעקלערט ווערן פאַר וואָס מענטשן האָבן, אפילו זינט פאַרצייטיקע יאָרן, אָנגעהאַלטן, אַז די פיזישע וועלט האָט אַ זכות הקיום דורך אַ גייסטיקן שורש.

(מיר זאָגן אומעטום מענטש, ווייל מיר קענען דאָך ריידן נאָר אין מענטשלעכער טערמינאָלאָגיע. וואָס שייך אַנדערע בעלי־חי, קאָן זיך זיין, אַז זייערע קענטעניש זיינען ניט ווייניקער, אויב ניט מער, אַנטוויקלט פון אונדזערע.)

דערביי דאַרף מען האָבן אַ פאַרטיפונג פון באַוווסטזיין בכדי באמת צו קענען באַגרייפן דעם שורש פון דעם אַלץ־מיט־אַנאַנדער. בכדי דאָס זאָל קענען דערגרייכט ווערן איז נייטיק צו שטודירן די אייגנשאַפטן פון באַוווסטזיין דורך די אַלע אופנים ווי זיי קומען צום אויסדרוק.



מיר קומען צו דער דערקענונג, אַז די שאַצונגען פון די ראַציאָנעל־עקספּערימענטאַלע אופנים פון די אָקסידענטאַלע וויסנשאַפטן, וואָס זיינען זיך סומך אויף מאַטעריאַליזם און ניט מער און ניט עפּעס אַנדערש, קענען זיך קיין עצה ניט געבן מיט די שטייגנדיקע קריזיסן, וואָס באַהערשן, אַלע טיילן פון אונדזער אָרעמער, אין שטח באַגרענעצטער, איינגעשרומפּענער ערד וואָס מיר באַוווינען. די אינטואיטיוו־סוביעקטיוו־עקספּערימענטאַלע שטייגערס, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די פאַרשיידענע גלויבנס — דעם יידישן בפרט! — קענען אַ סך צוגעבן אין דער פאָרשונג פון זינען און באַוווסטזיין. די נאָעטישע, די אינטעלעקטואַל־זינלעכע דענקערס, וואָס ווילן איינהעפטן ביידע שטאַנדפּונקטן בכדי אויפצוזוכן און צו אַנטפּלעקן אַ סיסטעם פון ווערטן, וואָס זאָל צופרידן שטעלן ביידע צדדים, קענען קיין צד ניט צופרידנשטעלן — באַזונדערס קענען זיי ניט צופרידנשטעלן אַזאַ שטימונג, וואָס האָט באַהערשט דעם אַסטראָנאַט מיטשעל, ווען ער האָט דערזען די ערד פון אַ מרחק ווי זי שווימט אין אומענדלעכן שוואַרצן רוים.

פּסיכישע דערפאַרונגען קענען ניט ווייניקער פון מיסטישע און רעליגיעזע דערפאַרונגען העלפן מענטשלעכן באַוווסטזיין אָפּצוגעבן זיך אַ געהעריקן חשבון הנפש. פּסיכישע אַנטוויקלונגען זיינען ניט אַ פּאַנאַצעע, אַ הייל־אַלץ, און זיי פאַרזיכערן ניט אַ גייסטיקן אויפשטייג. זיי ברענגען אָבער אַ שליסל מיט וואָס צו עפענען און צו דערקענען די אויספעלנדיקע עקספּערימענטאַלע באַשטאַנדטיילן דורך וועלכע מ'קען אויסשפּרייטן און פאַרטיפן באַוווסטזיין. ס'קען דינען ווי אַ הויפּט־ראָל צו העלפן מענטש צו ווערן באַוווסטזיניק אין זייער אינדיווידועלן אָנטייל אין דעם המשכדיקן וווּנדער פון באַשאַף, וואָס האָט זיך מיט בראשית ניט פאַרענדיקט און וואָס הערט ניט אויף צו אַנטוויקלען זיך.

## 3. — פּאַראַפּסיכאָלאָגיע און אירע יסודות

מענטשלעכע קולטור, קען מען אָננעמען, איז אַזוי אַלט ווי דער מענטשלעכער מין אַליין. אירע קערנער זיינען געלייגט געוואָרן נאָך בעת סאַמע מענטשלעכן פּרימיטיוו. איבערהויפּט קענען צו דעם חשבון צוגערעכנט ווערן אַזעלכע טראַדיציעס ווי פילאָסאָפיע, רעליגיע, עסאָטערישע פּסיכאָלאָגיע און הומאַניסטיקייטן, וואָס מענטש האָט זיך מיט דעם אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט אַ סך טויזנטער יאָרן צוריק. ערשט פאַר די לפי ערך עטלעכע קורצע הונדערטער יאָרן האָט מענטש אָנגעהויבן אָפּגעבן זיך אַ טיפערן חשבון הנפש און פאַרטראַכטן זיך וועגן באַוווסטזיין ווי אַן עצם פאַר זיך אַליין — אומאָפּהענגיק פון זיינע רעליגיעזע געפילן — און האָט אָנגעהויבן אַזוי צופּאַסן זיין אייגנאַרטיק לעבן צו דעם, אַז ס'איז געוואָרן דער עיקר פון זיין לעבן־דערקענטעניש. איצט געשעט עס אומעטום: הירהורים, חשבון הנפש, נאָכדענקונג, פּסיכישע ווייזגעבונג, לימודים פון יאָגאַ און זינען־קאָנטראָל, אָקולטיסטישע (ניסתרדיקע) פּראַקטיצירונגען אאַ"וו. (אפילו די באַנוצונג פון נאַרקאָטישע באַטויבונגען קען צו דעם צוגערעכנט ווערן).

בכן קומט מענטש צו דער דערפאַרונג — און אפילו צו דער איבערצייגונג — אַז באַוווסטזיין, אויסגעטיילט פונעם פיזישן קערפּער, איז דער עיקר באַשטאַנד פון אַלצוויסן, פון אַלע באַנעמונגען, פון יעדער מצב פון ז י י ן.

און דאָ קומען מיר צום ענין וואָס ווערט באַטיטלט מיטן נאָמען פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, דעם אָפּטייל פון פּסיכאָלאָגיע, וואָס שטודירט און אַנאַליזירט די אַזוי גערופענע — דורך פּראַגמאַטישער פיזישער וויסנשאַפט — איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען, בעסער געזאָגט: גייסטיקע דערשיינונגען.

בערכדיק איז די פאָרשונג פון אַט די דערשיינונגען זייער יונג, אָבער דערביי דאַרף באַטראַכט ווערן, אַז נאָר די פּסיכיק־פאָרשונגען זיינען יונג און ניט דער עצם פון די דערשיינונגען. דער עצם פון אַט די דערשיינונגען איז שוין געווען באַקאַנט צו מענטש נאָך פון גאָר פאַרצייטן, אפשר אפילו זינט דעמאָלט ווען מענטש האָט ערשט אָנגעהויבן ווערן מענטש, זינט ער האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט פון חיה.

פּאַראַפּסיכאָלאָגן, אַזוי ווי מעטאַפיזיקערס און אייניקע פילאָסאָפישע שיטות, קומען צו אַן אַלגעמיינעם הסכם, אַז לעבן בכלל און אַלץ וואָס מיר דערקענען אַז עס לעבט, אַריינגערעכנט פלאַנצן, און וואָס מיר דערקענען דורך און אויפן סמך פון אונדזערע פינף חושים — אַז דאָס באַשטייט פון עלעקטראָ־מאַגנעטישער ענערגיע, וואָס איז „איינגעפרוירן" און וואָס מיר דערקענען ווי מאַסיוון חומר, און אַז רוים איז אַ כסדרדיקער קוואַל פון ענערגיע, באַוווסטזיניקייט און אינטעליגענץ, דורך וואָס גייסט קומט צום אויסדרוק.

אומענדלעכע פרעקווענצן פון עלעקטראָ־מאַגנעטישער ענערגיע ווירקן קעגנזייטיק איבער מענטשלעכן וועזן בפרט און יעדער פיזיאָלאָגישן אָדער באָטאַנישן באַשטאַנד בכלל, דורך וואָס איבער־חושימדיקער גייסט גיט אויסדרוק צו חושימדיקן באַנעם.

יעדער לעבעדיקע זאַך זאַפּט איין אָט די לעבן־ענערגיע און שטראַלט עס אַרויס צוריק אין רוים, ווו עס קען קיין מאָל ניט אויסגעשעפּט ווערן.

פיזיק־וויסנשאַפט האָט באַשטימט, אַז ענערגיע ווי חומר און ענערגיע ווי אויסשטראַלונג שליסן איין איינס דאָס אַנדערע. קומט דערביי פּאַראַפּסיכאָלאָגיע מיט דער דערקענונג, אַז דורך דעם ווערט געגעבן אויסדרוק צו העכערע מדרגות, וואָס דאָס איז גייסט, וואָס חומר איז זיין נידעריקסטע מדרגה.

יעדער זאַך שטראַלט אויס ענערגיע. מענטש שטראַלט אויס זיין אייגענע עלעקטראָ־מאַגנעטישע קראַפט אין דעם אוניווערסאַלן שטח פון שטראַלנדיקער ענערגיע וואָס רינגלט אים אַרום.

די שפּירעוודיקייט און אַנטפּלעקונג פון אָט די געביטן ברענגען אַרויס די פּאַראַפּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען, וואָס פירן צו דערקענונג פון גייסט — די אויסער־חושימדיקע דערקענונגען און פּסיכאָקינעטישע עפעקטן.

העלזעעריי, היפּנאָז, פּסיכאָמאַטיקייט און די אַלערלייאיקע אַנדערע פּסיכיק־דערשיינונגען זיינען די פענאָמענען וואָס נעמען אויף די גייסטיקע ענערגיעס.

פאָרגעשריטענע שטודיעס אַנטפּלעקן אַז תפיסה (מערקונג) איבער און אַריבער די נאָרמאַלע געפילן פון מענטש, איז דער מקור פון איבער־חושימדיקער תפיסה (Extra Sensory Perception) און פּסיכאָקינעטיק.

ס'איז בלי שום ספק, אַז אָט די פעאיקייט פון איבערנאָרמאַלער תפיסה פון מענטש איז גורם די אומצאָליקע איבער־חושימדיקע מיסטיק דערפאַרונגען. אויך האָט עס גורם געווען מענטשלעכע שעפערישע און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, וואָס פירן צו דער לאָגיק, אַז מיר קאָנען אָננעמען ווי אַ באַשטעטיקטן פאַקט דעם קיום פון מעטאַפיזישן פענאָמען ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דעם וועזן פון מענטש.

קאַרל גוסטאַוו יונג (1875-1961), דער פּראָמינענטער טיפער דענקער פון אַנאַליטישער פּסיכאָלאָגיע, — ניט קיין מיסטיקער, נאָר טאַקע און דווקא אַ ראַציאָנעלער וויסנשאַפטלער, האָט זיך איבערצייגט, אַז מענטש איז בעצם אַ מעטאַפיזישער פענאָמען פאַרקליידט ווי אַ בשר ודם. אין זיינע שריפטן ברענגט קאַרל ג. יונג אָפט מאָל אַרויס דעם געדאַנק פון „נשמה", אָדער דעם ניט־קערפּערלעכן באַשטאַנד פון דעם עצם וואָס איז מענטש.

אין די לעצטע יאָרן איז די פּראַגמאַטישע פיזישע וויסנשאַפט ממש איבערראַשט געוואָרן, ווען אַ מעכאַניקער אין סאָוועטן פאַרבאַנד, סעמיאָן קירליאַן, ווייט אַוועק פון דער כוונה פון וועלכער עס איז פּסיכיק פאָרשונג, — האָט געשאַפן אַן אַפּאַראַט, וואָס פאָטאָגראַפירט און דערמעגלעכט צו זען ממש פאַנטאַסטישע אויסשטראַלונגען וואָס קומען אַרויס פון מענטש, פון יעדן מענטש.

וואָס זיינען די דאָזיקע אויסשטראַלונגען? — אָט ווי סאָוועטישע וויסנשאַפטלערס גיבן איבער וועגן זיי:

„אַ ספּעקטאַקלדיקע פּאַנאָראַמע פון קאָלירן, גאַנצע גלענצנדיקע איינזאַמלונגען פון ליכטשטראַלן, בלוי, גאָלד, גרין, פיאָלעט, וואָס שיינען און פינקלען!

„אַ קיין מאָל פריער ניט געזעענע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן. גאַנצע אויפלייכטנדיקע לאַבירינטן, בליצן, פינקלען, פלאַמען אויף. אייניקע פון די פונקען זיינען געווען אומבאַוועגלעך, אַנדערע האָבן געוואַנדערט הינטער אַ טונקעלן הינטערגרונט.



„ס'איז ניט צו באַשרייבן. עלעקטרישע פלאַמען אָדער קרוינען פון בלוי און אָראַנזש. גרויסע אויסשטראַלונגען פון בליציקן פיאָלעט, פייערדיקע בליצונגען. אייניקע שטראַלן לייכטן כסדר, אַנדערע קומען און גייען ווי וואַנדערנדיקע שטערן. ס'איז פאַנטאַסטיש, רייצנדיק, אַ מיסטעריעזער שפּיל, אַ פייערדיקע וועלט!

„ווי זומערדיקע בליצן... קראַטער־אויפרייסן — ניט צעשמאָלצענע לאַווע, נאָר אָפּשיינונגען ווי דאָס צפונדיקע ליכט."

איז דאָס די נ ש מ ה פון מענטש, וואָס די סאָוועטישע וויסנשאַפטלערס האָבן אַנטפּלעקט — אָט די אויסשטראַלונגען, וואָס רינגלען אַרום דעם מענטשלעכן קערפּער?... איז דאָס דער אויפגעלויכטענער רינג פון ענערגיע וואָס פּסיכיקערס דערקלערן, אַז ס'איז דער עצם פון אונדזער אַלעמענס מענטשלעכן באַשטאַנד?...

אָבער סאיז ניט געווען אַ קרייז פון פּסיכיק־פאָרשערס אין רוסלאַנד, וואָס האָט באַשריבן אָט דעם פ ע נ אָ מ ע ן. ס'זיינען וויסנשאַפטלערס, די אָנגעזעענסטע רוסישע וויסנשאַפטלערס, מיטגלידער פון דער סאָוועטישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן, וויסשאַפטלערס און פאָרשערס פון אוניווערסיטעטן און אַקאַדעמיעס פון איבערן לאַנד. ס'האָט זיי גענומען 20 יאָר פון אָבסערוואַציע און אינטענסיווער פאָרשונג ביז וואַנען זיי זיינען אַרויסגעקומען מיט אָט דער דערקלערונג וועגן די ליכט און שטראַלן, וואָס רינגלען אַרום דעם לעבעדיקן מענטשלעכן קערפּער — אָט די שטראַלעוודיקייט, וואָס ווערט געזען ווען דער קערפּער ווערט געשטעלט אין אַ סביבה פון הויכע פרעקווענצן פון עלעקטרישע שטראָמען.*)

זאָל דאָס טאַקע באמת זיין די נשמה פון מענטש, די נשמה וואָס דער בלוט־און־פלייש קערפּער איז נאָר זיין מלבוש, וואָס מאמינים, פּסיכיקערס און מיסטיקערס דערציילן, רעדן און שרייבן וועגן דעם, אָבער לעת עתה איז אויף דעם קיין באַשטימטער ענטפער ניט געגעבן געוואָרן. שפּעקולאַציעס יאָ, אָבער ניט קיין וויסנשאַפטלעכע דעפיניציעס.

אָבער באמת, נאָך אַ ישוב הדעת קאָן אָנגעוויזן ווערן, אַז אָט די אַנטפּלעקונג פון מענטשלעכע אויסשטראַלונגען איז גאָר קיין נייעס ניט, מחמת אָנווייזונגען אויף דעם זיינען שוין געגעבן געוואָרן אַפילו אין די עלטסטע צייטן: פון משה רבינוס פנים, ווערט דערציילט אין חומש, זיינען אַרויס שטראַלן; די קריסטלעכע מאָלערס פון אַמאָל האָבן געמאָלן די קעפּ פון די „הייליקע", אַז זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט שטראַלן. ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז די מענטשן פון אַ מאָל האָבן די נשמהדיקע אויסשטראַלונג פון מענטש יאָ געקענט זען, בעת מיר איצט, פאַרבלענדט פון דער אַנטוויקלטער מאַטעריאַליסטיש־געצנדינערישער ציוויליזאַציע, האָבן אונדזער ראיה פאַרלוירן — בעלמערס האָבן זיך פאַרצויגן איבער אונדזערע אויגן.

אָבער בכלל, אַפילו ניט איינשליסנדיק די קירליאַן אַנטפּלעקונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קומען אָן אַ שיעור דערפאַרונגען פון מענטש און ברענגען אונדז גבית עדות, אַז מענטש באַשטייט פון אַ צענויפבונד פון מאַטעריע און גייסט. דאָס באַטייט, אַז מענטש באַשטייט פון איין דרויסנדיקן גוף, וואָס מ'זעט אים יאָ, און אַן אַנדערן און עיקרדיקן גוף, וואָס מיטן חושימדיקן אויג זעט מען אים ניט. און טאַקע אָט דער אינו־נראה־באַשטאַנדטייל פון מענטש איז דער עיקר מיט וואָס עס אינטערעסירט זיך די פאָרשונג פון פּאַראַפּסיכאָלאָגיע.

אַ סך מענטשן שרעקן זיך און ווילן אַפילו ניט באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון דעם קיום פון אַזאַ עצם ווי ג ייס ט, וואָס באַהערשט חומר און איבערגעוועלטיקט איבער אים. לדאבוננו לעבן מיר איבער איצט אַ געצנדינערישע עפּאָכע פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען די פילאָסאָפישע מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס פון מאַרקסיזם, לעניניזם און פאַשיזם־קאָמוניזם באַהערשן טיזולאָניש־ברוטאַל פעלקער און לענדער מיט אַ דיק־

(המשך אויף זייט 38)

*) "Psychic Discoveries Behind the Iron Curtain" by Sheila Ostrander and Lynn Schrœder, Bantam Books, p. 200.

# אַ הסתדרות
# אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט
פון דער
## ישראל הסתדרות־פונדאַציע
אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקוויקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט.

---

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to............................................................
Address............................................................
Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................
Principal Amount $............................................................
Date......................Signature of Applicant..............................





# דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פּראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס־אָרגאַניזאַציע

## איבער זיבעציק יאָר
אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע־
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט :

# אַרבעטער רינג קולטור צענטער
1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס
טעלעפאָן : 276-7007

(המשך פון זייט 35)

טאַטאַרישער מאַכט און שמידן אין קייטן דעם גייסט וואָס איז פאַרהוילן אין קערפּער פון מענטש.

אַחוץ דעם ווערט באַשטעטיקט, אַז אַ סך פּסיכיק־דערפאַרונגען, וואָס זיינען געוויינטלעך פאַר יעדן מענטש, ווערן דערשטיקט דורך דעם טומל פון, וואָס מיר רופן ציוויליזאַציע, וואָס רופט אַרויס יאוש און אַלגעמיינעם גלייכגילט צו דעם דאָזיקן ענין.

טרויעריק?... דער נוצן וואָס אָט דער וויסן און אָט די דערפאַרונגען קענען ברענגען צו מענטש זיינען אומגעהייער! דער הויפּטצוועק פון אָט דער שטודיע אין אָט די, דערווייל געהיימניספולע, באַגריפן פון אַזוי גערופענע איבער־נאָרמאַלע וויסנשאַפטן, איז צו פאַרמערן אונדזער אייגענעם פאַרשטאַנד און אויפמערק אויף די פעיקייטן פון מענטש, וואָס אַ סך פון אונדז זיינען אונטערן איינדרוק, אַז מיר פאַרמאָגן זיי ניט.

ר ו י ם, לויט דער פּראַגמאַטישער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון מענטש, איז אָנגעפילט מיט די נידעריקע עלעקטראָמאַגנעטישע הערטציאַנישע כוואַליעס ביז די העכערע אָפּטמאַליקע ליכטכוואַליעס און קאָסמישע שטראַלן. מענטשלעכע חושים און מענטשלעכער פּראַקטישער זינען באַנעמען אָבער ניט מער ווי אַ באַגרענעצטע מדרגה פון אָט די וויברירונגען. מענטש איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך קלאַנגען און זעונגען און אַלערליי אַנדערע פיזישע איינדרוקן, וואָס ער, מיט זיינע באַגרענעצטע פינף פיזישע חושים, קען ניט באַנעמען. עס געשעט אָבער אין אַ סך פאַלן, ווען, וואָס מיר באַטראַכטן פאַר אויסער־חושימדיקע מערקונגען, ווערן זעאונגען יאָ דערגרייכט, און דערגרייכט ווערן זיי דורך, וואָס מיר רופן, פּסיכיק באַוווסטזיין, וואָס ווערט אַנטפּלעקט דורך פּאַרטיפּטער פּסיכיק־פאָרשונג.

## 4. — די וועלט פון פּסיכיק

שווער אויף באַשטימט צו דעפינירן וואָס אַזוי איז „פּסיכיק פאָרשונג". אפילו די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אָט דער פאָרשונג קענען עס ניט דעפינירן. אָבער פאַר כלל מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם ענין „פּסיכיק", באַטייט אָט די פאָרשונג אַ שטודיע איבער געשעענישן, באַשטעטיקטע אָדער משוערדיקע — וווּנדערלעכע און פיזיש אומדערקלערלעכע דערשיינונגען, אָקולטיסטישע אָדער עסאָטערישע, וואָס פאַר זיי איז געגעבן געוואָרן דער אַלגעמיינער נאָמען: פּאַראַ־פּסיכאָלאָגיע, דער טייטש פון וואָס עס איז פריער דערקלערט געוואָרן.

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן זיך שוין באַוויזן אַ גרויסע צאָל נאַטור־וויסנשאַפטלערס פון אַלערליי צווייגן און געביטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן דערקענען, אַז מענטש דאַרף זיך אָפּקערן פון די פאַרגליווערטע סאָלידע פאָרעמס פון זיין וועלט־באַנעם און גייסטיק איבערטראָגן זיך אין אַ וועלט פון דינאַמישע ענערגיע־מוסטערן, וואָס פון אַ פיזיש־מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט דערקלערן זיי זיך ניט.

מענטש בכלל איז דאָך אַ געפאַנגענער פון זיינע פינף חושים. דורך זיי האָט ער אַ דערפאַרונג פון אַ וועלט וואָס איז סאָליד, קאָנקרעט און אומבייגעוודיק. איצט אָבער ווערן געזוכט דערפאַרונגען אין גאָר אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט וואָס איז, הגם פליסיק, שיינט זי צו זיין באמת ממשותדיק — אַ וועלט פון וויברירנדיקער, שטראַלנדיקער ענערגיע.

מענטש האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין אַ וועלט פון העכערער זינען־באַגרייפלעכקייט, וואָס באַטייט די פעיקייט צו דערקענען און צו דערפאַרן אויסמעסטונגען פון דער סביבה, וואָס איז ביז איצט ניט פאַרנומען געוואָרן דורך דעם באַוווסטזיניקן וואַכנדיקן מצב.

באַוווסטזיין באַטייט פאַרשיידענע זאַכן צו פאַרשיידענע מענטשן. איצט, ווען מענטשן זיינען מער איידער ווען עס איז פריער געניגט צו מאַכן זייער חשבון הנפש, איז צייטיק אויפצוקלערן און אַ ביסל קלאָרער צו באַשטימען די אייגנשאַפטן און די גרינטלעכע שטאַפּלען פון באַוווסטזיניקייט.

די מענטשלעכע געזעלשאַפט שטייט איצט פּנים אל פּנים מיט דער דילעמע אַליין געבראַכן צו ווערן אָדער דורכצוברעכן זיך דורך שטרויכלונגען אין שייכות מיט דער א י י ג ע נ ע ר אינדיווידועלער מענטשלעכקייט. מענטש האָט זיך לעצטנס דורכגעבראַכן און איז געשטיגן זייער הויך דורך וויסנשאַפטן און טעכנאָלאָגיע מיט ממש אומגלייבלעכער שנעלקייט. דאָס האָט אָבער גלייכצייטיק געפירט צו אַ קריטישן מצב פון זיין אייגענעם באַוווסטזיין:

„איך דערוויס זיך, אַז אַלץ וואָס רינגלט מיך אַרום איז טאַקע אַזוינס און אַזעלכעס; אַלץ וואָס איך בין פיזיש איז טאַקע אויך אַזוינס און אַזעלכעס — אַזוינס און אַזעלכעס ביז וואַנען פיזיאָלאָגיע און מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט ביז איצט דערקענט. אָבער דערביי איז דאָך נאָך אַלץ ניט פאַרענטפערט די אַלטע קשיה: ווער בין איך? וואָס און פאַר וואָס בין איך? ווער האָט געבעטן און ווער האָט באַשטימט אַז איך זאָל ז י י ן און פאַר וואָס קומט מיר אָט די אָפּקומעניש, אָט די יסורים פון ז י י ן?

ערגעץ ווו מוז דאָך פאָרט געפינען זיך אַ תירוץ אויף די אַלע קשיות, און מענטשלעכער באַוווסטזיין זוכט אָט דעם תירוץ עד כלות נפש.

פּרוווט עס טאָן פּסיכיק־פאָרשונג: פּאַראַפּסיכאָלאָגיע אין אירע געפאָרשטע צווייגן און אָפּצווייגן, מיט אַ צוגאָב פון אירע שפּעקולאַטיווע און מיסטישע אָפּנייגונגען און השערות.

* * *

זינט איר סאַמע אָנהייב, מיט אַרום הונדערט יאָר צוריק, האָט פּסיכיק פאָרשונג זיך אויסגעשפּרייט, פאַרצווייגט און פאַרטיפט, און האָט זיך ענג פאַרבונדן מיט נאַטור און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. די פּאַראַפּסיכאָלאָגיע־אַסאָסיאַציע, אַ פּראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפט פאַר קוואַליפיצירטן פאָרשונג־פּערסאָנאַל, מיט אַ מיטגלידערשאַפט איבער אַלע טיילן פון דער ערד, איז אין 1969 פאָרמאַל אַריינגענומען געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פון אַדוואַנסירונג פון וויסנשאַפט.

אָט דער פאָרויסגאַנג באַטייט ניט, אַז אַלע וויסנשאַפטלערס האָבן דערקענט די וויטאַליטעט פון פּסיכיק־פאָרשונג. עס באַטייט אָבער יאָ, אַז פּסיכיק קאָן באַשטימט ווערן ווי אַן ערנסטער וויסנשאַפטלעכער ענין און עס דאַרף געפאָרשט ווערן באַגלייך מיט פיזישע וויסנשאַפטן.

אין 1973 איז געוועזן פאַרעפנטלעכט אַן איבערזיכט אין שייכות מיט דעם ענין אין דעם זשורנאַל נייער וויסנשאַפטלער („ניו סייענטיסט"), וואָס דערשיינט אין ענגלאַנד. דאָרט ווערט דערקלערט, אַז 67 פּראָצענט פון 1500 וויסנשאַפטלערס, וואָס זיינען וועגן דעם אויסגעפרעגט געוואָרן, האָבן אָנגענומען אַז פּסיכיק איז אַ באַשטעטיקטער אמת און דער פאַקט פון איבערחושימדיקע באַגריפן, וואָס ווערן פאַרצייכנט אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, איז אַן ערנסטער אָביעקט. זיי גלייבן אַז עס איז אַ דבר של קיימא און עס דאַרף ערנסט שטודירט ווערן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערן געגעבן קורסן איבער פּאַראַפּסיכאָלאָגיע אויף אַרום הונדערט קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן, און אַזוי אויך אויף די אוניווערסיטעטן פון אַ סך אַנדערע — אפילו אין די קאָמוניסטישע לענדער.

בדרך כלל רופט איצט אַרויס אָט דער ענין אַן אומגעוויינטלעכן נייעם אינטערעס און שפּאַנונג. וואָס איז ביז מיט אַ פּאָר דורות צוריק באַטראַכט געוואָרן ווי איבערנאַטירלעך, ווערט איצט אָנגענומען פאַר אַן אמת און אַ סך מאָל אויך ווי אַ רפואה פאַר דעם געפייניקטן געמיט אין וואָס מענטש איז איצט אַריינגעקומען.

אָט, למשל, אַ חידושדיקע נייעס, וואָס איז דערציילט און איבערגעגעבן געוואָרן דורך די וויסנשאַפט־אָפּטיילונגען פון אַלערליי צייטונגען אין אַמעריקע (ציטירט לויט ל. א. טיימס פון 9טן מערץ, 1975):

און וואָס פּרוווט פאַרענטפערן דעם פיינלעכן חידוש פון מענטש: פאַר וואָס עס איז זיין אויפקום וויבאַלד עס פירט צו אומקום?

אַ שיקאַגאָ דאָקטאָר זאָגט, ווערט דאָרט דערציילט, אַז וויסנשאַפט האָט געפונען אַ מאָדנעם ענטפער אויף איינער פון דעם מענטשנס פון זינט קדמוניות קשיה: וואָס איז דער געפיל פון טויט?

„די דאָזיקע וואָס זיינען דאָרט געוועזן — אָדער דערביי געוועזן — זאָגן אַז ס'איז אַ גוטער געפיל.

„טויט איז ׳אַ געפיל פון פרידן און גאַנצקייט׳, דערציילן פּאַציענטן, וואָס זיינען מעדיציניש דערקלערט געוואָרן ווי טויט, אָבער זיינען געבראַכט געוואָרן צוריק צום לעבן דורך דעם אָנווענדן פון סאָפיסטיצירטע מעדיצינישע מיטלען, וואָס זיינען דערפונדן געוואָרן ערשט אין די לעצטע יאָרן,״ האָט געזאָגט ד״ר עליזאַבעט קוועבלער־ראָס.

„קיין איינציקער פון זיי האָט ווען עס איז מורא געהאַט ווידער אַ מאָל צו שטאַרבן״, האָט זי געזאָגט.

ד״ר ראָס, אַ פּסיכיאַטריסט און ספּעציאַליסט אין די פּראָבלעמען פון גסיסה, האָט געזאָגט, אַז זי האָט שטודירט די אָפּרופן פון „עטלעכע הונדערט פּאַציענטן ... וואָס זיינען מעדיציניש דערקלערט געוואָרן פאַר טויט אָבער זיינען אויפגעקומען, ווי מ׳רופט עס, צו תחית המתים, און זיי האָבן דערציילט וואָס עס זיינען געווען זייערע דערפאַרונגען פאַר יענער צייט:

„מיר האָבן אויסגעפונען ממש פאַנטאַסטישע זאַכן, ממש געמיט פאַרכאַפּנדיקע,״ האָט זי דערקלערט אין אַן אינטערוויו אין דעם מעדיצינישן סעמינאַר אויף דעם אוניווערסיטעט פון אַריזאָנאַ קאָלעדזש פון מעדיצין.

„אַזעלכע פּאַציענטן״, האָט זי געזאָגט, „קענען דערציילן אין אויספירלעכע פּרטים וואָס עס זיינען געווען זייערע געפילן, איבערלעבונגען און דערפאַרונגען... ווי זיי פלאַטערן אַרויס פון זייערע גופים... זיי ווערן באַהערשט פון אַ געפיל פון פרידן און גאַנצקייט, אַן אומגעהייערן געפיל פון ׳זאָלסט אויפהערן אַלע דיינע באַמיונגען צוריק צו ברענגען מיך צום קערפּער. איך בין אין אַ גוטן מצב — ממש אַן אויסגעצייכנטן גוטן געפיל׳.״

„די אומגעוויינלעכע געפילן פון די דאָזיקע מענטשן זיינען, ווי זיי דערציילן עס כסדר,״ זאָגט ד״ר ראָס, „אַז זיי אַלע, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום פיזישן לעבן, זיינען באַהערשט געוואָרן פון אַ ווידער־געפיל און ס׳איז זיי געווען דערווידער אָט די גרויסע אָנשטרענגונג צוריק צו ברענגען זיי צום פיזישן לעבן. קיין איינער פון זיי האָט אַרויסגעוויזן פּחד פאַרן עווענטועלן טויט, וואָס וועט אומפאַרמיידלעך קומען פריער אָדער שפּעטער.״

ד״ר ראָס, געבוירן אין שווייץ, וועלכע איז איצט באַשעפטיקט אין שיקאַגאָ שטאָטישן שפּיטאָל, אַ גראַדואירטע פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין ציריך, איז אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער פּסיכיאַטרישער אַסאָסיאַציע — די אַסאָסיאַציע פון פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישער פאָרשונג און איז אַ פאַרפאַסערין פון ביכער: „וועגן טויט און שטאַרבן״ און „פראַגעס און ענטפערס וועגן טויט.״

זי זאָגט, אַז אָפט מאָל איז שווער צו זאַמלען געגעבענע דאַטן אין שייכות מיט אָט דעם געביט, מחמת פאַר מייסטע מענטשן איז די באַשטימונג פון אָט דער פראַגע אויסטערליש, אומדערקלערלעך, און אין אַ סך פּרטים אוימפאַרשטענדלעך. אָבער, ווי זי זאָגט, „עס איז שוין געקומען די צייט אַריינצוטראַכטן זיך אין דער ריכטונג, ווי אַ סך זאַכן, וואָס מיר קענען ניט פאַרשטיין, זאָלן אויפגעקלערט ווערן.״ דאָס קען פירן צו דעם, אַז להבא „וועלן מענטשן אויפהערן שרעקן זיך פאַרן טויט.״

---


אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט — $5.00 אַ יאָר.


---



לילי בערגער / פּאַריז

# „שמעלץ״

(דערציילונג)

ס׳איז געגאַנגען אַ נאַסער שניי. צעקראַטשעטע, אומעטיקע פליטערלעך האָבן זיך פויל געדרייט אין דער לופט, אומגעלומפּערט געקייקלט זיך צו דער נידער, צוגעפאַלן צום שטיינערנעם באָדן, צו די דעכער פון די אַנטקעגנאיבערדיקע הייזער, גיך אויפגעפּלאַצט ווי בלעזלעך און צעגאָסן זיך.

דינה איז געשטאַנען פאַרן פענצטער און געקוקט מיט שטאַרע אויגן צום דרויסן. אירע בליקן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף די קרייזנדיקע פליטערלעך אין חלל פון פירקאַנטיקן הויף. צום ערשטן מאָל זעט זי שניי־פליטערלעך זאָלן זיין אַזוי צעכראַסטעט און קאָלירלאָז. ערגעץ־ווייט זעט זי פּוכיקן, ווייסן שניי. די ווייסקייט שימערירט מיט זילבערנע פונקען. דער־אָ שניי אין דער ווינטערדיקער פּאַריזער לופט איז אָן קאָליר, פונקט ווי אַלץ אַרום אויפן בעלווילער הויף. די הייזער, די דעכער, די פענצטער האָבן נישט קיין פּרעציזע קאָלירן. די צייט האָט זיי אָפּגעבלאַקעוועט, דער רעגן האָט פון זיי אַראָפּגעשוואָנקען די נאַטירלעכע פאַרבן. זיי זיינען ווי אַלטע, צעקראַצטע מעבלשטיקער, ווי אויסגעריבענע מלבושים, זיי האָבן דעם מטושטשן קאָליר פון אַלטקייט. אויך דאָס שטיקל הימל הענגט איבערן הויף ווי אַן אַלטע, גרויע שמאַטע, און פון דער שמאַטע שיטן זיך אַראָפּ צעקראָכענע, שלאַבערדיקע שניי־פליטערלעך.

שניי. מ׳קען דאָס שטאַרק ליב האָבן און שטאַרק פיינט האָבן. אין דינהס דמיון טויכט אויף אַ ווייטער אַמאָל. אַ זילבערנער, בלישטשענדיקער שניי. מ׳פרייט זיך מיט אים ווי מיט אַ ליבן גאַסט. זי שטרעקט אויס צו אים דעם פּנים ער זאָל באַזילבערן אירע באַקן. גאַנצע כאָפּטעס מיידלעך מיט ייִנגלעך לאָזן זיך צום אָנגעשאָטענעם שניי. מען קנעט אויס מיט די הענט קנייכלעך, מען באַוואַרפט זיך מיט זיי. ווער נאָך אַזוי ווי זי האָט מיט התמדה און געניטקייט סקולפּטירט דעם שניי־מענטש! די מאַמע שרעקט זיך שטענדיק פאַר אַ פאַרקילונג. ניין, מאַמע, דער שניי איז נישט קאַלט, עס וואַרעמט די הענט, דערוואַרעמט דאָס לייב הינטער די ווינטערדיקע קליידער.

שפּעטער, שפּעטער... ער איז איז־קאַלט דער שניי. ער ווערט אַ שונא, בייז־פאַררעטעריש. ער קריצט אויס אויף זיך די שפּורן פון די טריט, ווען מען לויפט אין וואַלד. אין דער וואַלדיקער באַהעלטעניש בייסט ער די פיס, שטעכט אונטער די נעגל פון די פינגער, רייסט שטיקער פון לייב. ווען מען זעצט זיך אַוועק אויף אים, נאָגט ער אויס דעם מאַרך פון די ביינער.

איז ער דעמאָלט אויך זילבערדיק־ווייס געווען? זי געדענקט נישט. זי געדענקט בלויז ווי ער האָט זיך איינגעביסן אין די ביינער. זי דערפילט איצט דעם ווייטיק, ווען ער האָט געברענט די פיס אין אוישוויץ. אָט בלייבן די הילצערנע, צו גרויסע שיך שטעקן אין אַ ווייכער מאַסע, ווי אין אַ שוואַרצער, קלעפּיקער בלאָטע. אוישוויצער שניי. איז עס ווייס־זילבערדיק געווען? זי קען זיך נישט אויסמאָלן זיין קאָליר. אַלץ האָט דעמאָלט געהאַט איין קאָליר, דעם קאָליר פון טויט.

דינה הענגט אָן צודרינגלעך די בליקן אויפן איצטיקן שניי, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין עפּעס אַ פאַרבאָרגעניש, וואָס שטעקט אין אים. זי קוקט און קוקט און דערזעט זיך גופא צווישן די שניי־פליטער. ווי זיי פלאַטערט זי אין דער לופטן, פאַלט אַראָפּ און פּלאַצט אויף ווי אַ בלעזל. אין קאָפּ האָט פּלוצעם אַ זעץ געטאָן, ווי אַ רויב־פויגל וואָלט דאָרט אַ פּיק געטאָן מיטן רויבערישן שנאָבל: שמעלץ!

זי האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער, אָנגעהויבן יאָגן פון זיך די דערמאָנונגען און טראַכטענישן, געטריבן זיי פון זיך ווי זשומודנע פליגן, וואָס באַפאַלן אין אַ פאַרפּעסטעט אָרט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, ווי זי וואָלט דאָ צום ערש־

טן מאל געווען. דאס קליינע האטעל־צימער אויפן דריטן און לעצטן שטאק איז שוין איינגעוויקלט אין דעמערונג. דער ווינטערדיקער טאג קלייבט זיך באצייטנס אוועקצוגיין. טרעט אפ פארן אוונט אן א בין־השמשות. דער איינזאמער זונטיקדיקער טאג האט זיך אויסגעצויגן לאנג. דער אוונט וועט זיך אין דער אליינקייט אויסציען נאך לענגער.

די גאנצע וואך איז דער טאג צו קורץ פאר די ארומלויפעניש, זוכעניש. דערנאך איז דער אוונט צו לאנג אין דער אליינקייט. אליין מיט די נייע אמפערניש, קלעמעניש. אליין זיך אויפסניי דורכצושלאגן א וועג, צו דערגראבערן א פיצל ארט אויף דער ערד.

צי וואלט לייכטער געווען זאלבע צווייצוזאמען מיט וויקטארן? געדארפט אפשר צושטיין?

א שטימע האט זיך אפגערופן אין הארץ, לייכטער געמאכט דאס געמיט: ניין! גוט וואס ער איז נישט איינגעגאנגען. ס'איז גוט געשען וואס זי איז נישט צוגעשטאנען, נישט געפרווט אים איבעררעדן איינרעדן.

ער האט אויך געפרווט זי אפהאלטן. צי איז דאס אויך גוט געשען? צי וואלט נישט בעסער געווען?...

דינה טרייבט ווידער פון זיך די טראכטעניש. וואס געשען איז געשען. צי האט זי אבער חרטה? וואלט זי דען נישט געטאן דאס זעלבע, אויב מ'וואלט געדארפט איבערחזרן? האט זי דען נישט געוווסט וואס זי נעמט אויף זיך?

זי האט אנגעהויבן שפאנען הין און צוריק איבערן קליינעם צימער, ווי דאס לאזן די אברים אין באוועגונג וואלט געדארפט העלפן געפינען אן ענטפער אויף די הארבע שאלות, וואס שווימען פון מאל צו מאל אויף אין מוח. יא, ווידער אמאל יא. און ניין. געוווסט און פארט זיך נישט אויסגעמאלן. פארט א סך שווערער ווי זי האט זיך פארגעשטעלט. ס'איז איר קיין מאל נישט געקומען אויפן זינען, אז זי קאן ווי איר מאמע ווערן „שמעלץ", זיך פארזוארפן פארוואס זי איז דעמאלט נישט מיטגעגאנגען...

יעדעס מאל, ווען דינהן קומט אויס מיטן קאפ די וואנט דורכצוברעכן און צעקלאפט דעם קאפ, גיט א קלונג אין מוח דאסווארט, וואס זי האט געהערט מיט איבער דרייסיק יאר צוריק: שמעלץ... טוט זי דען נישט דאס זעלבע ווי איר מאמע דעמאלט? די מאמע האט קינסטלעך אונטערגעשמיכלט, געוואלט אויסבאהאלטן די יארן, זיך ארויסשטעלן פאר א יינגערע ווי זי איז געווען. זי האט דאס געטאן אפצורוקן דעם טויט. זי, דינה, טוט דאס אפצורוקן א נישט זיכערן מארגן. איינצוגראבן זיך אויפסניי אין לעבן. ניין! ניין! נישט דאס זעלבע! פארוואס מאכן אזעלכע פארגלייכן? צי טאר מען? איז דאס נישט קיין פארשוועכונג לגבי דעם זכרון פון דער מאמען? קיין עוולה לגבי זיך גופא? זי וועט מער נישט! וועט זיך נעמען אין די הענט, וועט טרייבן פון זיך די דערינערונגען.

• • • • •

זינט דינה זוכט אין פאריז ארבעט און א דאך איבערן קאפ, גייט איר נאך דער מאמעס שאטן. שוין איבער א יאר ווי זי האט פארלאזט איר געבוירן־שטאט ווארשע, איר צוריק אויפגעשטעלטע היים. א נייער שטורעם האט זי צוריק ארויסגעיאגט פון דער צוריק אויפגעבויטער נעסט.

„כ'וועל זיך נישט לאזן פאריאגן," אזוי האט געזאגט וויקטאר, איר צווייטער מאן. ער האט נישט געוואלט ווערן היימלאז, אפילו נישט אויף א קורצער צייט. איר, דינהן, זעט אויס די איצטיקע היימלאזיקייט שוין זייער א לאנגע. פון נאוועמבער 1968 ביז יאנואר 1970 איז בלויז עפעס מער ווי א יאר און איר דוכט זיך, אז זי דרייט זיך שוין צענדליקער יארן א היימלאזע. די טעג לויפן און שלעפן זיך. יעדן טאג מעסט זי אויס די פאריזער גאסן. זי גייט ארויס פרי מיט א פולן טאש אדרעסן און א פונק האפענונג אין הארץ. זי שטעלט אויס אויפן מארק אירע הענט, אירע קענטעניש. זי טראגט אונטער ארבעט־צייגעניש, ארבעט־אויסצייכענונגען, א דיפלאם. קיינער קוקט נישט אויף זיי. מען קוקט פריער אויף איר פנים. דאס פנים איז א מסור געווארן, ער פארמסרט זי נאך מער ווי די געבוירן־דאטע, זי זעט אויס עלטער ווי אויף אירע יארן. אין



א שוי־פענצטער פון א פאריזער קאסמעטיק־געשעפט האט זי געלייענט: „א פרוי פון דרייסיק יאר קאן מאכן זי זאל אויסזען ווי צוואנציק יאר, א פרוי פון פערציק יאר דארף אויסזען נישט מער ווי דרייסיק יאר. זי וואלט אויך געדארפט אראפקלאפן פון זיך כאטש א צענדליק יארן.

יעדן אוונט טראכט דינה צו אן אנדער מיטל ווי אזוי אויסצוזען יינגער, צו מאכן א גוטן איינדרוק, פונקט ווי זי האט מיט דרייסיק יאר צוריק געזוכט מיטלען צו האבן א „גוטן אויסזען". זי האט שוין איינגעשטודירט די טעכניק, אפגענומען זיך פון מויל און איינגעשאפט זיך די נייטיקע מיטלען. געלינגט איר יא דאס פנים זאל א ביסל אפנארן, פארראטן זי די דאקומענטן: ס'שטייט שווארץ אויף ווייס אויסגעקריצט די געבורטס־דאטע.

„מאדאם, איר האט געזאגט איר זענט אלט 48 יאר. לויט אייער ארבעטס־קארטע קומט אויס, אז איר זייט 56 יאר. צי האבן זיי זיך טועה געווען, צי איר האט זיך טועה געווען, ווען כ'האב אייך געפרעגט? צו אזא ארבעט דארף מען יונגע פרויען, מען... מען דארף פארטרויען, כ'מיין מ'זאל קאנען האבן צוטרוי..."

דער יידישער באלעבאס פון דער רייזע־געזעלשאפט האט זיך געבראכן די ציין אויף פראנצויזיש, געוואלט נאך עפעס זאגן, איבערגעקוקט זיך מיט זיין יונגן פארוואלטער און איינגעזאגט זי צו לאזן צוארבעטן ביז צו די צוויי פרובע־וואכן.

דינה האט געמיינט, אז די שפראך־קענטעניש וועלן פארגיטיקן די יארן. איר יינגערע פריינדין מיט וועלכער זי איז אין אוישוויץ געלעגן אויף איין נארע, האט איר אין די פיבערדיקע טעג אין פוילן געזאגט: „ווען איך וואלט אזוי געקענט פראנצויזיש ווי דו, וואלט איך קיין איין מינוט נישט געטראכט. וויקטאר וועט שפעטער קומען." נאך צוויי זאכן איז זי איר מקנא געווען: דעם דיפלאם, וואס האט פון איר געמאכט א לערערין פון פראנצויזיש אין א מיטלשול, און איר יידיש לשון. „מיט יידיש, זאגט מען, קאן מען אויספארן א וועלט, דו וועסט אין ערגעץ נישט פארפאלן גיין."

זי, מאגדא, די 54־יעריקע היסטאריקערין, האט צום ערשטן מאל אין איר לעבן באדויערט וואס זי קען נישט קיין יידיש און נישט קיין פראנצויזיש. זי האט זיך לאנג געיישובט וואס צו טאן מיט זיך און האט אויסגעקליבן פאר א נייע היים שוועדן. זי האט נישט געהאט קיין געבונדענע הענט... דער מאן מיט דער גאנצער משפחה זיינען פארבליבן אין אוישוויץ. קיין נייע משפחה האט זי זיך נישט איינגעשאפט. צייטנווייז איז דאס א ברכה... מ'איז א פרייער פויגל, מ'פליט וווּ מ'וויל, מ'איז פון קיינעמען נישט אפהענגיק, פאר קיינעמען נישט פאראנטווארטלעך.

אזוי האט דינה געטראכט זינט 1967. מ'האט זי געיאגט, געטריבן. זי האט געזוכט א שפארונע דורך וואנען צו אנטרינען, געווארט מיט ציטערניש ס'זאל זיך עפענען א טירל. ס'האט זי שוין פון לאנג געצויגן צום לאנד פון די אבות. זי וואלט אהין געפלויגן.

אנדערש האט געטראכט וויקטאר, איר צווייטער מאן: „ווו פליען? ווו לויפן? מיט מיינע 64 יאר און מיט א דורכגעשאסענעם פוס?"

מיט 25 יאר צוריק, ווען ער איז געווען אן אפיציר פון דער ערשטער פוילישער ארמיי, האבן,ביים שטורעמען בערלין, עטלעכע דייטשע שפליטערן געטראפן צו זיין רעכטן פוס און געבליבן שטעקן ביים ביין. די כירורגן האבן שפעטער געהאט נישט קיין קליינע צרות זיי ארויסצוגראבלען און ער האט דערנאך געהאט נאך גרעסערע צרות צוריק איינצושפאנען דעם פוס אין גאנג.

ער איז געווען, דער פוס, עטלעכע יאר שטייף ווי זיין שטעקן מיט וועלכן ער האט זיך ארויסגעהאלפן ביים גיין. וויקטאר האט געארבעט מעשים, דרעסירט דעם פוס צו זיין בייגעוודיקער, עלאסטישער, אבער פון זיינע קאפריזן ביי יעדער ענדערונג פון וועטער האט ער אים נישט געקענט אפגעוווינען. פון דער הינקענדיקייט איז ער אויך נישט פטור געווארן. דער פוס, ווי דער פוס. די הענט, דער קאפ טויגן אויך נישט צו דער לויפעניש. ער, וויקטאר, קען נישט מער ווי שרייבן לידער, מאמרים פאר צייטונגען. איז ווי וועט עס

זיין? לעבן פון קיצבה? זיך אַוועקזעצן עמעצן אויפן קאַרק? זיי האָבן דען אַזאַ עמעצן?

דינה וואָלט זיך אויך קיינעמען נישט אַוועקגעזעצט אויפן קאַרק. זי רעכנט בלויז אויף אירע צען פינגער. וואָס? זי קאָן נישט אַרבעטן? דער גרעסטער קלאַפּ פאַר איר איז געווען ווען מ׳האָט זי אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. זי האָט שטענדיק געטראַכט צו אַרבעטן אַזוי לאַנג ווי זי וועט קאָנען זיך האַלטן אויף די פיס. זי פאָרט דאָך מיט אַ דיפּלאָם אין קעשענע, מיט עטלעכע שפּראַכן אין מויל. ס׳וועט איר אויך זיכער ביישטיין דער זכות וואָס זי איז אין איר יוגנט געווען אַ יידישע לערערין, געאַרבעט פאַר דער מלחמה אין אַ „ציש״אָ״־שול, געווען אַמאָל איינגעטונקען אין יידישקייט. ס׳האָט זיך נישט אויסגעוועפּט. ס׳איז אויך עפּעס ווערט צווישן יידן. חוץ אַלעמען, וויפל דאַרפן צוויי מענטשן אין זייער עלטער? אבי אַ דאַך איבערן קאָפּ און עפּעס אין מויל צו לייגן. זי וועט זיך באַנוגענען מיט וואָס ס׳זאָל נישט זיין, אבי נישט האָבן קיין קאָשמאַרע חלומות, נישט דרייען זיך צווישן שאָטנס, וואָס זיי האָבן צוריק אַרויסגערופן. זאָל זי נאָר איינפּעדעמען ביי עפּעס אַן אַרבעט. זי וועט דערווייל פאַרטשעפּען די הענט ביי וואָס ס׳זאָל נישט זיין. וויקטאָר וועט דערפילן אַן אָנשפּאַר אין איר. ער וועט זיך גיך אַרומזען, אַז זי איז גערעכט.

זי האָט זיך פריער פון אים אַרומגעזען, אַז פון אַלע אירע אויסרעכענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אין „קאָזשאַסאַר״ האָט זי אַזוי לאַנג אָפּגעשלאָגן די שוועל, געגאַנגען פון „סערוויס״ צו „סערוויס״ ביז זי האָט זיך פאָרט דערשלאָגן צו אַ מענטשן, וואָס האָט צוממיינסטן צו זאָגן:

„איר ווילט נישט קיין שטיצע נאָר אַרבעט? ווו זאָלן מיר פאַר אייך נעמען אַרבעט? מיר זיינען ניט קיין אַרבעטס־ביוראָ. מיר גיבן וואָס מיר קאָנען. אַרבעט זוכט יעדערער אַליין.״

זי האָט געזוכט. די פראַנצויזישע צייטונגען זיינען פול מיט אַנאָנסן. זי שרייבט אויס צענדליקער אַדרעסן, טעלעפאָנען. אין די יידישע צייטונגען וויזן זיך אויך פון מאָל צו מאָל אַנאָנסן. זי גייט צו באַקאַנטע, אין יידישע אינסטיטוציעס. זי הערט אויס עצות. זי שרייבט בריוו. זי באָט אומעטום אָן אירע הענט, רעכנט אויס אירע קענטענישן. אומעטום לייגט זי ביי איר אוניווערסיטעט־דיפּלאָם. זי האָט שוין געמאַכט צענדליקער פאָטאָקאָפּיעס. זי קאַרגט נישט קיין גאַנג, זי קלינגט יעדן טאָג פון גאַס־טעלעפאָן.

„וואָס? איר ווילט מאַכן קאָרעקטור אין אונדזער צייטונג? מ׳האָט אייך געזאָגט מ׳דאַרף אַ יידישן קאָרעקטאָר? מ׳האָט געדאַרפט, היינט דאַרף מען שוין נישט.״

צום סעקרעטאַר פון קולטור־אָרדן האָט זי אויפגעהערט צו קלינגען. זי קאָן נישט אָנטרעפן אויף דער צייט, ווען ער קומט, אָדער ווען ער איז נישט פאַרנומען אויף אַ זיצונג. בעסער אָנשרייבן אַ בריוו. זאָל דער בריוו אויך נישט האָבן דערגאַנגען? בעסער זיך צוכאַפּן, וואַרטן. ס׳קאָן דערפון עפּעס אַרויסקומען.

צו איר גליק איז די לערערין פון דער איינציקער יידישער שולע קראַנק געוואָרן. צו די יאָרן איז צוגעקומען אַ קראַנקייט. זי וועט זיך שוין נישט אומקערן צו דער שול־אַרבעט. ווי גיך מ׳האָט איר אונטערגעטראָגן די ידיעה, האָט זי אָנגעהויבן קלינגען . נאָר גיי זעץ זיך אַוועק אויף אַ גאַנצן אָוונט אין אַ טעלעפאָן בודקע אויפן גאָס.

זי האָט לאַנג געוואַרט און זיך דערוואַרט. ער האָט זי אויפגענומען, כאָטש אָט באַלד דאַרף ער זיין אויף אַ זיצונג. דער קולטור־טוער האָט אַריינגעשטעקט נערוועז די פינגער אין דער געדעכטער טשופּרינע, אַרויפגעצויגן אויפן פאַרזאָרגטן פּנים אַ מילדן שמייכל און אָנגעוויזן אויף אַ שטול. ער איילט זיך, אָבער פאָרט האָט ער פאַר זיך אַ פרוי, טאַקע נישט קיין יונגע, אָבער פאָרט אַ פרוי. יאָ, יאָ, ער ווייסט אין וואָס ס׳גייט. ער האָט באַקומען איר בריוו. נישט נייטיק געווען צו שיקן עקספּרעס. ער האָט ווידער אַריינגעשטעקט די פינגער אין דער טשופּרינע, גיך זיי צוריק אַרויסגעצויגן און צוגעטראָטן צו דער זאַך:



— אין פראַנקרייך אַ יידישע שול איז נישט ווי אַמאָל אין פּוילן...

— כ׳ווייס.

— איך ווייס נישט צי איר ווייסט אַלץ. ביי אונדז לערנט מען ווייניק מיט די קינדער, בלויז אַ ביסל יידיש. דאָס איבעריקע, מען זינגט, מען טאַנצט, מען שפּרינגט מיטן קליינוואַרג. פראַנצויזישע קינדער...

— איך האָב אויך אַמאָל געזונגען מיט מיינע שילער, געטאַנצט אויך...

— אַמאָל, אין פּוילן. וויפל יאָר איז דאָס שוין?...

ער האָט זיך פאַרכאַפּט:

— געווען אַמאָל אַ יידיש לעבן, יידישע שולן אין פּוילן. יענע רוצחים, היינטיקע רוצחים האָבן אַלץ אומגעבראַכט. וואָס איז היינט אַ יידישע שול? נישט ס׳איז די זעלבע יידישע שול, נישט ס׳זיינען די זעלבע יידישע קינדער...

— איך האָב אַ סך דערפאַרונג, כ׳וועל זיך אַן עצה געבן מיט די היגע קינדער אויך.

— אוי, ליבע פרוי, נישט דאָס זעלבע ווי אַמאָל. היינט דאַרף מען מיט די קינדער אַרומכאַפּקען, מ׳דאַרף זיין דערצו יונג... כ׳זאָג נישט חס וחלילה, אַז איר זענט צו אַלט, נאָר מ׳דאַרף קענען די פראַנצויזישע קינדער. ס׳זענען נישט די אַמאָליקע קינדער פון די יידישע שולן אין פּוילן. נו לאָזט מיר אייער טעלעפאָן. איר האָט נישט קיין טעלעפאָן? גוט, גוט, איך האָב אייער אַדרעס. צו וואָס זאָלט איר זיך נאָך אַ מאָל מטריח זיין, אַז ס׳איז דאָ אַ פּאָסט? איר וועט באַקומען אַ שריפטלעכן ענטפער.

קיין ענטפער איז נישט געקומען. פון עטלעכע צענדליק אַרבעטס־פּלעצער זיינען אויך נישט געקומען קיין ענטפערס. פאַרוואָס זאָל זי אָבער ווידער וואַרטן מ׳זאָל איר אונטערטראָגן אַן ענטפער? אַ לעבעדיק וואָרט איז נישט דאָס זעלבע ווי אַן אָנבאָט אין אַ בריוו!

אַ נייע ביבליאָטעק. אין דער מעלדונג אין דער צייטונג איז טאַקע אָנגעוויזן געוואָרן, קאַנדידאַטן זאָלן שריפטלעך צושטעלן אַלץ, וואָס איז נייטיק צו וויסן וועגן זיי — אויסבילדונג, עלטער, אַרבעט־צייגענישן. זי האָט מיט אַ וואָך צוריק אַלץ צוגעשיקט. זי וועט איצט דערציילן ווי אַזוי זי האָט אַליין אין שולן אויפגעשטעלט שול־ביבליאָטעקן, איינגעפירט אַ מאָדערנעם סיסטעם. צי האָט זי דען אין איר בריוו־אָנבאָט אַלץ געקאָנט דערציילן ווי אַזוי זי האָט נאָך דער מלחמה געאַרבעט אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק?

זי האָט אַרויסגענומען פון דער וואַליזקע נאָך עטלעכע פּאַפּירלעך, אַלטע אַרבעטס־צייגענישן. די ביבליאָטעק איז אין אַ פּאַריזער ווייטער פאָרשטאָט. מ׳פאָרט ביזן פאָרט און דערנאָך מיטן אויטאָבוס. מ׳כאַפּט אַריין צוזאַמען 6 מעטראָ־בילעטן, ס׳איז אַ ביסל מער ווי די טעגלעכע שטיצע פון „קאָזשאַסאַר״. ס׳לוינט. זאָל זי נאָר טרעפן דעם פאַרוואַלטער, זאָל זי נאָר טרעפן צו דער נייער ביבליאָטעק.

זי האָט לייכט געטראָפן; האָט גוט אויסגערעכנט: דער פאַרוואַלטער איז געזוען אויפן אָרט. ער האָט זי צומאָל נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. אויפגענומען זי גאָר פריינדלעך, פאַרענטפערט זיך פאַר איר:

— ליידער, ליידער, די ביבליאָטעק געהערט צו דער מוניציפּאַליטעט. די מוניציפּאַליטעט באַשעפטיקט מענטשן בלויז ביז 45 יאָר. ווען ס׳וואָלט אָפּהענגיק געווען פון מיר, ליידער...

דינה האָט אויפגעהערט בייצולייגן דאָקומענטן. די געבורטס־דאַטע קאָן זי נישט ענדערן. זי מוז ענדערן דאָס פּנים, פאַריינגערן עס.

דאָס מאָל האָט זי זיך אויסגעצירט אין עסיק און אין האָניק. די פריזור קאָן מען אויך מאַכן זיך צו פאַריינגערן. זי האָט דאָס שוין איינגעשטודירט. אין וואַרשע האָט זי נישט פאַרמאָגט פאַר קיין גראָשן געניטקייט אין דער קאָסמעטישער קונסט. איר אויסגעצערט פּנים האָט קיין מאָל נישט פאַרזוכט קיין טראָפּן רויטע פאַרב. זיצט זי פאַרן שפּיגל לאַנג. זי גיט דעם לעצטן שליף איבער איר בלאַס געזיכט. ווער ווייסט צי ס׳איז בעסער אַ ביסל מער, צי אַ ביסל ווייניקער. זאָל זיין מער ווי ווייניקער; אַז פאַרשטעלן זיך, זאָל זיין פאַרשטעלט. די אויסגעבלאַסטע באַקן זיינען געוואָרן רויט.

דער שמועס דורכן טעלעפאָן איז געווען אַן איינגעגעבענער. דער מענטש פון יענער זייט דראָטן האָט געריימט אין גוטן פראַנצויזיש, אויסגעפרעגט צי זי האָט אַן אַרבעטס־קאַרטע. זי וועט עס אָבער נישט ווייזן, זי האָט פאַרגעסן מיטצונעמען. זאָל זי זיך נאָר אַריינקריגן, מ׳וועט דערנאָך זען.

אין דרויסן איז געגאַנגען אַ רעגן. נאָר וואָס אַרט איר דער רעגן? אויפן האַרצן האָט זיך אויסגעלייטערט. דער נעכטיקער טעלעפאָנען־שמועס האָט זי אויפגעאייטערט. זי איילט זיך, האָט נישט געוווסט אַז פון מעטראָ איז אַזאַ שטיק וועג.

דער דירעקטאָר פון קליינעם ביוראָ, וואָס האָט נעכטן דורכן טעלעפאָן געהאַט אַ גוטמוטיקע שטימע, האָט זי אויפגענומען קאַלט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר פּנים ווי אַ דאָקטער, וואָס באַטראַכט זיין פּאַציענט.

— צי האָט איר אַ גוטע ראיה? כ׳האָב מורא ס׳איז נישט קיין אַרבעט פאַר אייך. מ׳דאַרף זיצן אַ גאַנצן טאָג אַריינגעטאָן אין פּאַפּירן, לייענען, דעשיפרירן פאַרשיידענע נישט דייטלעכע שריפטן, ס׳מאַכט אַ תל פון די אויגן.

ער האָט צוגעזאָגט אַן ענטפער. דער צוזאָג איז געווען אַזאַ, אַז ס׳איז געלעגן אין אים אַן אָפּזאָג.

וואָס האָט ער צו אירע אויגן? וואָס פאַר אַ נייע אָנשיקעניש? זי האָט געזונטע, גוטע אויגן. אַמאָל האָט זי געקאָנט לייענען די קלענסטע שריפט ביי דער שיין פון דער לבנה. זי וואָלט דאָס היינט אויך געקאָנט, ווען מען וואָלט געדאַרפט.

צוריקקומענדיק אַ דערשלאָגענע אין שטוב האָט זיך אויפגעקלערט די מיסטעריע. דער אַלטער שפּיגל אויפן וואַנט פון האָטעל־צימער האָט געוויזן אַ פּאָר רויט־אונטערגעראַמטע אויגן. צום ערשט האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. באַלד האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געלעכטער. אין געלעכטער האָבן אַריינגעטריפט טרערן. זי האָט מיט דער האַנט באַטאַפּט דאָס פאַרקאָסמירטע געזיכט. אויפן האַנט זיינען געבליבן רויטלעכע צייכנס. דער ביליקער קאָסמעטישער רויט האָט זיך איצט אויסגעמישט מיט די אַראָפּגעקייקלטע גראָבע טראָפּנס טרערן. אונטערן גאָס־רעגן האָט דער „רוזש" נאָך מער „געלאָזט". זי האָט מיט אַ טיכל אַרומגעווישט דאָס נאַסע פּנים און אים פאַרשאַרט הינטער די אויגן, אַרומגעראַמט זיי מיט רויטער קאָסמעטיק.

דינה האָט מיט אַ נאַסן האַנדטוך אַראָפּגעריסן די קאָסמעטישע מאַסקע. דאָס צאַרטע, בלאַסע פּנים איז בלאַסער געוואָרן. די לייכט אָנגעצייכנטע קנייטשן ביים מויל, אַרום די אויגן, די ליניעס אויפן שטערן האָבן זיך איינגעשניטן טיפער. זי האָט זיך איינגעקוקט אין שפּיגל.

אָן איר ווילן האָבן זיך די ליפּן צעשפּרייט אין אַ גרימאַסע שמייכל. זי האָט דערזען איר מאַמעס פּנים. זי האָט קיין מאָל נישט געוווסט, אַז זי איז אַזוי ענלעך צו איר. זי איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז מיט צוויי יאָר מער ווי זי היינט, איר מאַמע. אַ גראָבע, העסלעכע שטימע האָט אַ קלונג געטאָן אין די אויערן: שמעלץ! שמעלץ!

ס׳איז געווען מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. זיי זיינען אַנטלאָפן פון וואַרשע, געבליבן שטעקן אין לעמבערג. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די „לאָפּאַנקעס": די יונגע האָט מען גענומען אויף אַרבעט; די עלטערע האָט מען אַרויסגעפירט ערגעץ, פון וואַנען מען איז נישט צוריקגעקומען. דאָס הויז איז באַפאַלן געוואָרן פלוצלונג. די טיר האָט זיך געעפנט אונטער דונערדיקע קלעפּ. דינהן האָט די קוזינע אַ צי געטאָן צום פענצטער, געהאַלטן זי פעסט לעבן זיך. זיי זיינען געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם הינטער דער שווערער, לאַנגער קאָטאַרע און זיך צוגעהערט צום „דיאַלאָג":

— קאָם, אַלטע, שנעללער, אַלטע!

— איך בין ניכטס אַלט, איך מעכטע אַרבייטן, איך איק... בעגערע אַרבייטן...

— דו ביסט אַלט!!! שמעלץ! שמעלץ!

דינה האָט געוואָלט אַרויס פון הינטער דער קאָטאַרע. די קוזינע האָט זי געהאַלטן פעסט צוגעשמידט צו זיך. פון קאָרידאָר, פון די שטיגן זיינען דורך דער אָפענער טיר דערגאַנגען צו אירע אויערן אָפּגעריסענע שטיקלעך פונעם „דיאַלאָג". די מאַמע האָט מיט אַ בעטנדיקער שטימע



אָנגעבאָטן זיך צו דער אַרבעט, מיט אַ געמאַכטער אייפערקייט אָפּגעלייקנט איר עלטער. דער דייטש האָט געריטשעט: שמעלץ! שמעלץ!

זי איז אַנטלאָפן פון דער דזשונגל־שטאָט. די וועלף האָבן דאָ פאַרצוקט דעם מאַן, די מאַמע. זי האָט זיך געלאָזט מיט געדרייטע וועגן צוריק, געצויגן נאָך זיך די קוזינע. זיי האָבן אָפּגעפאַרבט די האָר. מיט העל־בלאָנדע האָר האָט מען נישט נאָר „אַ גוטן אויסזען", נאָר אויך אַ יינגערן אויסזען. ס׳איז לייכטער זיך אָנצודינגען אויף דער אַרישער זייט. שפּעטער האָט מען אין די לאַגערן זיך אויך געמאַכט יינגער, געזונטער... נישט אויסצוזען אויף קיין שמעלץ.

* * * * *

די דערמאָנונגען, אַמאָליקע, שפּעטערדיקע, האָבן זיך געקנוילט, געפּלאָנטערט אין קאָפּ; אַ צעריסענער, שפּרינגענדיקער פילם האָט דורכגעצויגן פאַר די אויגן. זי האָט געמאַכט עטלעכע נערוועזע שפּרייזן צו דער טיר, אָנגעדריקט אויפן עלעקטרישן קנעפּל. דאָס אומעטיקע האָטעל־צימער האָט זיך איינגעטונקען אין אַ בלאַסן ליכט. דאָס ליכט האָט צעטריבן די דעמערונג. פון טיש האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פאַר די אויגן דער בריוו פון שרייבער יצחק זעליקמאַן. שוין אַ שיינע פּאָר טעג ווי דער בריוו איז דערגאַנגען צו איר. נישט געטראַכט אַזוי גיך זיך אומקערן צו אים. נישט זי האָט וואָס צו ענטפערן, נישט איר גלוסט צו גיין בעטן אַנדערע זאָלן ענטפערן.

צו וועמען זיך ווענדן? צו דאָקטער סאָלאָווייטשיק? ער איז אַמאָל געזעסן מיט יצחקן אין תפיסה. היינט זיצט ער אין גרויסע סאַלאָנען, האָט אַ גרויסע קליענטעלע. ער האָט איר שוין געזאָגט, אַז מען מאַכט אָן צופיל רעש. צו דאַווידזאָנען? ער האָט זי געפרעגט פאַרוואָס וויקטאָר איז נאָך דאָרט פאַרבליבן, פאַרוואָס זיי פאָרן נישט קיין ישראל. צו בנימינען, ווייל יצחק האָט אים אַמאָל אין וואַרשע געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס ערשטע בוך? האָט ער דען איר נישט געזאָגט, אַז זי קען שוין בעסער פאַריז ווי ער, ווען זי האָט אים געבעטן איר העלפן שאַפן אַרבעט?

חוץ דעם, אַ פאַרנומענער, אַרבעט דעם גאַנצן טאָג אין אַן אונטערנעמונג, שרייבט ביכער, דרוקט אין אַלע צייטונגען מאמרים, מוז נאָך צונויפשטיקעווען ביכער, וואָס אַנדערע שרייבן. צו אַלע צרות איז ער נאָך פאַרפאָרעט מיטן איינאָרדענען אַ „סעזאָן דע קאַמפּאַן."

זי האָט זיך גענומען דורכלייענען נאָך אַ מאָל דעם בריוו. דער קאָפּ ביי איר טויג שוין אויף כפרות, ס׳איז איר גאָר אַרויס פון זינען ישראל עפּשטיין; יצחק האָט וועגן עפּשטיינס לידער געשריבן מיט פיל שבחים. ער גיט איר דאָס אָנצוהערן אין זיין בריוו. צו וואָס זוכן אַנדערע? די שליחות וועט איר גופא צו נוץ קומען. אי זי וועט זעליקמאַנען טאָן אַ טובה, אי זי וועט אַליין זיך אָנוואַרעמען דאָס האַרץ.

דאָס האָטעל־צימער איז גוט באַהייצט, אָבער דאָס האַרץ ווערט דאָ פאַרפרוירן. אפשר אויך פון איר שולד? פאַרוואָס פאַרמאַכט זי זיך אין איר אַליינקייט? איז וואָס, אַז דער און יענער שטעלט דיר קלאָץ־קשיות אָדער מאַטערט דיך אָפּ מיט אַ פאַרעווע עצה? ווייניק וואַרעמע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו איר? איי דאָס זיינען געווען מאַכטלאָזע, דווקא אַזעלכע, וואָס קאָנען גאָר נישט אויפטאָן? נו, און אויף אַ באַצאָלטן צימער האָט זי זיך דען געריכט? און די דריי פראַנק אַ טאָג זיינען שוין גאָר נישט?

נישט אַנדערש, עפּעס האָט זיך אין איר צעבראָכן. דאָס פאַרגראָבן זיך די זונטאָגן אין זיך גופא וועקן אויף די דערינערונגען, ס׳באַפאַלן זי די זמאָרעס. זי גיט זיך צופיל אונטער, מען דאַרף זוכן דאָס בייז נישט נאָר ביי אַנדערע, נאָר קודם כל ביי זיך גופא. פאַרוואָס איז זי באַלד נישט געגאַנגען מיטן בריוו צו די עפּשטיינס?

זי האָט זיך אָנגעטאָן אין איילעניש. דער שניי האָט ווייטער פויל געקייקלט זיך אין דער לופטן. די פייכטע קעלט האָט דורכגעהאַקט די וואַרעמע מלבושים, אַריינגעריסן זיך אין לייב. דינה האָט צוגעאיילט די טריט. זי וועט גיין צופוס. בסך הכל נישט קיין גאַנצע דריי מעטראָ־סטאַנציעס וועג. זי וועט זיך איינבריינגען אַ מעטראָ־בילעט. דער צעדולטער קאָפּ וועט זיך אָפּפרישן.

אָפּגעפרישט נאָך מער האָט זי דער העל־

— אַז מ'איז צו אַלט פאַר פאַריז, פאָרט מען קיין ישראל. אין פאַריז דאַרף מען זיך אַליין אַן עצה געבן. ווער האָט אים געהייסן דאָרט זיצן ביז מען טרייבט אַרויס?

דינה האָט נישט געענטפערט. אַנטקעגן איר אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויס בילד פון מאַנע קאַץ. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען נעענטער און אַנטציקט זיך הויך מיטן בילד. דערנאָך אַ קוק געגעבן אויפן האַנט־זייגערל. זי דערוואַרט געסט ביי זיך. זי האָט זיך געזעגנט.

צוריק איז זי אויך געגאַנגען צופוס. זי איז געגאַנגען אין איילעניש. אויפן ליידיקן טראָטואַר האָבן אָפּגעהילכט די טריט. פלוצלונג האָט אין דער אָוונטיקער שטילקייט אַ הילך געטאָן אַ ווייטער עכאָ, אָנגעקלאַפּט אין מוח מיט אַ גרילצנדיקן קלאַנג: שמעלץ! שמעלץ!

זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי זיך אויסצובאַהאַלטן אין זיך. באַלד זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעהויבן מיט עקשנות צו שטעלן האַסטיקער די טריט.

באַלויכטענער אויפנאַם־צימער, זיין געמיטלעכקייט, דער כיבוד האָט זי געמאַכט דרייסטער. די צונג האָט זיך ביי איר אויפגעבונדן. זי האָט אַרויסגענומען פאַר אַן עדות דעם בריוו פון בייטל.

פון זעליקמאַנען. ער איז זייער... ער וויל אַהער קומען. ס'איז אים נייטיק אַן איינלאַדונג, צו דער פראַנצויזישער וויזע. דאָס איז אָבער נישט דער עיקר, מ'וועט דאַרפן אים העלפן דאָ, אויפן אָרט. מ'וועט דאַרפן...

זי האָט אָפּגעהאַקט. זי האָט דערזען ווי עפּשטיין האָט זיך איבערגעקוקט מיטן ווייב. זי האָט געוואַרט ער זאָל זיך אָפּרופן. ער איז געזעסן אין פאָטעל אַ שווייגנדיקער. דאָס ווייב האָט געענטפערט פאַר אים מיט נישט קיין אויסבאַהאַלטענעם כעס:

— ווער האָט אונדז געהאָלפן ווען מיר זיינען אַהער געקומען? מיר האָבן קיינעמען נישט דערציילט וויפל מיר זיינען אָפּגעקומען.

— איר זענט אפשר געווען דעמאָלט אַ ביסל ייִנגער מיט אַ פערציק, דרייסיק יאָר.

ד"ר ב. שולגאַסער

# די ביכער־אַקציע אין קאָוונער געטאָ אין 1941

דעם 22טן יוני, 1941, האָבן די דייטשן געבראָכן דעם פּאַקט מיט רוסלאַנד און זיי זיינען איר פלוצלינג באַפאַלן. אין געציילטע טעג האָבן זיי פאַרנומען אַ טייל פון רוסלאַנד, גאַנץ פוילן און די באַלטישע לענדער. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָבן זיך אָנגעהויבן אין די אַלע לענדער, מיט דער הילף פון די לאָקאַלע רוצחים, די שחיטות איבער די יידן. מען האָט פאַגראָמירט קאָוונע און אַלע פאָרשטעט, מען האָט צונויפגעטריבן 7000 יידן און זיי אויסגעלייגט אויף אַ גרויסן פלאַץ אין די הייסע טעג פון יוני, אַרומגערינגלט פון אַ מחנה מערדערס און מען האָט דערשאָסן יעדן איינעם, וואָס האָט געמאַכט די קלענסטע באַוועגונג. אין 24 שעה זיינען אַלע 7000 יידן אומגעקומען...

פון די פופציק טויזנט קאָוונער יידן זיינען אין געטאָ פאַרטריבן געוואָרן אַזוי אַרום די פאַרבליבענע 35,000. סלאָבאָדקע איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער געטאָ און אַלע לעבן־געבליבענע יידן פון קאָוונע און איבעריקע פאָרשטעט האָבן אין אַ באַשטימטן טאָג זיך געמוזט אַריבערקלייבן אין סלאָבאָדקע; די סלאָבאָדקע וואָס איז באַרימט געווען אין דער יידישער וועלט מיט אירע ישיבות, בתי מדרשים און תלמידי חכמים איז איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. איר איז באַשערט געווען צו זען די שחיטות פון אירע יידן.

אין די ישיבות און בתי מדרשים האָבן די דייטשן אַריינגעשטעלט זייערע פערד. ספרים און ספר תורות האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד אין די רינשטאָקן. ישיבה בחורים, וואָס האָבן מקדש השם



געווען און פרובירט אויפהייבן אַ ספר תורה, זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

גלייך די ערשטע טעג, נאָך דעם ווי מען האָט אַריינגעטריבן אַלע פאַרבליבענע יידן אין געטאָ, האָט מען אַרויסגעפירט 500 יונגע, אינטעליגענטע בחורים, כלומרשט אויף אַרבעט, און זיי זיינען קיין מאָל צוריק נישט געקומען...

דעם יידישן שפיטאָל אין סלאָבאָדקע האָט מען אונטערגעצונדן און פאַרברענט אַלע קראַנקע צוזאַמען מיט די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטערס...

יעדן טאָג נייע גרויזאַמקייטן און נייע גזירות...

דעם 28טן אָקטאָבער האָט מען פאַרזאַמלט אַלע יידן אויף איין גרויסן פלאַץ, פון זיי האָט מען אָפּגעקליבן 10,000 מענער, פרויען און קינדער און זיי דערשאָסן אויף דעם טרויעריק באַרימטן 9טן פאָרט הינטער סלאָבאָדקע. גלייכצייטיק האָט מען פאַרקלענערט דעם געטאָ.

קוים האָבן זיך די פאַרבליבענע יידן, צעבראָכענע און פאַרצווייפלטע איינגעטרייסלט צו 2־3 משפחות אין איין צימערל, האָבן זיך אָנגעפאַנגען די הויזזוכונגען. די דייטשן האָבן צוגענומען דאָס ביסל שפּיז, וואָס מען האָט זיך צוגעגרייט, בגדים און אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען. אַ פאָר טעג שפּעטער איז אַרויס אַ באַפעל מען זאָל אָפּליפערן אַלע ווערטזאַכן — גאָלד, זילבער, בריליאַנטן און פעלצן. אויב מ'וועט ביי וועמען שפּעטער געפינען פון די חפצים וועט מען ווי אַ שטראָף דערשיסן פופציק יידן. דער יידישער עלטסטן־ראַט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון די דייטשן אָנצופירן מיט דעם געטאָ, האָט באַקומען אַ באַפעל צו זאַמלען די אַלע ווערטזאַכן.

דעם זעלבן טאָג האָט מען געעפנט פיר פענצטערס אויפן ערשטן שטאָק פון דעם בנין פון עלטסטן־ראַט און מען האָט באַשטימט פיר יונגע לייט אָפּצונעמען די ווערטזאַכן, וואָס יידן האָבן אָפּגעליפערט; 4 גרויסע קאַסטנס האָט מען געשטעלט — ביי יעדן פענצטער אַ קאַסטן, און די יידן האָבן געטראָגן צירונג און פעלצן — זייערע ירושות פון דורות... די קלייבערס האָבן דאָס געוואָרפן אין די קאַסטנס.

קיינער האָט נישט געוואָלט שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן פון 50 יידן, האָט מען מיט גרויס עגמת נפש און פאַרביטערונג אָפּגעגעבן אַלץ:

זייגערס, אויערינגלעך, דימענטענע רינגען, דאָלאַרן, פונטן, גאָלדענע מטבעות פון פאַרשיידענע דענאָמינאַציעס, זילבערנע און מעשענע לייכטערס, קופּערנע פאַנען, גאָלדענע טאַבאַק־פּושקעס געפאַסט מיט טייערע שטיינער — אַ ירושה פון אַן עלטערזיידן, זילבערנע גאָפּל, מעסער, עלעקטרישע אַפּאַראַטן און אפילו גאָלדענע פילפעדערס...

אין איין טאָג האָבן זיך אָנגעפילט אַלע 4 ריזיקע קאַסטנס און אין מיטן צימער איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג מיט טייערע פעלצן.

אין אָוונט האָבן די דייטשן דאָס צוגענומען...

* * * * *

דער ווינטער אין 1941 איז געווען זייער אַ שווערער. אין יאַנואַר איז געשטאַנען אַ ברענענדיקער פ־אָסט. אַלטע לייט האָבן דערציילט, אַז ס'איז שוין לאַנג נישט געווען אַזעלכע פרעסט אין ליטע, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן וואָכן נאָכאַנאַנד. ביי די יידן האָט מען שוין צוגענומען די פעלצן און די וואַרעמע בגדים. ספּעציעל פילט מען אַ מאַנגל אין שיך. די פאָר שיך וואָס מען האָט געהאַט אויף די פיס, האָט מען שוין לאַנג צעריסן אין די סלאָבאָדקער בלאָטעס און אויפן אַעראָדראָם, וווּ מען אַרבעט פון 4 באַגינען ביז 10 אַזייגער ביינאַכט, 7 טעג אַ וואָך. נייע שיך זיינען לא בנמצא. קיין האָלץ מיט וואָס צו באַהייצן די צימערלעך איז אויך ניטאָ. מען באַקומט אפילו פון צייט צו צייט אַ קלעצל גרינע האָלץ, אָבער עס איז אַזוי נאַס, אַז מער ווי רויך קען מען פון דעם נישט אַרויסבאַקומען. וועגן שפּיז איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן. מען גייט אַרום הונגעריקע, פאַרפראָרענע און פאַרצווייפלטע...

און דאָ איז פלוצלינג אַרויס אַ נייע גזירה: אין אַ באַשטימטן טאָג מוז מען אָפּגעבן אַלע ביכער.

דאָ האָבן די זעלבע יידן, וואָס האָבן פאַרביטערטע אָפּגעגעבן זייער גאָלד, זילבער און פעלצן, זיך נישט צונויפרידנדיק

באַשלאָסן ביי זיך ווי איינער: „ניין, ספרים וועלן מיר די טמאים ניט אָפּגעבן; אונדזערע ספרים טאָרן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים..״ און מען האָט ניט אָפּגעגעבן...

קאָוונער געטאָ איז געווען פול מיט ביכער. ווי ענג עס איז ניט געווען האָט זיך דאָך געפונען אַ ווינקעלע פאַר די ספרים; מען האָט זיי טייער געהאַלטן, ווייל זיי זיינען געווען די איינציקע פאַרווייליונג וואָס די פאַרהאָרעוועטע יידן האָבן געהאַט אין געטאָ; דאָס לייענען האָט זיי אַ ביסל געהאָלפן צו פאַרגעסן זייערע צרות. מען האָט געלייענט, מען האָט געבאָרגט ביכער איינער ביים אַנדערן, מען האָט זיך געטיילט מיט די מיינונגען און איינדרוקן און מען האָט דיסקוסירט. עס איז ניט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג צו זען אַ גרופּע יידן, וואָס פלאַנירט דעם אַעראָדראָם, אָדער זעגט האָלץ, ביז די קני אין שניי אָדער אין בלאָטע, שמועסן וועגן ליטעראַטור, מוזיק, קונסט אא״וו. כאָטש די פינגער זיינען האַלב פאַרפרוירענע און אַ „האַלב קעניגרייך״ וואָלט מען אָפּגעגעבן פאַר אַ טעפּל הייסע וואַסער.

מען האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אָבער סוף כל סוף האָט מען באַשלאָסן די ביכער ניט אָפּצוגעבן, אָבער וואָס טוט מען פאָרט מיט די ביכער? ווי באַהאַלט מען זיי? יעדער הויז האָט טאַקע געהאַט אַ „מאַלינע״ — אַ באַהעלטעניש — אָבער „מאַלינע״ האָט מען געמוזט האַלטן פאַר די יידן זיך אויסצובאַהאַלטן אין די געפערלעכע מאָמענטן. יעדער ווינקעלע איז דאָרטן געווען טייער... וועגן באַגראָבן אין דער ערד קען גאָר קיין רייד ניט זיין. די ערד איז ווי אַ שטיק שטאָל, מען קען זי מיט קיין בראָכשטאַנג ניט איינהאַקן... אַ קבר גראָבט מען 3 טעג נאָכאַנאַנד... עס איז געבליבן בלויז איין מיטל: פאַרברענען די ביכער און ניט אָפּגעבן זיי די הענקערס...

אָבער ווי נעמט מען ביכער, ספּעציעל ספרים, און מען וואַרפט זיי אין פייער? ווי קען דאָס אַ ייד פועלן ביי זיך? דאָס האַרץ לאָזט ניט... ביי אונדז זיינען דאָך ספרים הייליק. אַז עס פלעגט אַ מאָל ניט וועלנדיק אַרונטערפאַלן אַ ספר אויף דער ערד, פלעגט מען דאָס אויפהייבן מיט אַ ציטערניש און אַ קוש טאָן. אַז עס פלעגן זיך צונויפזאַמלען „שמות״ אין בית המדרש פלעגט מען זיי באַערדיקן אויף דעם בית הקברות מיט יראת הכבוד... אָבער, פאַרקערט ריידנדיק, ווי אַזוי גיט מען אַוועק ביכער, און ספּעציעל ספרים, צו די טמאים, וואָס זאָלן דאָס צעטרעטן מיט זייערע פיס? ניין, מיר באַגייען טאַקע אַן עבירה, אָבער מיר האָבן קיין ברירה ניט — עת לעשות הפרו תורתך...

יענע נאַכט איז אין געטאָ געווען וואַרעם, זייער וואַרעם... יידן זיינען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביי די אייוועלעך און מען האָט געברענט די ביכער. איידער לאָזן די פאַרשאָלטענע דייטשן מאַכן אַן „אַוטאָ דע פע״ איבער יידישע ביכער, וועלן דאָס די יידן אַליין טאָן מיט אַ געפיל פון מסירת נפש. די יידן אַליין וועלן אָפּגעבן די שמות דעם לעצטן כבוד און ניט לאָזן זיי אַריינפאַלן אין די הענט פון די טמאים.

צוזאַמען מיט מיין פרוי זיינען מיר געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביים אייזערנעם אייוועלע; דאָס צימער איז געווען באַלויכטן פון דעם פלאַם פון די ברענענדיקע ביכער און מיר האָבן געברענט אונדזערע זכרונות — אַ שטיק פון אונדזער לעבן... און ביכער ברענען זייער לאַנגזאַם. וואַרפט מען אַריין אַ גאַנץ בוך אין אַ קליינעם אייזערנעם אייוועלע ברענט עס בכלל ניט; מען מוז רייסן אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל עס אָנצינדן און וואַרטן ביז עס ווערט פאַרברענט און ערשט דאַן וואַרפן נייע זייטעלעך. ביכער ברענען זייער אייגנאַרטיק; יעדער בוך ברענט אויף זיין שטייגער; יעדער בוך גיט אַרויס אַ פלאַם פון אַן אַנדער קאָליר:

דעם זיידנס און דעם טאַטנס גמראָס, דער עין יעקב מיט די מפרשים ברענען מיט אַ טונקעלן פלאַם. די בלעטער דרייען זיך צוזאַמען און זיי ברענען מיט אַ שטילן גערויש; פּונקט ווי זיי וואָלטן אַרויסגעלייענט וואָס עס איז אויף זיי געדרוקט... זיי ברענען מיט אַ שטילן שמייכל אויף זייערע צעקנייטשטע פּנימער, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „אומזיסט דיין טרחה. אונדז וועסטו ניט פאַרניכטן. מערערע



האָבן עס שוין פּרובירט און עס איז זיי אויך ניט געלונגען. מיר וועלן בלייבן עד סוף כל הדורות.

די יידישע ענציקלאָפּעדיע אויף רוסיש, אַ מתנה פון מיין טאַטן ע״ה צו מיין בר־מצוה. זעכצן ביכער — ברענען מיט אַ בלויען פלאַם. שטיל אָן גערויש. די בלעטער ליגן פלאַך. קנייטשן זיך ניט, בייגן זיך ניט. נעמען אָן אויף זיך דעם גזר־דין מיט הכנעה.

די דייטשע קלאַסיקערס ברענען מיט גרויס טומל און מיט אַ העלן פייער. דרייען זיך די זייטלעך אויף אַלע זייטן. קוילן זיך צונויף און פּראָטעסטירן זייער שטאַרק: „סטייטש, פאַרוואָס קומט עס אונדז? מיר זיינען דאָך די אתה בחרתנוקעס! מיר געהערן דאָך צו דער אויסגעוויילטער אַרישער הערן־ראַסע! אַזאַ נידערטרעכטיקייט! שמוציקע יידן זאָלן אונדז ברענען! ענגלישע ביכער ברענען מיט אַ סטאָאישער מנוחה, ווי עס פּאַסט פאַר לאָרדן; זייער פלאַם איז בלוי־גרינלעך. לאַנגזאַם און מיט ווירדע הויכן זיי אויס זייער נשמה . . .

מיר האַלטן שוין ביי די יידישע און העברעישע ביכער און די הענט הייבן אָן צו ציטערן: אַ זאַמלונג פון 30 יאָר... אויסגאַבעס פון דער גאַנצער וועלט ברענען מיט שרעק און בהלה... מיט אַ בלוט־רויטן פלאַם. אָט איז דער מילון־כיס און דאָס תנכלע, מיין זיידנס מתנה, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „תושיה״ אין וואַרשע, אויף זייער אַ דינעם פּאַפּיר. ביאַליק, טשערניכאָווסקי, פרישמאַן, מאַפּו, סמאָלענסקין, קלמן שולמאַן, שניאור... אָט איז דער „דור דור ודורשיו״, „על פרשת הדרכים״, מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם. אָט איז דער „ספר האגדה״ פון ביאַליק און רבניצקי, און נאָך און נאָך... אָט איז מיין „ראשית דעת״ פון וועלכן איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען עברי... די חומשים און די „סוואַרבעס״, ווי דער זיידע פלעגט זיי רופן, מיטן אבן עזרא... אַלץ גייט אין פייער. . .

מיט נאַסע אויגן געזעגענען מיר זיך מיט דאָס טייערסטע וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. מיט צעבראָכענע הערצער טרייסטן מיר זיך, אַז מיר האָבן זיי ניט פאַרראַטן און מיר האָבן זיי ניט איבערגעגעבן די רוצחים אין די הענט. זיי ברענען שנעל. אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס אָפּפטרן און ווי זיי וואָלטן געפרעגט: „וואָס? שוין ווידער ברענט מען אונדז?! אין 20־סטן יאָרהונדערט? פאַרוואָס?

אָבער זעט אַ וואונדער! די ביכער ברענען. דאָס פּאַפּיר רויט, טונקל רויט, ראָזע, ברוין און שוואַרץ, אָבער די אותיות ווערן ניט פאַרברענט... מען קען לייענען יעדעס וואָרט אין פייער, זייער קלאָר, בעסער ווי פריער... דאָס פּאַפּיר בייט זיינע קאָלירן, אָבער ניט די אותיות. זיי בלייבן בולט שוואַרץ ביזן לעצטן מאָמענט און צום סוף פאַרשווינדן זיי. „אותיות פורחות״ — זיי קען מען ניט פאַרניכטן! זיי וועלן בלייבן אויף אייביק !

מיר האָבן דאַן זיצנדיק ביים אייוועלע פאַרגליכן דעם פיינלעכן פּראָצעס פון ברענען ביכער צו זיך אַליין, צו אונדזער פאַרפייניקט פאָלק; אונדזערע שונאים קענען צעברעכן אונדזער גוף, אָבער אונדזער גייסט — קיין מאָל ניט... געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, קאַלכאויוונס — וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי אין פאַרגלייך מיט אונדזער מאָראַל און ווערדע... זיי וועלן בלייבן אויף אייביק ווי אַ צייכן פון אונדזער נצחון...

מיט אַ געוויסער סאַטיספאַקציע איז מען אַוועק פון אייוועלע! עפּעס ווי מען וואָלט אָפּגעטאָן אַ מלאכת הקודש: אָפּגעגעבן די טייערע שמות דעם חסד של אמת.

יענע נאַכט איז געווען וואַרעם אין געטאָ; מען האָט געברענט די ספרים. און שטיל האָט יעדער ביי זיך אין האַרצן געשוואָרן נקמה צו נעמען פון די רוצחים פאַר אַלץ, פאַר אַלץ . . .

# צוויי נייע ביכער פון אהרן צייטלין ז״ל

אין גאָר אַ גרויסער מאָס דאַרף די ייִדישע קולטור־וועלט פאַרדאַנקען די אַלמנה רחל צייטלין, וועלכע האָט זיך באַמיט, אַז עס זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן און דערשיינען צוויי בענד פון די פּילצאַליקע ווערק פון דעם גאונישן ליטעראַטור שעפער, אויף אונדזערע בײדע לשונות — ייִדיש און עברית, אהרן צייטלין ז״ל:

א) „געזאַמלטע דראַמעס", הוצאת י. ל. פרץ, תל אביב, 1974.
ב) „רוח ממצולה", שירים ופואמות, הוצאת יבנה, תל אביב, 1975.

בײדע בענד זיינען קענטיק צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק פונעם מחבר אַליין, אָבער לצערנו, איז ער אַוועק אין דער אייביקייט איידער די ווערק זיינען דערשינען.

אין די „געזאַמלטע דראַמעס" זיינען אַריינגעגעבן דריי דראַמעס: „דער וועבער פון באַלוט", „ברענער" און „אין קיינעמס לאַנד", און אינעם „פאָרוואָרט" שרייבט אהרן צייטלין, צווישן אַנדערן: „פון די דריי זאַכן, וואָס גייען אַריין אין באַנד איינס פון די געזאַמלטע דראַמעס, ווערט „דער וועבער פון באַלוט" געדרוקט צום ערשטן מאָל... (און) אין רעוויִדירטן טעקסט פון „ברענער" האָב איך דעם סוף אין גאַנצן געענדערט"...

צום סוף דריקט אויס א״צ אַ דאַנק דעם פריינד ווילי שאָר פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָט אים דערמוטיקט צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ געזאַמלטע אויסגאַבע פון זיינע דראַמאַטישע ווערק.

אין „רוח ממצולה" האָט א״צ געשריבן אין דער הקדמה, אַז —

„השירים והשירות שבכרך זה—חלק הגון מהם רואה אור בפעם הראשונה, ואלה שכבר פורסמו עבר עליהם מחברם בקולמוסו והכניס בהם שיכלולים ותיקונים באופן שברובם דינם כדין שירים הדשים או מחודשיים."

און ווייטער שרייבט ער, אַז דאָס איז ניט אַ זאַמלונג פון אַ ל ע לידער, וואָס ער האָט געשריבן און ער גיט אָנצוהערעניש, אַז אַ סך פון זיינע לידער, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין ייִדיש אין צוויי בענד, האָט ער בדעה צו איבערזעצן זיי אין עברית. צום באַדויערן האָט ער זיין כוונה ניט באַוויזן צו דערפילן.

די לעצטע לידער וואָס קומען אַריין אין אָט דעם באַנד זיינען „ג׳ שירים שנכתבו במלאת לי שבעים שנה", ד״ה קורץ איידער ער איז נפטר געוואָרן, און זיי האָט ער געווידמעט דעם אָנדענק פון י. י. זינגער ע״ה. פון זיי ווילן מיר ציטירן דאָס ערשטע ליד— „אניות":

ישנות האניות על פני ההודסון...
אין דבר... קרובה יקיצתן...

אלה הדברים
לפנות בוקר נאמרו, בשנות־גאות־שטן,
ברעום מלחמת־עולם־בית מעברים.

לנתי בביתו בשכונת־ריברסיד ונעדרה
השנת,
איכה אישן — ועולמי נשחט.
השכמתי קום, עמדתי מציץ
אל ההודסון מחותל־הערפילים.
קפאו גלים.

אף הוא נדדה שנתו: משהרגיש כי קמתי
חרש אל חדרי נכנס ועל ידי
עמד, מציץ כמוני אל ההודסון. אז רטן
לי או לעצמו אותן מילים:

ישנות האניות על פני ההודסון...
אין דבר... קרובה יקיצתן...

חיוור וכמשתאה אותן רטן,
נפלאתי. לא היתה שבוע — ונפטר.
נלקח לפתע ובזרוע.
לי הכול נפתר.
אמרתי אל נפשי אז: הוא ישן
כאניות ההן.
אך אי־בזה, בבוא בקרו, יוסיף לנסוע.

און דאָס זעלביקע קענען מיר איצט זאָגן אויך מכוח אהרן צייטלין:
„אין דבר... קרובה יקיצתו...
בבוא בקרו, יוסיף לנסוע"...



**מ. חסיד / מאָנטרעאַל**

# לידער

## מזמור לאָדם

מענטש,
ווער האָט עס
אין דער גאָרער וועלט
דיך ליב?
די קללה פאָלגט דיר
נאָך
פון אָדמס
ריפּ.

פלאַנעטן
טוען ערגעץ וויַיט
פון דיר
אַנטרינען.
זיי ציטערן
דו זאָלסט
חלילה ניט
דעם וועג צו זיי
געפינען.

די חיות קענען ניט
פאַרטראָגן
לאַנג
דיין מענטשלעכן גערוך.
מלאָכים
מעסטן די חטאים דיינע
אין זייער
שוואַרצן בוך.

דו, שטאָלצע בריאה,
קרוין פון דעם באַשאַף,
גוצסט היינט
אַ פּויק,
ווייל קענסט ניט
אָנרירן קיין האָרץ.

צעפּויק־זשע,
טאַקע,
איבער אַלע זיבן הימלען:
„מותר האָדם מן הבהמה
אַ י ן."
האָסט ניט געקענט דען
זיין
אַ צדיק?
ביסט איצט געבליבן
בלויז
אַ  ק י ן.

## וואָס האָסטו פונעם שבת?

וואָס האָסטו פונעם שבת,
מיין וואָכעדיקער
זמר?
דו שאָקלסט זיך אַרום
אויף האַלב־פאַרברענטע
ביימער.

איך טרעף דיך
אין בהלה
אויף הפקרדיקע וועגן.
דו קענסט זיך
צו די שטערן
באַלד מער ניט דערפרעגן.

וואָס האָסטו פונעם שבת,
מיין וואָכעדיקער
זמר?
צי לעבסטו אין דעם זכות
נאָר
פון באָוולדיקע קרעמער?

פאַרקויפסטו אויף געמאַרקן
דיין חלק
פון דעם שבת?
צי גיסטו
אַדרויפן
אויף פרעמדע עולם־הבאס?

וואָס האָסטו פון מיין לעבן,
האַלב־וואָכעדיקער
זמר?
פאַרברענט זיינען
די וואָרצלען,
די קרוינען און די ביימער—

עס קלינגען בלויז
פון וויַיטנס
שוין אויסגעהוילטע
קלאַנגען.

ווי קענסטו צו די שטערן
מיט זיי
אַמאָל דערלאַנגען.

דו הייבסט־אָן
מיט ויאמר
און ענדיקסט מיט אַ לאמר:
„אַ זמר איז געראָטן
אויף דעם
וואָס זינגט דעם זמר."

## אַ נס?

אָטעמסט
שטיקנדיקע גאַזן
טיף אין זיך
אַריין
און לאָזט דערנאָך
זיי
—
פריי אַרויס.

פאַר וואָר,
דו האָסט
אַ ריח.
פאַרברענסט
די וועלט
אין פייער־פלאַם
און בלייבסט אַליין
אַ קויל
אויף אָט דעם זעלביקן
מזבח.

וואָס איז דיין לעבן
דען?
אַ פּשוטער,
אַ כעמישער פּראָצעס?

ווי קומט עס
אַז דו ביסט געווען
אַ מאָל
אַ בראשיתדיקער
נס?

## לפני ולפנים

איך פֿאַל ערגעץ
טיף־טיף
אַריין
אין לפני ולפנים.
הער בלויז
זאָרג
און דערשרעק

אין מיין אייגענער
שטים.
ווו איז ווו?
ווער איז ווער?
אַז מ׳טראָגט מיך אַהין—
טראָגט מען אויך מיך אַהער?

טויג מיין אויער?
טויג מיין אויג?
צי מיין קאָפּ
אפשר טויג?

אַזוי ווייט פֿון אַ ברעג
און פֿון זיך אַזוי ווייט —
האָב איך נאָך

אַזאַ כּוח
אויף אַריין אין מיין צייט?

ווען ס׳איז מער גאָר נישטאָ,
קומט נאָך אָן אַזאַ שעה
וואָס דערטראָגט מיך,אַהער,
כאָטש איך בין אַזוי שווער?

פלוצים פֿאַל איך אַרויס
פֿון
לפני ולפנים
און עס פֿעלט מיר גלייך
אויס
אויך אפילו
מיין שטים.

## אין די בליקן

אין די בליקן מיינע ווינקען זיך
נאָך איבער
ברוינהויטיקע פֿאַגאַנען
מיט רויט געמאָלענע מאַטראָנעס
צעהוידלט אויף דיוואַנען.

רייסט מיך מיט זייער פּרעך
געלעכטער

ביזן באַרג אַראָפּ פֿון סדום —
עמיצער מיך שלידערט דאָרטן
צו דעם מולך פֿונעם תהום.

אַ שאַרלעך־גרילער, טאַטואירטער
ברענגט מיך הודו מיט קיין כּוש—
כאָטש איך פֿאָלג נאָך מיין לוויה
היינטיק ביזן קאַפּעליוש.

שמואל סיגל

# דברים כהוויתם — אמתע געשעענישן

## במקום הקדמה

כ׳וויס ניט ווי ביי אייך פֿירט זיך, ווען פֿריינד און באַקאַנטע קומען זיך צונויף, און נאָך דעם ווען מ׳רעדט און מ׳שמועסט, וועגן דעם און וועגן יענעם. ס׳רוב שמועסן דרייען זיך וועגן יידן אויף דער וועלט, און בכלל וועגן דער וועלט און דער אומגעגנט. נעמט מען זיך דערנאָך צו אַן אַזוי גערופֿענער ליטעראַרישער פּראָגראַם. דער גאַסטגעבער, דער וואָס האָט פֿאַרבעטן די געסט אויף קאַווע און קיכלעך וכדומה אַזעלכע נאַשוואַרג, טוט ער אַ קלאַפּ אין טיש אָדער ער קלינגט מיט אַ גלעקל, און זאָגט מער ווינציקער אַזוי: רבותי, אָדער, טייערע געסט מיינע, ווי איינער איז זיך נוהג... איך האָב געבעטן אונדזער גוטן פֿריינד, וואָס האָט טאַלאַנט, ער זאָל אונדז אַביסל פֿאַרווילן... און ווי דער אמת איז, ער שטעלט טאַקע פֿאָר איינעם פֿון די פֿאַרבעטענע געסט, ער זאָל עפּעס פֿאָרלייענען, אָדער זינגען אַ שיין ליד. און ס׳גייט אַ גאַנג. ווער פֿון אונדז קען ניט עפּעס פֿאָרלייענען אָדער זינגען? הכלל דער אָוונט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין קולטורעלער פֿאַרווילונג, און ווען מען גייט שוין אַהיים, רעדט מען נאָך, ווי דער אָדער יענער האָט צוגעטראָגן צו דעם אָוונט וואָס מען וועט געדענקען אויף אַ סך מאָרגנס און איבערמאָרגנס. אָבער ניט וועגן דעם וויל איך איצטער שמועסן. איך האָב ליב צו דערציילן אמתע, אָבער טאַקע



אמתע מעשיות, ווי מען זאָגט, בדידי הווה עובדא — וואָס האָבן זיך טאַקע מיט מיר געטראָפֿן, אָדער איך אַליין בין געווען דערביי.

האָב איך צונויפֿגעקליבן אַזעלכע מעשיות און ווען עס קומט אויס — ווען מען בעט מיך שטאַרק (מאָלט אייך, אַז שטאַרק בעטן דאַרף מען ניט... איך קוק אַרויס אַז מען זאָל שוין האַלטן ביי דעם אַזוי גערופֿענעם ליטעראַרישן טייל פֿונעם אָוונט, איך זאָל קענען קומען צום וואָרט... ווייל די קאַווע מיטן ביסל פֿאַרבייסן איז דאָך ניט דער עיקר. דערהויפּט איז דאָך איר זאָלט „נעמען אַן אנטייל“ אין דער פּראָגראַם...).

הכלל, די עטלעכע מעשיות וואָס איך גיי אייך דאָ דערציילן זיינען, ווי כ׳האָב שוין פֿריער געזאָגט, אמתע מעשיות... און געטראָפֿן האָבן זיך, ניט מעשיות נייערט דאָס דערציילן וועגן זיי, אין איינער אַ גאַסטפֿריינדלעכער היים פֿון מיינע גוטע פֿריינד, וואָס בעטן מיך, אַז איך זאָל ניט אויסזאָגן ווער זיי זיינען, ווייל זיי האָבן מורא פֿאַר אַן עין הרע.

איז אויסגעקומען אויף מיר, דער וואָס שרייבט די דאָזיקע שורות, אויך צו דערציילן אַ צוויי דריי מעשיות... האָב איך אָנגעהויבן מיט אַ מעשה פֿון „לינקאָלנס געבוירנטאָג.“ פֿאַר וואָס דווקא פֿון לינקאָלנס געבוירנטאָג, וועל איך דערציילן אַן אַנדערש מאָל. ס׳איז פֿאַר זיך אַליין אַ טשיקאַווע מעשה, אָבער לאָמיר גיין צום עיקר.

## א) — לינקאָלנס געבוירנטאָג

הכלל, האַלטן מיר ביי לינקאָלנס געבוירנטאָג.

האָט מיך דער דירעקטאָר פֿון יידישן צענטער אין לאָס אַנגעלעס פֿאַרבעטן צו האַלטן אַ לעקציע פֿאַר זיינע מיטגלידער. מיר פֿלעגט אויסקומען צוויי דריי מאָל אין יאָר צו ריידן וועגן אַ יידישן שרייבער. הכלל, דער דירעקטאָר האָט מיר אָנגעגעבן אַ דאַטע און איך האָב געדאַרפֿט ריידן וועגן יעקב גלאַטשטיין. ווען עס איז געקומען נעענטער צו דער דאַטע, טעלעפֿאָנירט צו מיר דער דירעקטאָר, באשר בכן... יענעם טאָג קומט אויס לינקאָלנס געבוירנטאָג, צי וואָלט איך ניט וועלן זאָגן עטלעכע ווערטער, אָדער דערמאָנען אַ פּאָר זאַכן וועגן לינקאָלנען? איך אַליין האָב אויך געזען, אַז ער איז גערעכט.

געקומען צו דער לעקציע, געווען אַ גרויסער עולם, ווי עס קומען בכלל ביי אַזוינע געלעגנהייטן אין צענטער. האָב איך אָנגעהויבן מיין שמועס טאַקע וועגן דעם גרויסן אַמעריקאַנער פּרעזידענט, דעם באַפֿרייער פֿון די שקלאַפֿן... און אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, כ׳האָב זיך אַזוי פֿאַררעדט, אַז ס׳האָט שוין ניט געסטייעט קיין צייט פֿאַר גלאַטשטיינען... נאָך דער לעקציע, פֿירט זיך ביי אונדז און אַוודאי ביי אייך אויך אַזוי, אַז דער פֿאָרזיצער פֿרעגט דעם חשובן עולם, צי האָט ווער אַ פֿראַגע צום לעקטאָר. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך עפּעס ניט ליב די פֿראַגעס נאָך מיין לעקציע... ווייל די וואָס האָבן ליב צו לאָזן הערן זייער קול פֿאַרן עולם, שטעלן זיי אַזעלכע פֿראַגעס וואָס האָבן גאָר ניט קיין שייכות צום ענין. האָב איך פֿריער פֿאַרגעסן צו דערציילן, אַז אין דער סאַמע ערשטער ריי זיינען געזעסן אַ פּאָר פֿאָלק (מאַן און ווייב, ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווסט) און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן, וואָס דאָס האָט מיר אַ ביסל געשטערט, אָבער קיין ברירה האָב איך ניט געהאַט: זאָלן זיי זיך קריגן. סוף כל סוף וועל איך דאָך פֿאַרענדיקן די לעקציע, וועלן זיי אויפֿהערן די קריגעריי. און אַזוי איז טאַקע געווען, ווי איר וועט ווייטער הערן.

פֿאַרענדיקט דעם שמועס וועגן לינקאָלן, פֿרעגט דער פֿאָרזיצער, ווי כ׳האָב שוין פֿריער געזאָגט, ווער ס׳האָט אַ פֿראַגע צו שטעלן: הייבט זיך אויף די יידענע און זאָגט אַזוי: „וואָס אמת, קיין פֿראַגע האָב איך ניט, נאָר איך וויל מאַכן אַ „סטייטמענט“. ... (טאַקע מיט די־אָ ווערטער). הכלל, דער פֿאָרזיצער פֿרעגט איר: וואָס איז אייער „סטייטמענט“? זאָגט זי אַזוי צו זאָגן: „מיין מאַן, אָט דער וואָס זיצט דאָ לעבן מיר, איז פּונקט ווי לינקאָלן... הייסן הייסט ער אייברעהעם, געבוירן געוואָרן איז ער אין פֿעברואַר... און אַ פּרעזידענט איז ער געווען ביי דער „יאָנג מענס טאָ־

מאַשאָוו סאָסייעטי". הכלל, אַן אמתער לינקאָלן... נאָר איין זאַך פעלט נאָר ער זאָל טאַקע זיין ווי לינקאָלן: מען זאָל אים נאָר שיסן, טאַטע זיסער."

## ב) — אַ געשיכטע מיט הרב ראַפּאָפּאָרט

און ווען עס איז שוין אויסגעקומען צו ריידן וועגן אַ ייִדישן צענטער, האָב איך שוין אין איין וועגס דערציילט אַן אמתע מעשה פון הרב ראַפּאָפּאָרט, דער געוועזענער שטאָט־מגיד פון ביאַליסטאָק. און ס'איז כדאי איר זאָלט אויך לייענען די מעשה.

ווען הרב ראַפּאָפּאָרט איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין אַמעריקע, זיינען געקומען אַ סך לאַנדסלייט אָפּצוגעבן כבוד אַזאַ חשובן מענטש ווי הרב ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט געהאַט אַ שם אַלס דער בעסטער מגיד און אויסגעצייכנטער רעדנער, וואָס האָט געקענט אויסטייטשן פּסוקים, מאמרי חז"ל, מדרשים, אַז ס'איז געווען אַ תענוג אים צו הערן. האָט מען געפרעגט הרב ראַפּאָפּאָרט, ווי עס פלעגט זיין דער מנהג אין יענע צייטן: ווי געפעלט אייך ניו־יאָרק? האָט ער געענטפערט: „אַזוי־אָ... קיין גרויסער חילוק איז נישט פאַראַן פון ניו־יאָרק צו ביאַליסטאָק... נאָר וואָס־זשע דען? ווען מען פלעגט אַדורכגיין אַ ייִדישע גאַס אין ביאַליסטאָק פלעגט אייך אַ ייִד פאַרבעטן, באשר ער האָט יאָרצייט, האָט ער שוין 9 ייִדן, בעט ער אייך איר זאָלט אַריינגיין צו אים אין שטוב אַריין, וועט איר זיין אַ צענטער... אָבער דאָ", זאָגט הרב ראַפּאָפּאָרט, „איז אַ ביסל אַנדערש... דאָ אין ניו־יאָרק איז פאַראַן אַ צענטער אומעטום... אַ ייִדישער צענטער, אַ קאָמיוניטי צענטער וכדומה אַזעלכע אַנדערע צענטערס. הכלל, אַ צענטער איז פאַראַן, עס איז נאָר שווער צו געפינען ניין ייִדן זיי זאָלן וועלן דאַווענען"...

## ג) — ביאַליסטאָק — אָבער ס'קאָן אויך געשען אין יעהופּעץ

האַלטן מיר, הייסט עס, ביי ביאַליסטאָק. ווען מיר האָבן געוווינט אין דעטראָיט פלעגט מען מיך בעטן פון דעם ישראל באַנד אָפּיס צו גיין אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט אָרגאַניזאַציע צו אַפּעלירן אַז מען זאָל קויפן ישראל באָנדס. איך פלעג דאָס זייער גערן טאָן.

האָט מען מיך איין מאָל געשיקט צו די ביאַליסטאָקערס. האָב איך דאָרט גערעדט און דער סדר פון מיין ריידן פלעגט זיין מער ווייניקער אַזוי: אויב כ'האָב אָפּעלירט פאַר דער וועלפעיר פעדעראַציע, פלעג איך מאָלן אַ בילד פון אָרעמקייט און נויט און אַפּעלירט מען זאָל העלפן די אָרעמע מיט ברויט, מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ וכדומה. אָבער אַז איך פלעג ריידן וועגן ישראל־באָנדס האָב איך שוין גערעדט פונקט פאַרקערט: דאָס געלט פאַר באָנדס ווערט אינוועסטירט און עס ברענגט אַריין רווחים. אי דאָס געלט איז זיכער און די הכנסות זיינען זיכערע און גוטע... הכלל, ביי די ביאַליסטאָקער האָב איך גערעדט וועגן פּראָפיטן. און ווי מיין מינהג פלעגט זיין, האָב איך אָנגעהויבן מיין דרשה מיט עטלעכע הומאָריסטישע מעשהלעך... דער עולם האָט געלאַכט. נאָר אין דער ערשטער ריי איז געזעסן אַ ייִד און אפילו ניט געטאָן קיין שמייכל. איז דאָס ביי מיר געווען אַ חידוש...

נאָך דעם ווי כ'האָב געזאָגט וואָס כ'האָב געהאַט צו זאָגן, זיינען ייִדן צוגעקומען און מיר געדריקט די האַנט, געזאָגט מיר אַ יישר־כוח, ווי ס'פירט זיך, און וווּנדער איבער ווונדער, דער ייִד אָן דעם שמייכל איז אויך צוגעקומען און מיר געדאַנקט פאַר דער רעדע. פרעגט איך אים: איר האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד? יאָ! האָט ער געענטפערט. זיינען אייך ווויל געפעלן מיינע מעשהלעך?... זייער געפעלן. זאָגט ער. טאָ, פרעג איך, פאַרוואָס האָט איר ניט געלאַכט?... וואָס הייסט איך זאָל לאַכן? איך בין דאָך ניט קיין מיטגליד אין דער ביאַליסטאָקער סאָסייעטי, טאָ וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו לאַכן?...

און לסוף נאָך איין מעשה, וואָס קערט זיך אָן מיט ביאַליסטאָק:

אַ ניו־יאָרקער ייִד האָט נאָך אונדזער גרויסן נאַצי־חורבן אַראָפּגעבראַכט זיין פּלימעניק, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם היטלער גיהנום. דער פעטער האָט אַרומגעפירט דעם פּלימעניק, באַוויזן אים די ווונדוירים פון ניו־יאָרק. אָבער דער פּלימעניק איז פון גאָר ניט נתפעל געוואָרן. „איר מיינט, פעטער, אַז ביאַליסטאָק איז אַזוי ווי אין אייערע צייטן? אין ביאַליסטאָק זיינען איצטער דאָ גרויסע מויערן, ברייטע גאַסן, פונקט ווי אין ניו־יאָרק." האָט אים דער פעטער גענומען אין כינעזישן פערטל פון דער שטאָט, אַריינגעפירט אים אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן. איז צוגעקומען אַ קעלנער מיט אַ לאַנגן צאָפּ, געפרעגט וואָס מען וויל עסן. פרעגט דער פעטער זיין פּלימעניק: „אין ביאַליסטאָק זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע כינעזער?" דער קעלנער האָט דערהערט אָט די פראַגע, איז ער נשתומם געוואָרן און האָט זיך אָפּגערופן: „אויב איר זייט פון ביאַליסטאָק, זייט איר דאָך מיינער אַ לאַנדסמאַן, איך בין אויך פון ביאַליסטאָק"!...

פאַראַן נאָך ביי מיר מעשיות פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וועלן מיר דאָס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל...



יצחק יאַנאַסאָוויטש / תל אביב

# יודל מאַרק — זיין ראָל אין ייִדישער קולטור

מער ווי אַ האַלב יאָר איז שוין אַוועק זינט עס איז נפטר געוואָרן דער איידעלער מענטש און גרויסער ייִדישער געלערנטער יודל מאַרק. דורך אָט דער צייט האָבן מיר בלית ברירה גענומען צו קענטעניש דעם פאַקט און מיר האָבן זיין נאָמען אַריינגעשטעלט אין דער גרויסער שוואַרצער ראַם פון די שווערע אבידות וואָס אונדזער ייִדישע ליטעראַטור האָט לעצטנס געליטן. אַ ייִדיש פאָלקס־וואָרט זאָגט, אַז צו אונדזער טיפסטן צער האָבן מיר זיך לעצטנס צוגעוווינט צו דעם כסדרדיקן פאַלן פון די וויכטיקסטע זיילן אויף וועלכע עס האָט זיך ביז איצט געהאַלטן אונדזער ייִדישער קולטור־בנין. פון אָט דעם צוגעווינען זיך צום פאַטום אונדזערן ווערט אָבער אויפן האַרץ אַ האָר נישט גרינגער און דער עיקר — קיין טרייסט זעט זיך נישט. פאַרקערט, וואָס ווייטער אַלץ מער הייבט מען אָן דערפילן און באַנעמען די גאַנצע שווערקייט און ביטערקייט פונעם פאַרלוסט וועלכער האָט גורם געווען אַ ליידיקייט וואָס מיר זענען זי בשום אופן נישט בכוח מער אויסצופילן.

דאָס איינציקע וואָס מען קאָן זאָגן איז אַז וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון דעם מאָמענט פון זיין טויט, אַלץ מער און מער דערזען מיר די גרויסע ראָל וואָס ער האָט געשפּילט אין אונדזער קולטור, אַלץ מער און מער שאַצן מיר אָפּ די גרויסע אויפטועז זיינען אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון אונדזער קולטור־לעבן, אַלץ מער און מער דערוויסן מיר זיך ווי שווער, ניין, ווי אוממעגלעך עס וועט זיין אים צו פאַרבייטן. עס איז אַוועק אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער ייִד און פאַר אַ סך פון אונדז, פונקט ווי פאַר דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, אַ גרויסער נאָבעלער פריינד וועלכן מען וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

* * * * *

יודל מאַרק איז געבוירן געוואָרן אין דעם ליטווישן שטעטל פּאַלאַנגע, אין אַ היים ווו דער אַלטער ייִדישער לעבנס־שטייגער האָט שוין געהאַט שלום געמאַכט מיט די נייע צייטן פון דער השכלה. אויף יעדן פאַל האָט ער אַליין שוין נישט געדאַרפט דורכמאַכן דעם טיפן ריס און די קאַמפן צווישן די אָבות און די בנים, וועלכע האָבן געלייגט זייער שווערן חותם אויף די ייִדישע אינטעליגענטן פון זיין דור און האָבן אַ סך פון זיי געטריבן צו עקסטרעמקייטן און אפילו צו אַ דערווייטערטקייט פון די אַלטע ייִדישע גייסט־קוואַלן און לעבנס־פאָרמען.

אָט דעם אומשטאַנד, דאָס הייסט: דער פאַקט וואָס יודל מאַרק האָט אַלס יוגנטלעכער שוין נישט געדאַרפט קעמפן קעגן דעם אַלטן ייִדישן לעבנס־שטייגער, ווייל אין זיין היים האָבן „אַלט" און „ניי" שוין געהויזט אונטער איין דאַך אין אַ האַרמאָנישער סביבה, איינשליסנדיק אין זיין דערציונג די טראַדיציאָנעלע ייִדישע לימודים ביי דער זייט פון דער וועלטלעכער בילדונג, האָט אומבאַדינגט געלייגט אַ

שטעמפל אויף זיין אינטעלעקטועלן כאַראַקטער און אויף זיין פולזייטיקער שעפערישער פערזענלעכקייט.

אמת, מיר ווייסן אַז יודל מאַרק איז אַמאָל געווען אַ מיליטאַנט פאַר דער יידיש־וועלטלעכער קולטור און מיר ווייסן אויך וועגן זיין קעמפערישער ראָל אין דער „פאָלקס־פאַרטיי“, ווו ער האָט זיך אָפּגעגעבן נישט בלויז מיט בויען און פאַנאַנדערבויען דאָס יידישע (לייען: יידישיסטישע) שולוועזן, נייערט אויך מיט דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן קאַמף פאַר דער העגעמאָניע פון דער דובנאָוויסטישער אידעאָלאָגיע אויף דער יידישער גאַס אין ליטע און לעטלאַנד. אין דער זעלביקער צייט ווייסן מיר אָבער אויך אַז אין זיין גראַנגל פאַר דער פאַרוועלטלעכונג פון יידישן לעבן איז ער קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו דער עקסטרעמער נעגאַציע פון דער אַלטער יידישקייט צו וועלכער עס זיינען אָפט מאָל דערגאַנגען זיינע דעמאָלטיקע חברים לדעה, וועלכע האָבן אין גייעג נאָך וועלטלעכקייט אַזוי אימפּעטיק זיך אָפּגעריסן פון זייערע וואָרצלען, אַז אפילו העברעיש און אפילו ארץ ישראל זיינען געוואָרן פאַר זיי טריף און פסול.

יודל מאַרק איז קיין מאָל צו דער דאָזיקער עקסטרעמקייט ניט דערגאַנגען און ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין קוצץ בנטיעות, נאָר האָט שטענדיק געשטרעבט צו אַ סינטעז צווישן די אַלטע און נייע יידישע גייסט־ווערטן, כדי די יידן פון זיין דור זאָלן שאַפן אַ באַנייטע יידישע קולטור. אַזאַ איז ער געווען אין די יונגערע מיליטאַנטישע יאָרן און די דאָזיקע שטרעבונג צו סינטעז האָט זיך נאָך מער אָנגעהויבן מערקן אין זיינע שפּעטערדיקע רייפערע יאָרן, ווען זיין וועלט־בליק האָט זיך געשטאַלטיקט אונטער די ווירקלעכע דערפאַרונגען פון אונדזער עפּאָכע. געוויס האָט ער, ווי אַ סך פון זיינע בני דור, געדאַרפט דורכפירן, אין אָנגעזיכט פון די צייט־דערפאַרונגען, אַ רעוויזיע פון אַלטע איינשטעלונגען און אַמאָליקע אַקסיאָמעס. ער האָט אָבער, להיפוך צו אַ סך אַנדערע, נישט געדאַרפט קיין צוריקגיין צו די אַלטע קוואַלן, ווייל ער איז פון זיי קיין מאָל נישט צו ווייט אַוועק. דערויף האָט זיכער משפיע געווען זיין היים, דאָס הייסט: די גייסטיקע פאָרמאַציע וואָס ער האָט באַקומען אין דעם הויז פון זיינע עלטערן.

דאָס אויסמיידן דאָגמאַטישקייט און עקסטרעמיזם קומט שפּעטער צום אויסדרוק אויף אַלע געביטן פון יודל מאַרקס גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. סיי אַלס פּעדאַגאָג, סיי אַלס אידעאָלאָג פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן, סיי אַלס פילאָלאָג און סיי אַלס בויער פון דער נייער יידישער קולטור, זוכט ער תמיד דעם סינטעז צווישן אַלט און נייע און וויל געפינען דעם פאָדעם וואָס בינדט צונויף דורות און קולטור־עפּאָכעס אין יידישן לעבן. ס'איז באַוווסט, אַז די דאָזיקע וואָס מיידן אויס עקסטרעמקייטן און זוכן דעם גאָלדענעם מיטן פון שלום און האַרמאָניע, רופט מען געוויינלעך אָן „קאָמפּראָמיסטן“ אָדער בעלי פשרה. יודל מאַרק איז אָבער קיין מאָל ניט געווען קיין קאָמפּראָמיסט און בעל פשרה. ער האָט בלויז פאַרמאָגט דעם געבענטשטן מוט ניט צו מאַכן פון נאָך־קאָמפּראָמיזם קיין טוגנט און צוליב דעם האָט ער ניט פאַרלייקנט דאָס אַלטע, נאָר דערפאַר ווייל עס איז אַלט און איז באַדעקט מיטן פּאַטין פון דער געשיכטע און ער האָט ניט אָנגענומען און ניט נאָכגעלאָפן נאָך דעם נייעם נאָר דערפאַר ווייל עס איז ניי און עס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון דער מאָדע.

* * * * *

עס איז גענוג צו לייענען און לערנען יודל מאַרקס אַרבעטן וועגן דייטשמעריזמען אין דער יידישער שפּראַך, אָדער די באַגרינדונגען פאַר זיין נוסח פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע (שוין אָפּגערעדט וועגן זיינע אַרבעטן וועגן דער אידעאָלאָגיע פון יידישן שולוועזן אין אונדזערע טעג), כדי זיך אין דעם צו איבערצייגן. אויב עס גייט וועגן יידישן לשון האָט ער אַוודאי געקעמפט פאַר דער פאַרפיינערונג און לייטערונג פון דער שפּראַך, ווי אויך פאַר איר כסדרדיקער באַנייאונג. ער איז אָבער געווען קעגן די עקסטראַוואַגאַנטע עקספּערימענטן מיט דעם יידישן לשון; קעגן דעם שאַפן אינקובאַטאָר־ווערטער וואָס סטאַרטשען אַרויס פון אונדזער שפּראַך ווי פרעמדע קערפּערס, וועלכע זי וועט



קיין מאָל נישט פאַרדייען. ער איז אויך געווען קעגן אָפּרייסן אונדזער שפּראַך פון די דאָזיקע קוואַלן, פון וועלכע זי האָט געשעפּט יניקה אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון איר אַנטוויקלונג. אויך אין דעם פּרט איז ער געווען דער סינטעטיקער און ער האָט ניט געפּסלט קיין יידישע ווערטער וואָס זייער סטאַזש איז נישט עלטער פון דער יידישער פּרעסע, פּונקט ווי ער האָט נישט געכשרט קיין ווערטער בלויז צוליב זייער אַרכאַישקייט, הגם זיי לייגן זיך שוין היינט אַזוי שווער אויף דער יידישער צונג...

יודל מאַרק האָט געהאַט די זכיה צו זיין דער תלמיד פון שמעון דובנאָוו (וועגן וועלכן ער האָט, אגב, אָנגעשריבן אַ פּרעכטיקע אַרבעט), פון ד"ר ישראל צינבערג און פון נחום שטיף. זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות אין ליטע און אין לעטלאַנד האָט אים פאַרשאַפט אַ גרויסן נאָמען אַלס גייסטיקער מנהיג פון דעם דאָזיקן שפּרודלדיקן יידנטום. מער נאָך האָט ער זיך קונה שם געווען מיט זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט מיט וועלכער ער האָט אויסגעהאָדעוועט הונדערטער און הונדערטער תלמידים, וואָס דער רוב פון זיי איז, ליידער, אומגעקומען אין די היטלערישע קאַלך־אויוונס און אַ גרויסער טייל פון זיי, על פי נס געראַטעוועטע, איז צעשאָטן און צעוואָרפן איבער אַלע עקן וועלט. ווער עס האָט געזען די טיפע אַכטונג און פאַרערונג וואָס די דאָזיקע תלמידים האָבן אַרויסגעוויזן דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון דער ווילקאָמירער יידישער גימנאַזיע; ווי אַזוי זיי האָבן שטאָלצירט מיט דעם וואָס ער איז געווען זייער מחנך און וועגווייזער, דער פאַרשטייט ווי גרויס עס האָט געמוזט זיין זיין השפּעה אין דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן.

ס'גייט אום אַ ווערטל, אַז דער ווילנער גאון האָט איבערגעלאָזט ספרים און דער בעל־שם־טוב האָט איבערגעלאָזט מענטשן, ס'הייסט: תלמידים. וועגן יודל מאַרקן קען מען זאָגן אַז ער האָט געהאַט דערגרייכונגען אויף ביידע געביטן: ער האָט אונדז געגעבן אַ היפּשע צאָל וויכטיקע אַרבעטן בכתב (וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי וואַרט נאָך אייגעזאַמלט צו ווערן אין די טאָוולען פון אַ בוך), און ער האָט אויך דערצויגן מענטשן, תלמידים, וועלכע זיינען געבליבן געטריי זיין לערע און האָבן געלעבט אין גייסט פון זיין ליבשאַפט צו דער יידישער קולטור.

יודל מאַרק איז געווען אַ מין געבענטשטע מזיגה צווישן דעם קאַבינעט־מענטש, דעם געלערנטן און דעם לערער־דערציער פון מאַסן. דער לערער און די לערע האָט געלעבט אין אים אין דער פולסטער און שענסטער האַרמאָניע. ער האָט זיכער געהערט צו די איידלסטע און אַריסטאָקראַטישסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער קולטור־וועלט און ווער עס איז נאָר געקומען מיט אים אין נאָענטער באַרירונג האָט געמוזט געפאַנגען ווערן פון זיין פערזענלעכער לויטערקייט און איידלקייט, פון זיין גוטסקייט, פאַרגינערישקייט און אָרנטלעכקייט מיט וועלכע ער איז געווען אַ שם דבר אין אונדזערע ליטעראַרישע קולטור־קרייזן.

אין די לעצטע יאָרן האָט יודל מאַרק זיך באַזונדערס קונה שם געווען מיט דעם גרויסן אויפטו, וואָס רופט זיך: „דער גרויסער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך“ — אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס זיין גלייכן אין דער יידישער שפּראַך איז נאָר שמעון דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק“, ד"ר ישראל צינבערגס „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן“ און יהואָשעס תנ"ך איבערזעצונג.

„דער גרויסער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך“, וואָס לעת עתה זיינען פון אים דערשינען בלויז דריי בענדער, איז נישט בלויז אַ ווערק וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם גרונטיקסטן אויפזאַמל פון יידישע ווערטער — וואָס דאָס אַליין איז שוין אויך גענוג וויכטיק און באַטייטיק — נאָר עס איז אויך אַן איינזאַמל פון יידישער חכמה, פון יידישער איינפאַלערישקייט און פון יידישער לעבנס־גענישטשאַפט וואָס איז אייגנאַרטיק אין איר סינטעטיזירן אונדזער פּעסימיסטישע דערקענטעניש מיט אונדזער אָפּטימיסטישן בטחון־אויספיר.

איר האָט אין דעם דאָזיקן פאַרנעמיקן ווערק נישט בלויז דעם שפּיגל פון דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון עטלעכע הונדערט יאָר יידיש־געשיכטלעכן זיין אין

דער גאָרער וועלט, נאָר אויך די גאַנצע גאַמע פון ייִדישן געפיל און געמיט־אויסדרוק, דעם גאַנצן חן פון דער ייִדישער פאַנטאַסטיק, וואָס שפּילט אַנטקעגן מיט איר פאַרבן־רייכקייט דער גרויער, קאָלירן־אָרעמער ייִדישער רעאַליטעט.

אין דעם ייִדישן אידיאָם, אין דעם ייִדישן פאָלקס־ווערטל, אין דער ייִדישער וואָרט־ווענדונג, אפילו אין דער פאַרייִדישונג פון אַ גויאישן אויסדרוק (וואָס דער „ווערטערבוך"" רעגיסטרירט און פאַרטייטשט מיט אַזאַ אַדעקוואַטקייט און מיט אַזאַ שפע), זעט איר אונדזער אומהס גייסטיקע אינסטרומענטן מיט וועלכע זי האָט באַגוועלטיקט דעם חומר פון דער האַרבער שווערער ווירקלעכקייט.

אָט דער מאָנומענטאַלער בנין, מיט אַלע זיינע מיט ווערטן־אָנגעפּיקעוועטע חדרי חדרים, איז געבויט געוואָרן אונטער דער אַרכיטעקטן־השגחה און מיט דער אַקטיווסטער מיטבאַטייליקונג פון יודל מאַרק, וועלכער איז נישט בלויז געווען דער פאַרטייטשער פון אַלע זיינע וואָרט־מיינען, נייערט אויך דער פאָרשער פון זייער יחוס־אָפּשטאַם און דער דערקלערער פון זייער אָפט מאָל פּילזייטיקן באַנוץ.

יודל מאַרק האָט דעם גרויסן ייִדישן ווערטערבוך באַטראַכט ווי דאָס קרוין־ווערק פון זיין לעבן. ליידער האָבן פאַרשיידענע סיבות וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער קולטור־סביבה, אים געשטערט צו רעאַליזירן מיט מער פאַרנעם זיין גרויסן בנין. עס איז ניט קיין סוד, אַז ער, וואָס האָט מיט אַזוי פיל עקשנות אַריבערגעפירט דעם „ווערטערבוך" קיין ישראל, האָפנדיק אַז דאָ וועט ער קאָנען מער דערגרייכן ווי אין ניו־יאָרק, האָט גראַד דאָ, אין ישראל, זיך אָנגעטראָפן אויף כלערליי שוועריקייטן און קליינלעכקייטן וואָס האָבן טאָרמאָזירט זיין אַרבעט און אים פון איר כמעט באַזייטיקט. וועגן דעם דאָזיקן ענין וועט מען נאָך דאַרפן אַ מאָל שרייבן... אָבער סיי ווי — וואָס איז דאָ צו ריידן? זיין אַרבעט איז געבליבן אין מיטן, ניט פאַרענדיקט און צי עס געפינט זיך ביי אונדז איצט עמיצער וואָס זאָל זי קאָנען פאַרענדיקן איז אַ גרויסער ספק...

דאָך ניט געקוקט דערויף וואָס די אַרבעט אַרום „ווערטערבוך" איז געבליבן אין מיטן, זענען די דריי דערשינענע בענדער אַ קאָלאָסאַלער אויפטו פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ייִדישער קולטור און זיי זאָגן עדות ניט נאָר וועגן דעם דענקמאָל וואָס ער האָט געשטעלט דער עשירות און גראַנדיאָזיטעט פון ייִדישן לשון, נאָר אויך וועגן אים אַליין, ווי אַ פילאָלאָג און קולטור־שאַפער אין לשון ייִדיש. מען מוז צו דעם צוגעבן, אַז יודל מאַרק האָט אָנגעשריבן הונדערטער וויכטיקע אַרבעטן אויפן געביט פון ייִדישער שפּראַך־פאָרשונג, אויפן געביט פון ייִדישער פּעדאַגאָגיק און קולטור־אידעאָלאָגיע. ער האָט אפילו געשריבן אייגנאַרטיקע ליטעראַטור־קריטיק און דער עיקר — אַ ריי גרינטלעכע עסייען וועגן דער שפּראַך פון די ייִדישע קלאַסיקערס און נאָך־קלאַסיקערס, שרייבערס, פּאָעטן און פּראָזאַיקערס.

אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן, שוין איבער די 75 און פיזיש ניט אין די בעסטע קאָנדיציעס, איז ער נאָך געווען גייסטיק און שעפעריש אַקטיוו אין אַזאַ מאָס וואָס האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג. האָט ער טאַקע אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן אָנגעשריבן דאָס ווערק: „די ייִדישע גראַמאַטיק", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק — אַ ווערק פון אַ ריזיקן פאַרנעם אין כמות און אין איכות, אויף וועלכן מבינים וואָס האָבן זיך באַקאָנט דערמיט זאָגן, אַז עס געהערט צו דעם סוג מאָנומענטאַלע ווערק וואָס דאַרף געשטעלט ווערן אין איין ריי מיט ד"ר מאַקס וויינרייכס פיר בענדיקן ווערק „די געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך."

יודל מאַרק געהערט שוין איצט צו די אויף וועלכע מיר זאָגן „זכרונו לברכה". און כאָטש ער וועט אונדז פעלן פון אַלע זייטן איז דאָך כדאי צו געדענקען אַז ער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ גרויסע גייסטיקע ירושה, וואָס איז אין איר רוב צעוואָרפן איבער צייטונגען און זשורנאַלן.

צונויפנעמען אָט די גרויסע עשירות־ירושה און איר געבן אַ תיקון אין די ווענט פון ביכער־טאָוולען, דאָס איז דער חוב וואָס מיר זענען שולדיק ניט נאָר יודל מאַרקן, נאָר דער ייִדישער קולטור און דעם ייִדישן לשון.



יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# אהרן שטיינבערג — דער מענטש און זיין ווערק

(שטריכן צו זיין פערזענלעכקייט)

מיט דעם זעלטן וואַרעמען ייד, אַ מענטש פון גייסט און אַ וואָגיקער שרייבער, אהרן שטיינבערג, האָב איך זיך נאָך באַקענט אין די אַמאָליקע טומלדיקע בערלינער יאָרן, בשעת עס האָט נאָך אין דער דייטשישער מעטראָפּאָליע געפּלייצט מיט אימפּעט אַ שטאַרק ייִדיש לעבן מיט אַ ברייט פאַרצווייגטער קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט געליכטיקט מיט אַ שפע פון קאָלירן. דערנענטערט האָבן מיר זיך ערשט אין דער לאָנדאָנער תקופה, בעת ער און איך זענען געוואָרן תושבים אין ענגלאַנד און זיך באַדאַכט גענומען איינשפּאַנען אין אַ קולטור־ און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט מיט וואָס עס האָט דעמאָלט גענומען אָנפירן מיט גרויס איניציאַטיוו און פאַרמעסט אַ גרופּע ייִדישע שרייבערס און טוערס לטובת דעם ייוואָ אין ווילנע.

עס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ צייט, ווען אין לאָנדאָן האָט נאָך געקלאַפּט דער דופק פון אַ ייִדישלעך־געזעלשאַפטלעך לעבן, מיט אַ פּרעסע, טעאַטערס, פאַריינען און ייִדישע געווערקשאַפטן, און דערצו אַ לעבעדיקער, אַקטיווער אַרבעטער רינג אין ווייטשעפּל.

לאָנדאָן האָט נאָך פאַרמאָגט אַ שיינעם ליטעראַרישן און קינסטלערישן פּני, אַ צאָל גוטע ייִדישע שרייבערס, געלערנטע און איבערגעגעבענע קולטור־טוערס, וואָס האָבן געהאַט בדעה פון דאָס ניי אַריינצובלאָזן אַ פרישן רוח־חיים אין דער אַרומיקער אָפּגעשטאַנענקייט.

אונטער דער אַקטיווער און אַריינגעטוענער אָנפירונג פון יצחק נחמן שטיינבערג, דעם צעשטראַלטן קולטור־פּאָליטיקער און באַהויכטן מענטש, איז אין יאָר 1937 געשאַפן געוואָרן אין לאָנדאָן דער ענגלישער ייוואָ־אָפּטייל, וואָס בראש פון אים האָט זיך געשטעלט דער באַקאַנטער פאָרשער און גרויסער ליבהאָבער פון ייִדיש, דער חכם משה גאַסטער, איינער פון די פּרעזידענטן פון ווילנער ייוואָ.

באַלד האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַ רעפּרעזענטאַטיווער קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַזוינע אָנגעזעענע שרייבערס און עסקנים, ווי אהרן שטיינבערג, לעאָ קעניג, מאָריס מייער, יהושע פּאָדרוזשניק, משה עובד, שלמה גאָלדנבערג, און, יבדלו לחיים, יוסף לעפּטוויטש, ש. לעווענבערג און דער שרייבער פון די שורות, וואָס איז געוואָרן באַשטימט ווי דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פונעם ניי־געשאַפענעם ייוואָ־אָפּטייל.

מיט גרויס התלהבות האָבן זיך די מיטגלידער פון קאָמיטעט איינגעשפּאַנט אין אַ ברייט־פאַרצווייגטער קולטור און פאָרש־אַרבעט, וואָס איז אויסן געווען אי צו העלפן דעם ווילנער ייוואָ און אי אָנהייבן אויפן אָרט מיט אַ באַנייטער פאָרשונג פון די געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע פּראָבלעמען פון ייִדישן ישוב אין ענגלאַנד.

אין אָט דער אַרבעט האָט זיך אויך באַלד פון אָנהייב אַריינגעוואָרפן אהרן שטיינבערג בלב ונפש און איז געווען אַ דאַנק זיין סיסטעמאַטישן צוגאַנג אַ גרויס געווינס פאַר דער געפּלאַנטער ייוואָ־טעטיקייט. אַ רעפעראַט פון שטיינבערגן מיט זיינע גרונטיקע ידיעות און חידושים, בפרט אַ היסטאָרישע טעמע, האָט תמיד אויסגענומען ביי דעם בעסערן, אינטעליגענטערן עולם. עס האָט זיך אויך געמאַכט, אַז מיר זענען זאַלבעצווייט אויפגעטראָטן מיט פאַרשיידענע לעקציעס אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, און שטיינבערג, אַ פאַרמחשבהטער, האָט גערעדט מיט גרויס פּשטות, נוסחדיק און מיט אַ לומדיש לשון, ווי אַ ייד אַ תלמיד־חכם. זע איך אים נאָך היינט, אָט דעם פיינעם ערודיט און בעל־לשון מיט זיין איידל פּנים, אויף וואָס עס איז געווען אויסגעגאָסן אַן עניוותדיקע צאַרטקייט און אַ צניעותדיקער חן. זיינע שטילע, קלוגע אויגן האָבן בשעת מעשה זוכעריש געוואַנדערט, געקוקט פאַרטראַכט

מיט אַ מילד־ערנסטן בליק, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף כסדרדיקער פאַרטוענקייט און אַ מעדיטאַציע אין ניגלה און ניסתר. בשעת ער האָט געשמועסט, און תמיד חבריש־בנעימותדיק, האָט זיך זיין שטערן לומדיש געקאַרבט, ווי ער וואָלט גראַד געזאָגט פשט אין אַ שטיקל „מורה נבוכים" אָדער געוואָלט באַשיידן זיך און זיין מיטשמועסער אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע מיט זיין אויפברויז און חזיון, אין וואָס ער איז גראַד געווען אַריינגעטאָן.

אפשר איז אהרון שטיינבערג בטבע ניט געווען אַזוי חריפותדיק און בליציק ווי זיין לייטזעליקער, צעוואַרעמטער און באַהויכטער עלטערער ברודער, יצחק נחמן, דערפאַר אָבער פשטותדיקער און פנימיותדיקער, נוסחדיקער און יסודותדיקער. אָבער ביידע ברידער האָבן נאָך אָנגעהערט צו אַ דור וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין אַ תמציתדיקער יידישקייט, ווו תורה און חכמה, אמונה און בילדונג זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט, אָן אַ וועלכן עס איז אינעווייניקסטן שטער אָדער טרייסל. עס איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, דער שם־המפורש פון יידישער שלימות, פון גוטסקייט און הומאַניטעט, וואָס האָט געליכטיקט און באַקרוינט דעם לאַנגן וועג פון אהרון שטיינבערגס לעבן.

ווי מיר הערן פון שטיינבערגן גופא אין זיין פּרעכטיקער שילדערונג פון זיין ברודער יצחק נחמן און די היים (י. נ. שטיינבעג־בוך, ניו־יאָרק, 1961), איז די משפחה שטיינבערג געווען אַן אַלט־איינגעזעסענע אין ווילנע, דעם ירושלים דליטא, איינגעקייטלט אין אַ דורותדיקן יחוס, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום רמ״א, רבי משה איסערלעס, אין קראָקע, די קרוין פון פּוילישער יידישקייט אינעם 16טן י״ה. הגם, גיט שטיינבערג צניעותדיק צו, ביי זיי אין שטוב האָט מען פון יחוס גאָר ווייניק וואָס געהאַלטן. עס איז געווען אַ שטאָלצע, נגידיש־היימישע משפחה פון תורה און השכלה, וואָס האָט זיך אפשר גאָר געקענט גרויסן מיט זייער אייגענעם יחוס. ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, עפנט אונדז דער געראָטענער יינגערער ברודער אהרון, אַ שפּעלטעלע אויף אַריינצוקוקן אין אָט דעם משפחה־געביי, ווו מיר קענען וואַרפן אַ בליק סיי אויפן צד פון זיין טאַטן ר׳ זרח בן ר׳ יצחק נחמן שטיינבערג, און סיי אויפן צד פון זיין מאַמען, וואָס האָט געשטאַמט פון די קאָוונער עליאַשעווס און זיינען געווען אויסגעבונדן מיט אַ ריי אָנגעזעענע, לומדישע און מפורסמדיקע משפחות.

שוין דער ווילנער זיידע, לאָזט אונדז זיין אייניקל, אהרון, הערן, איז געווען אַ ייד, אַ בעל־השכלה און זיך אויפגעהאָדעוועט אין ווילנע אין אַ קרייז פון לערנערס און לייענערס, וואָס האָבן איינצייטיק מיט זייער תורה־לערנען זיך געקוויקט מיט די שירים פון העברעישן דיכטער, מיכה יוסף לעבענזאָן. אַריינגעראָטן אין אים איז נישט בלויז דער טאַטע ר׳ זרח, נאָר אויך די צוויי מושלמדיקע אייניקלעך, יצחק נחמן און אהרון. הערן מיר טאַקע פון שטיינבערגן, אַז דער טאַטע זרח איז נישט בלויז געווען אַ בן־תורה און אָפּגעהיטענער ייד, נאָר דערצו אויך אַ פאַרקאָכטער ליבהאָבער פון העברעיש מיט אַ גרויסער תשוקה צו ליטעראַטור. דערציילט אונדז שטיינבערג, אַז שוין בחורוויז האָט דער טאַטע זיינער אָנגעשריבן אַ מליצהדיקן מאמר אויף לשון־קודש פון לעבן אין ירושלים דליטא און באַהאַלטענערהייט, אַז עס זאָל זיך קיינער דערפון נישט דערוויסן, דאָס אָפּגעדרוקט אין סמאָלענסקינס „השחר". אָבער זיין פאַרפרומטע מאַמע, ביילע ריינע, די אַלמנה און גרויסע שטאָט־חכמה, האָט זיך פאָרט דערוווּסט פון דער „מעשה־רע" און אין שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן חושך. אָבער נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן אינצידענט, איז דער פאָטער פאַרבליבן אַ גרויסער בעל־לשון און מיט זיין עפּיסטאָלאַרישן סטיל פון זיינע לשון קודשע בריוו האָט זיך נאָך שפּעטער געגרויסט יצחק נחמן שטיינבערג, דער זון.

די מוטער פון די צוויי געראָטענע זין האָט געשטאַמט, ווי שוין דערמאָנט, פון די קאָוונער עליאַשעווס, און איז אַליין געווען אַ גרויסע קענערין פון לשון־קודש און תנ״ך, וואָס האָט אין אירע יונגע מיידלשע יאָרן געלערנט ביי דעם באַקאַנטן בעל־דיקדוק, ישעיה הערץ גאָרדאָן. דער מוטערס יינגערער ברודער, איסידאָר־



ישראל איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער שפּעטערדיקער בעל־מחשבות. איר שוועסטער, רחל עליאַשער, איז געווען אַ שנור פון דער גרויסער וואָלאָזשינער לומדים־משפחה, בערלין, וואָס האָט געצויגן איר יחוס פון סאַמע נצי״ב, רבי נפתלי צבי יהודה בערלין אין וואָלאָזשין. אַזוי אַרום זענען די שטיינבערגס געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט אַ שיינעם יידישן יחוס, באַקרוינט פון תורה און חכמה, נגידישקייט און בילדונג.

נאָך דער חתונה זענען די עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין דווינסק; אגב, די שטאָט, ווי שטיינבערג דערמאָנט אונדז, פון ראָגאַטשאָווער גאון, ר׳ מאיר שמחה, ווו די ביידע זין האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט, זיך דערצויגן און אויפגעוואַקסן אין אַ שטוב פון תורה און גדולה. עס איז געווען אַ יידישלעך־קולטורעלע און נגידישע היים, מיט אַ סך תוכיקייט און וועלטלעכער געלערנטקייט, ווו אמונה האָט זיך פריי געפאָרט מיט השכלה, אַ בלאַט גמרא מיט אייראָפּעישער דיכטונג. עס איז געווען, ווי שטיינבערג באַטאָנט, אַ מזל־ברכהדיקע סביבה, אַ שטוב פון יידישקייט מיט שכל, פרומקייט מיט יישוב־הדעת. שוין זיין פאָטערס וועלט־באַנעם איז באַשטאַנען פון דער הנחה, אַז צווישן אמונה און וויסנשאַפט קען און דאַרף נישט זיין קיין סתירה. אַזוי האָט אויך געלערנט דער רמב״ם אין זיין „מורה נבוכים", וואָס מען האָט געלייענט מיט גרויס התמדה ביי די שטיינבערגס אין שטוב. מען האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז אַ חוב צו קענען גוט לערנען און אָפּהיטן אַלע פּראַקטישע מצוות, אָבער מיט שכל, גיט שטיינבערג צו אויף זיין ווילנערישן נוסח. אָט דאָ ליגן טאַקע די טיפע שרשים פון דעם קומענדיקן גרויסן ערודיט, היסטאָריקער און בעל־מחשבה.

אגב איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט דער פאַקט וואָס שטיינבערג דערמאָנט, אַז אין זייער שיינער, פרומער און באַגלייך משכילישער שטוב האָט מען כמעט נאָר גערעדט רוסיש, און יידיש האָבן די קינדער אויפגעכאַפּט אויף דער גאַס, שפּילנדיק זיך מיט אַנדערע יידישע יינגלעך.

אין אָט דער היימיש־צעוואַרעמטער און אינטעליגענטער יידישער היים מיט אירע שיינע מידות און מעשים טובים, איז אהרון שטיינבערג אויפגעוואַקסן און באַגלייך אַריינגעוואַקסן אין אַ יידישער פאָלקישקייט פון וואַנען ער האָט שפּעטער געצויגן זיין גייסטיקע יניקה און געפונען אין איר אַן אָנשפּאַר און אַ חיזוק אין די יאָרן פון זיין וויסנשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. שוין ווי יינגלעך איז מען געוואָרן פאַרכאַפּט פון ציוניסטישן אידעאַל און געשפּילט טעאַטער, ווי שטיינבערג דערציילט, דווקא אויף העברעיש, צוזאַמען מיט שלמה מיכאָעלסן, דעם גרויסן שפּעטערדיקן אַקטיאָר, וועלכער איז אויך געווען אַ דווינסקער און אַ נאָענטער פריינד פון אַהרונען.

צוזאַמען מיט שלמה וואָפסי (מיכאָעלס) האָט מען געלערנט העברעיש ביי דעם גוטן העברעישן לערער יהושע הערץ גאָרדאָן, וואָס האָט איינגעפלאַנצט אין זיי אַ טיפע ליבשאַפט צום תנ״ך און צו דער קולטור פון פאָלק בכלל. אַזוי איז דער יונגער שטיינבערג געוואַקסן אין תורה און בילדונג, און בשעת ער איז אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלערנט אין היידלבערג יוריספּרודענץ און פילאָסאָפיע, האָט ער מיטגעבראַכט פון דער היים אַ שיינעם באַגאַזש פון תורה און חכמה, פון פאָלקישער יידישקייט און וויסן וואָס איז אים בייגעשטאַנען אַלע יאָרן פון זיין לעבן.

עס איז געווען אַ געראָטענע סינטעזע פון הרגשה און מוח, פון ירושהדיקייט מיט אַ פאַרטיפטן הומאַניזם, וואָס צייכנט אויס אַלע זיינע שפּעטערדיקע אַרבעטן און שריפטן. ער איז פאַרבליבן דאָס וואָס געווען, אַ גאַנצער, שלימותדיקער ייד, אַ שם־דבר אין דער יידישער וויסנשאַפטלעכער וועלט. אויף דעם זאָגן עדות זיינע צאָלרייכע און וואָגיקע אָפּהאַנדלונגען, אַנאַליטישע באַטראַכטונגען און פאָרשאַרבעטן וואָס האָבן באַרייכערט דעם יידישן געדאַנק און די ליטעראַטור בכלל. זיין ערודיציע איז געווען כוללדיק און אַרומנעמיק. ער איז געווען אַ בן־בית אין די „אמונות ודעות" פון סעדיה גאון, אין דער רעליגיעז־פילאָסאָפישער שיטה פון

רמב"ם אָדער יהודה הלוי אין זיין „כוזרי", פּונקט אַזוי ווי אין דעם פילאָסאָפישן סיסטעם פון אַ שפּינאָזאַ, אַ לייבניץ, קאַנט אָדער העגעל און די שפּעטערדיקע נעאָ־קאַנטיאַנער. דעם דענקער אהרון שטיינבערג איז אַפּנים געווען נעענטער און מער צום האַרצן די אידעאַליסטישע פילאָסאָפיע פון די נעאָ־קאַנטיאַנער מיט זייער אידעישן וועלט־באַנעם, ווי דער תכלית־דיקער ראַציאָנאַליזם און אוטיליטאַריזם פונעם פּאָזיטיוויזם מיט זיין מעכאַנישן צוגאַנג צו די פענאָמענען פון מענטש און נאַטור און זיין איינגעשווירענער גלויבן אין אַ פּראָגרעס אין דער געשיכטע.

שטיינבערג מיט זיין מקורדיקייט און עקסטאַטישער פנימיות, איז געווען אַ גריבלער און אַ זוכער פון נאַטור, כּסדר אַריינגעטאָן אין די פּראָבלעמען פון מענטש און וועלט, פון ביגלה און ניסתר. אפשר איז אָט די נטיה צו אים געקומען פון זיין מוטערס צד. ווי זאָגט דאָס שטיינבערג בדרך־כלל: „אַפּנים די השפּעה פון די שאַוולער עליאַשעווס, די בעלי־מקובלים, איז ניט געבליבן אָן שפּורן אין קאָוונער עליאַשעוו־הויז"

צו שרייבן האָט שוין שטיינבערג אָנגעהויבן פרי און געדרוקט זיינע וואָגיקע און תוכיקע מאמרים אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, סיי אין רוסיש און סיי אין דייטש און אין ייִדיש. גרויס איז געווען זיין בקיאות אין פילאָסאָפיע און געשיכטע, אָבער ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אַ סך מחשבה מיט די פּראָבלעמען פון דער אייראָפּעישער, בפרט רוסישער ליטעראַטור און דערצו מיט ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע שטרעמונגען אין זיין צייט. אים, דעם פיינעם ליטעראַטור־קענער און סענסיטיוון זוכער, האָט שוין פרי פאַרכאַפּט די דעמאָנישע געשטאַלט פון פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקין מיט זיין קאַמף פאַר דער פרייהייט פונעם יחיד, זיינע ליידן און נשמה־ציטער, יסורים און פירערשאַפט.

עס איז געווען די תהומותדיק אויפגערודערטע וועלט פון רוסישן מענטש מיט אירע טראַגישע העלדן, זייער אומרו און זוכענישן, מאַטערנישן און נשמהדיקע צעריסנקייט, וואָס האָט געכישופט דאָס האַרץ פון דעם צעוועקטן, זוכערישן שרייבער און בעל־מחשבה. אויף דער פאָן איז אויפגעקומען זיין געדאַנקיק פאַרטיפט בוך וועגן דעם גרויסן קינסטלער און געשטאַלטיקער, דאָסטאָיעווסקי. אָנגעשריבן האָט שטיינבערג דאָס ווערק אין רוסיש און אַרויס איז עס אויך אין דייטש אין די דרייסיקער יאָרן, און ערשט אין 1966, אין אַ פאַרקירצטער פאָרם, אין ענגליש. דער רושם פון דעם בוך מיט זיין ליטעראַרישע אַנאַליז און עשירות פון געדאַנק איז געווען אין די ליטעראַרישע קרייזן אַ באַזונדער שטאַרקער.

שטיינבערג האָט אויך סטימולירט און אָנזעעוודיק באַרייכערט די ייִדיש־היסטאָרישע פאָרשונג און דאָס פאַרשטענדעניש פונעם רעליגיעז־פילאָסאָפישן אידעענגאַנג ביי ייִדן מיט זיינע אַנאַליטישע שטודיעס און תוכיקע אַרבעטן. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן זיין מאָנומענטאַלע אַרבעט אַרום דער איבערזעצונג אויף דייטש פון דובנאָווס צען־בענדיק ווערק: „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק", וואָס איז אַרויס אין בערלין אין די יאָרן 1925-1929. אגב, אין די יאָרן 1948-1955 האָט דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס (ניו־יאָרק—בוענאָס איירעס) אַרויסגעגעבן די צען־בענדיקע „וועלטגעשיכטע פון ייִדישן פאָלק" אויף ייִדיש.

אין זיין לאָנדאָנער תקופה האָט שטיינבערג ממשיך געווען מיט גרויס התמדה און אויסגעשטאַנענער מחשבה זיינע היסטאָרישע און ענציקלאָפּעדישע אַרבעטן. זיין ערודיציע און אינטעלעקטואַליזם, די סיסטעמאַטישקייט פון זיין דענקען און קלאָרקייט פון סטיל זענען אים אין אַ גרויסער מאָס בייגעשטאַנען אין די ליטעראַרישע עסייען און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וואָס ער האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט און זיך דערמיט שטאַרק קונה־שם געווען אין דער ייִדישער וועלט. זיין נאָמען ווי אַ מלומד, אַ שרייבער און פאָרשער איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער באַקאַנט. ער איז געווען איינער פון די ראשי־המדברים אין דער צייטשריפט „אויפן שיידוועג", וואָס אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע מיט א. טשעריקאָווערן בראש האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין פּאַריז פאַר דער צווייטער



וועלט־מלחמה. ער איז אויך געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע" (מיטן אונטערקעפּל „ייִדן") וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אין ייִדיש פונעם דובנאָוו־פאָנד, צוערשט אין פּאַריז און דערנאָך אין ניו־יאָרק.

דאָ געהער אַריין זיין אויסגעצייכנטע היסטאָרישע אַרבעט, אַן אויסשעפּנדיק קאַפּיטל ייִדישע געשיכטע פון מיטלאַלטער ביז אין דער נייער צייט, אַרומנעמענדיק די מוסלעמישע תקופה, איבער דעם קריסטלעכן מיטלאַלטער, דעם מזרח־אייראָפּעישן פּעריאָד ביז צו די סאַמע לעצטע דורות אין לעבן פון ייִדישן פאָלק. עס איז אַ גרונטיקע אַרבעט, וואָס פאַר־סך־הכלט סיי די גייסטיקע ווי די סאָציאַל־עקאָנאָמישע טענדענצן וואָס מאַניפעסטירן זיך מיט אימפּעט און וויטאַליטעט אין אָט דער לאַנגער, אָפּט פינצטערער תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע. דערביי באַטאָנט שטיינבערג דעם היינט שוין אָנגענומענעם פּרינציפּ פון פּלוראַליזם אין דער געשיכטע, וואָס לייגט דעם טראָפּ אויף אינטעראַקציע פונעם אוניווערסאַל־היסטאָרישן גאַנג אויף די געשעענישן און פעולות פון די ייִדישע קיבוצים אין זייער וויטער צעשפּרייטקייט.

אינטערעסאַנט איז אויך שטיינבערגס קוק אויף די משיחישע באַוועגונגען ביי ייִדן אין משך פון דורות. אין אָט דער אַרומנעמיקער אַרבעט, ווייזט ער אָן אויף דעם סימן־מובהק פון אַלע משיחים ביי ייִדן, אין אַלע זייערע ניואַנסן און וואַריאַציעס, אַז זיי זענען בעצם אויסן געווען צו דערפירן צום לעצטן סוף, צום אָפּשלוס פון דער ביז־איצטיקער ייִדישער געשיכטע און אָנהייבן אַ נייע תקופה, אָבער נישט בלויז אין דעם אייגנטלעכן ייִדישן נאָר אויך אינעם אוניווערסאַל־היסטאָרישן זינען. עס איז אַ קאָסמיש־רעליגיעזער פּראָצעס פון גאולה, וואָס נעמט אַרום ייִדן און די וועלט. לויט שטיינבערגן איז דאָס בילד פון גואל תמיד געווען צוגעפּאַסט צו דעם אויסקוק פון דור און עס בייט זיך זיין אידעאַלער פּנים אין הסכם מיטן גייסט פון דער צייט. אַזוי זענען געווען די משיחישע באַוועגונגען אין דער צייט פון בית שני, אין דער תקופה פון דער איסלאַמישער הערשאַפט, אַריין אין קריסטלעכן מיטלאַלטער מיט די שאַרף־פּאָלעמישע שטימונגען מצד ייִדן לגבי דעם נישט־ייִדישן, פאַרפעלשטן משיחיזם.

מיט גרויס באַהאַוונטקייט און קלאָרקייט פון געדאַנק רעדט אויך שטיינבערג אין זיין גוט־פאַרטראַכטער אַרבעט וועגן דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ביי ייִדן. דאָ איז ער ווידער דער גרויסער בר־הכי וואָס פאַרטייטשט און באַקלערט די טערמינען און השקפות פון דער מיטלאַלטערלעכער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ביי ייִדן ביז אין אונדזערע צייטן. תחילהדיק שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם מעטאַפיזישן מדרש פון פילאָן אין אַלעקסאַנדריע און גייט דערנאָך אַריבער מפרש צו זיין מיט זיין פילאָסאָפישן צוגאַנג די שיטות פון די ייִדישע פילאָסאָפן וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון איסלאַם, אַ שטייגער סעדיה גאון, און גייט דערנאָך אַריבער צו די טעאָלאָגישע חקירות מיט זייערע אַבסטראַקטע השגות פון שלמה אבן גבירול, ביז ער דערגייט צו רבי יהודה הלוי, דעם דיכטער־ראָמאַנטיקער און פאַרטיפטן פילאָסאָפישן חוקר.

עס פאַרשטייט זיך, אַז שטיינבערג גיט אָפּ אַ ביז גאָר בכבודיקן פּלאַץ דער פילאָסאָפישער שיטה פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע דענקער, דעם רמב"ם, דעם פאַרטרעטער, ווי ער ווערט אָנגערופן, פון „ייִדישן אַריסטאָטעליזם" אין דער ייִדישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. די השפּעה פון אָט דער ליכטיקער פּערזענלעכקייט מיט זיין טיפער אמונה און סיסטעמאַטישן דענקען, האָט נאָך אָנגעהאַלטן ביי ייִדן אין משך פון לאַנגע דורות. דער בת־קול פון זיין הנחה, אַז שכל פּאַרט זיך צונויף מיט אמונה און עס איז לחלוטין נישט פאַראַן קיין סתירה צווישן זיי, האָט נאָך אָפּגעהילכט אין אַ סך משכילישע הייזער אין מזרח־אייראָפּע אין אונדזער דור.

אַזוי איז שטיינבערג ממשיך אין אָט דער געראָטענער אַרבעט צו אינטערפּרעטירן און זאָגן פּשט אין די פאַרבאָרגענע ווינקלען פון דער פילאָסאָפישער און מיסטישער מחשבה ביי ייִדן אין די שפּעטערדיקע דורות ביז ער דערגייט צו דער

נייער צייט מיט איר ראַציאָנאַליזם און השכלה און פאַרענדיקט דעם רעליגיעז־פילאָסאָפישן סך־הכל מיט אַ פאַרטיפטן בליק אין חסידות, וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער עלעמענט אינעם רעליגיעז־פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם פון מאַרטין בובער. אויף אַזאַ אופן דעקט אויף פאַר אונדז דער בר־הכי אהרון שטיינבערג, דאָס גייסטיקע עשירות פון אונדזער ירושהדיקייט, וואָס האָט אינספּירירט דורות ייִדן אין זייער אידעישער שאַפערישקייט און וואָס מיר מוזן אָפּהיטן, לערנען און מקיים זיין אַז דער נר־תמיד פון אונדזער קולטור זאָל זיך נישט פאַרלעשן אין די שטורעמס פון דער צייט.

אָבער אהרון שטיינבערג ז"ל איז נישט בלויז געווען דער לערער, דער פאָרשער און טעאָרעטיקער, נאָר אויך דער מענטש פון מעשים, דער פּראַקטישער קולטור־ און געזעלשאַפטלעכער טוער פאַרן ייִדישן כלל. אַ חוץ זיין נאָענטער מיטאַרבעט אין ייִוואָ, איז שטיינבערג געשטאַנען עטלעכע צענדליק יאָר בראש פון קולטור־דעפּאַרטמענט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס און אָנגעפירט רירעוודיק־אַקטיוו מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער קולטור־ און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז אויך באַגלייך געווען דער פּערמאַנענטער פאַרטרעטער פונעם וועלט־קאָנגרעס ביי אונעסקאָ, וווּ זיין אַרבעט איז געווען ביז גאָר מזל־ברכהדיק.

אין די לעצטע יאָרן, נאָך זיין פאַרלאָזן דעם אַמט ווי דער דירעקטאָר פון קולטור־דעפּאַרטמענט ביים וועלט־קאָנגרעס אין לאָנדאָן, האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון זיין התבודדות, פון אָפּשליסן זיך כלפּי חוץ. ווי אַן אינטראָווערט האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגערוקט אין אַ זייט פון דעם המוניש־געזעלשאַפטלעכן טראַקט, ווייניק אַרויסגעגאַנגען און זעלטן ווען עס איז אויפגענומען ביי זיך. ער איז געזעסן אין שטוב, אַריינגעטאָן אין זיינע מחשבות, געלערנט און געלייענט אַ סך. עס איז אָפּנים נאָך געווען פאַר אָט דעם זעלטענעם, דערהויבענעם ייִד אַ סך אין וואָס ער האָט געוואָלט אויף דער עלטער עוסק זיין.

ייִדן האָבן תמיד געשטעלט דעם טראָפּ אויף לערנען, איבערחזרן, זיך פאַרטיפן און ווייטער לערנען. דער באַקאַנטער „הדרן עלך" האָט דאָ געפונען זיין אמתן תיקון. לויט ווי עס אינפאָרמירן די מקורבים, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין זיין מחיצה די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט ער ווייניק וואָס געשריבן, דערפאַר אָבער כסדר געלערנט, כדי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק, פאַרבלייבן אַן עומד. ער האָט אויך מקדיש געווען אַ סך פון זיין צייט צוצוגרייטן דעם לאַנג־געפּלאַנטן אָפּקלייב פון אַ ריי פון זיינע ליטעראַרישע עסייען און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וואָס זאָלן אַרויסגיין אויף ענגליש. וועט דאָס ווערק שוין דערשיינען פּאָסטום. עס וועט זיין אַ רייכער עיזבון פון אַ פיינעם שרייבער, אַ גרויסער ערודיט און אַ פאַרטיפטער בעל־מחשבה.

לאָנדאָן, חשוון תשל"ד.

## פון דער „חשבון" פאַרוואַלטונג

חשובע „חשבון" לייענערס:

ניט געקוקט אויף די זייער פיל געהעכערטע הוצאות פון אַרויסגעבן אונדזער־אייער זשורנאַל, האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן פון העכערן זיין אַבאָנימענט פּרייז. מיר ווענדן זיך אָבער צו אייך: העלפט אונדז אַרויס מיט דעם, וואָס איר וועט שאַפן פאַר אונדז נייע אַבאָנימענטן, און פאַר דעם דאַנקען מיר אייך אין פאָרויס.

די פאַרוואַלטונג

"HESHBON" — M. GOLDFARB, Fin. Secretary
153 So. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif. 90048



זלמן שלאָסער

# גאָטס לערן־ייִנגל — דער פּאָעט

## לידער און פּאָעמעס פון יעקב פרידמאַן

דריי בענד, פאַרלאַג ישראל־בוך, 1974

„וואָס־זשע מיינען מיינע לידער?
דאַרפן לידער עפּעס מיינען?
עלעהיי אַ בוים מיט קאַרשן
וואָס טוט מיט די קאַרשן זיינע שיינען."

די צוויי פרעגצייכנס וואָס דער דיכטער יעקב פרידמאַן האָט, ווי מיר זען, אַוועקגעשטעלט ביים סוף פון די ערשטע צוויי שורות, זיינען מן הסתם רעטאָרישע. עס קען דאָך ניט זיין, אַז ווייטער און העכער פון שיינקייט גרייכן ניט זיינע לידער, סיידן דאָס וואָרט שיינקייט איז פיל־טייטשיש. שיינקייט פון וואָרט, פון בילד, פון קלאַנג, איז טאַקע דער סימן מובהק פון גוטער פּאָעזיע, נאָר טיפקייט און דערהייבנקייט פון געדאַנק, ליכטיקע האָפענונג, פרייד און טרויער פון מענטשלעכן גורל זיינען אויך גרונט־עלעמענטן פון עכטער פּאָעזיע. אפילו ווען שיינקייט ווערט אידענטיש מיטן תפארת פון קבלה, מיט געטלעכער פּראַכט, ווי פרידמאַן האָט געזונגען: „אויפן דימענט פון תפארת / מיינע גראַמען שאַרף איך." דאַרפן לידער נאָך אַלץ „עפּעס מיינען" מחוץ זייער בחינה — „עלעהיי אַ בוים מיט קאַרשן / וואָס טוט מיט די קאַרשן זיינע שיינען." שיינקייט לשם שיינקייט אַליין קען ניט זיין קיין מאָטאָ ביים פּאָעט, וואָס איז געוואָרן אַ „לערנייִנגל ביי גאָט."

דעריבער מעגן מיר מיינען, אַז די צוויי פרעגצייכנס אויבן האָבן בלויז אַ רעטאָרישע פונקציע צו נייטראַליזירן דעם ענטפער. די פראַגעס זיינען אָן ספק וויכטיקער ווי די ענטפערס; מעגן די ענטפערס בלייבן הענגען. וואָרעם די לידער און פּאָעמעס, וואָס פילן אויס די דריי בענד וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ, זיינען רייך סיי אין שיינקייט פון קלאַנג און בילד און סיי אין טיפקייט פון געפיל און געדאַנק. ד"ה די שיינקייט איז אין אינהאַלט. דער אינהאַלט מאַכט דאָס ליד שיין, ווי עס ווערט קלאָר אין זיין ליד: „סאַראַ הייליקע שיינקייט" ב' 3, זייט 247.

ס'איז אַגב טשיקאַווע וואָס די אויבן ציטירטע פיר שורות זיינען פון זיין סאַטיריש ליד דער לץ, וואָס דערמאָנט אונדז שטאַרק אין דעם טאָן און די בייסיקע סאַטירע פון משה לייב האַלפּערנס ליד דער גאַסן־פּויקער. ביידע זיינען געווען גרויסע ייִדישע פּאָעטן, כאָטש דער עיקר שטאַרק אַנדערש. נאָר דער פאַקט וואָס פרידמאַן האָט אַ לענגערע פּאָעמע וועגן מ. ל. האַלפּערן קען זיין אַ סימן פון אַ געוויסער עמאָציאָנעלער געמיינשאַפטלעכקייט צווישן זיי. אין יעדן פאַל האָט יעקב פרידמאַן געמוזט זיין גוט באַקאַנט מיט האַלפּערנס פּאָעטישע ווערק.

מיר דאַכט זיך אָבער אַז ס'איז גענוג זיך צו באַקאַנען מיט בלויז עטלעכע לידער זיינע צו זען ווי אונטער דער „שיינקייט" באַהאַלטן זיך אוצרות פון טיפע מחשבות און חלומות: גילדערנע לייטערלעך וואָס פירן צום געטלעכן בלויען הימל; בלעכענע לאַמטערנדלעך מיט וועלכע זיין זיידע, דער נסתר, פלעגט אַנטקעגנגיין משיחן יעדן חצות; בעכערלעך טרייסט וואָס למד־וואָווניקעס אין שאָפענע פעלצלעך טראָגן „אַנצוטרינקען די פאַרפרוירענע גראָזן, וואָס וויאַנען פאַרלאָזט אונטער די הויטן פון פראָסט"; דער רייכער חסידישער פאָלקלאָר, געלייטערטע פירונגען פון חסידישע הויפן און לעגענדעס וועגן עלטער־זיידעס. דאָרטן ליגן אויך באַהאַלטן דער קיט און צוויט, ליים און שטיין, וואָס גאָטס ליכטיק „לערנייִנגל", דער פּאָעט, טראָגט מיט שמחה נאָך זיין גאָט אַלע זעקס טעג פון דער וואָך.

די דריי בענד פון יעקב פרידמאַנס געזאַמלטע ווערק אַנטהאַלטן דעם גאַנצן ליטעראַרישן עזבון, וואָס איז אונדז געבליבן נאָך דעם גרויסן ליריקער, וועמען דער טויט האָט פון אונדז אַזוי פריצייטיק

אַוועקגעריסן. דער קלאָרער און שיינער דרוק אַזוי רהבותדיק אויסגעשטעלט אויף גוטן ווייכן פאַפיר זאָגט עדות אויף דער דער צאַרטער ליבשאַפט פון די אַרויסגעבערס צום אייגנאַרטיקן דיכטער פון די טיף־לירישע, פראַכטיק שיינע יידישע לידער.

אַן אָטעם פון פרישקייט — „עלעהיי אַ בוים מיט קאַרשן — טראָגט זיך פון די לידער. דער אָטעם פון יוגנשאַפט און גלויבן — אַ טיפן גלויבן, אַז טראָץ אַלע שטרויכלונגען איז דאָך דאָ אַ זין אין אונדזער לעבן. דער צאַרטער טאָן פון זיין לשון, די עלאַסטישקייט פון זיין פערז — אָט איז עס צימצומדיק און אָט ברייט צעשפרייט — דער בלויער צויבער וואָס שוועבט איבער זיינע לידער געזאַנגען הילט אונדז איין און מיר דערפילן די וואַרעמקייט און קראַפט פון אַ גרויסן דיכטער. וואַרעמע שטראַלן פון ליבשאַפט, פון ליכטיקן חלום אין שווערע פינצטערע טעג טראָגן זיך פון די קורצע און פון די לענגערע פאָעמעס זיינע. מען דערקענט גלייך ווי טיף פאַרוואָרצלט דער דיכטער איז געווען אין דער יידישער פאָעזיע, ווי שטאַרק געקניפט און געבונדן מיט דער נשמה פון דער יידישער ליטעראַטור ער איז געווען. אפילו ווען עס דאַכט זיך, אַז דאָ און דאָרט קלינגען איינצלנע טענער וואָס דערמאָנען אונדז אין ענלעכע טענער ביי מאַני לייבן, ביי מאַנגערן, ביי לייוויקן אָדער משה לייב האַלפערן, קענען מיר זיך אַלץ ניט באַפרייען פון יעקב פרידמאַנס אייגענער פאָעטישער קראַפט. וואָרעם זיין גרויסקייט איז געלעגן אין זיין שעפערישן כוח צו קענען סיי איבערנעמען, איינזאַפן אין זיך יענע מאָדערנע טענער און מאָטיוון און סיי זיי נאָך דעם פאַרטיפן און ממשיך זיין מיט מער פאַרנעם און פראַכט לויט זיין אייגענעם גייסט און געמיט.

מאַני לייבס זינגענדיקע פשוטקייט און האַרציקע ליריק, מאַנגערס בחנטע שפּילעוודיקייט מיטן בלויען חלום, זיין טיפע איראָניע, טיילוויז האַלפערנס סאַטירע און לייוויקס פאָעטישער גראַנגאַל מיט אונדזערע אייביקע רעטענישן פון רעכט און אומרעכט, פון קרבן־גרייטקייט און גאולה, האָבן אַפנים אויך עטוואָס באַלויכטן פרידמאַנס פאָעטישן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיר הערן אָבער אין זיינע לידער אויך דאָס געזאַנג פון די גרויסע חסידישע רביים, פונעם סאַסאָווער צדיק, פון קאַרלינער רבין פונעם אַפטער, פונעם בעש״ט, פון זיינע זיידעס און פעטערס. אין זיינע וואונדערלעכע וויזיעס, סיי אין די פינצטערע טעג פון קאָנצענטראַציע לאַגער און סיי אין די ליכטיקע טעג אין ישראל, באַווייזן זיך אָפט אויך די לעגענדאַרע ל״ו צדיקים, די פיטשינאַנטשיקע יידעלעך מיט די לאַנגע זילבערנע בערד, די היטערס און טרעגערס פון עטישער שיינקייט און בטחון. אָט די גרויסע געשטאַלטן, וואָס האָבן אים באַגלייט זינט זיינע קינדער־יאָרן, האָבן גענערט זיין מוח און אויפגעהאַלטן זיין טרוים. זייער אינערלעך יידיש געזאַנג, וואָס דער דיכטער האָט אַרויסגעזונגען פון זיך, דערהערט דער לייענער אַזש נאָך איצט בעת ער לייענט פרידמאַנס לירעד:

„עץ ווייסט, ווען נישט דאָס קאַפל חלום,
ר׳ הערשעלע,
וואָלט אונדזער בידנע לעבן געווען נישט
אַריבערצוטראָגן.
אוי, רבותי, דאַרף מען אַרויסטאַנצן פון
אייגענעם פלייש און געביין!

— — — — — — — — — — —

אַוודאי, אַוודאי, מען דאַרף קענען אויף
אַ ליד און אויף אַ וויץ
ווי אויף אַ יום־טובדיקער טאַץ, זיך
אַליין אַריבערטראָגן
אַהין, וווהין עס גלוסט דיין האַרץ דיר.“

„און די גילדענע פייגל פון פראָסטן
פאַפיר האָבן צעוויקלט די פליגל
און זייער געזאַנג האָט דעם הילצערנעם
באַלקן צעשפאָלטן,
און דערזען האָט זיך דער שטערן־וואָגן.

— — — — — — — — — — —

אַוודאי, אַוודאי פון גרויסן מלך יונה
דאַרף מען לערנען פאָרן און דערפאָרן.“
(פון „אונדזער זיידע יונה“)

דאָ ווי אין טייל אַנדערע לידער, דערקענט מען אויך מאַנגערס שטיפערישן מאַניר און חן געטראָגן ווייטער און העכער אויף די פליגל פון פרידמאַנס בלויען חלום.



איז דאָס געוויס ניט קיין חסרון נאָר אַ סימן ווי אייגנאַרטיק און טיף יידיש אונדזער מאָדערנע פאָעזיע איז געשטאַלטעט, צי געשאַפן אין מעלניצע, גאַליציע, צי אין לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע. דאָס זעלבע איז אויך אין זיין דראַמאַטישער פאָעמע „נפילים“, ווו פרידמאַן ראַנגלט זיך מיט די זעלבע פראָבלעמען פון מענטשלעכן גורל, ווי לייוויק אין זיינע דראַמאַטישע פאָעמעס.

אויך אין דער גרויסער צאָל קלענערע לירישע לידער, ווי ער זינגט וועגן ליבע, ליבשאַפט, האָט יעקב פרידמאַן אויפגעפראַלט ברייט די טויערן צו דער גרויסער וועלט, וואָרעם די מערסטע ליבע־לידער זיינע באַציען זיך צו גאָט, צו וועלט, צו מענטש בכלל און צו עראָטיק אין דער נאַטור וועלט:

„מיט גאָלדענע ליפן קושט די זון
די האַריקע ברוסט פון די גראָזן

— — — — — — — — — — —

אַ ווילד־פלאַנץ אין פורפור־צעבלי
ביגט זיך איבער אָפהאַנג אַריבער
פאַרפלעכט זיך אין די האָר פון זיין „זי“
און ס׳באַהעפטן זיך די גראָזיקע
גלידער.“
(פון „ליבשאַפט“, באַנד 1, זייט 11)

אָדער—

„דו, דו דו ביסט אין גאַנצן מיין,
און איך, איך בין די אייביקע,
די אור־אייביקע וואַרטעניש.“
(פון „אור־אייביקע וואַרטעניש“,
זייט 270).

אַ שיין ליבע־ליד איז אויך „די שניטערקע אין גאָלדענעם קאָרן“ און בכלל די פראַכטיקע שיר השירים לידער. נאָר צווישן אָט די לידער קען מען געפינען בלויז איינס אָדער צוויי אין וועלכע דאָס געזאַנג איז פראָסט פשוט יוגנט־ליבע, בחור־מיידל ליבע, ווי עס איז זיין זעלטן־שיין, טיף־ליריש ליד אויף איינע פון די ערשטע בלעטלעך פון ערשטן באַנד, זיין ליד „פאַר מיין הייזקע“, וואָס קען זיך פאַרגלייכן אין קינסטלערישער פאָרם און מוזיקאַלישן קלאַנג מיט מאַני לייבס קלאַסיש ליד, „איך בין דער ווינריב“. פרידמאַנס ליד לאַסטשעט און דערפרייט דעם לייענער מיט דער לייכטקייט און פרישקייט פון עכטער, ריינער ליריק:

„אין די נעסטן ווינען פייגל
און די ליבשאַפט ווינט אין מיר.
אַלע טויבן פון מיין דעכל
פליען וואָרקענדיק צו דיר.

זייער שאָטן גלעט די פענצטער,
רירט דיין פנים אָן ביים שויב,
און מיין האַרץ, אוי, איז מקנא
בלויען שאָטן פון דער טויב.

פאַר מיין הייזקע שלאָפט דער ברונעם,
שפיגלט שטערן אין זיין טיף,
און די שטערן זיינען אותיות
פון מיין ליבסטערס ליבע־בריוו.“

דאָ איז יעדע שורה, הגם קורץ, אַ געזאַנג וואָס זינגט זיך אַליין. די ליבע איז צאַפלדיק יונג און פריש, הגם די טויב און דער ברונעם זיינען ביי „היינטיקע“ ליריקער שוין פאַרעלטערט.

אַ זייער קאָמפליצירטער דיכטער איז יעקב פרידמאַן געווען. זיין טעמאַטיק איז געווען רייך און די מאָטיוון פאַרשיידנאַרטיק, הגם זיין צענטראַלער מאָטיוו איז אַלע מאָל און אומעטום ג אָ ט.

דורך פיל געשטאַלטן זינגט ער אויס זיין אייגענעם „איך“ און זיין הללויה, אפילו ווען ער איז פול מיט ספקות וועגן גאָט און זיינע אומפאַרשטענדלעכע וועגן אויף וועלכע ער פירט די יידן; אפילו ווען ער איז פול מיט אַנטוישונג אין דאָס האַרץ פון בן־אָדם וואָס האָט אויסגעבענקט גאָט און איז צעטראָטן געוואָרן אונטער די פיאַטעס פון טייוול.

„צי ווילסטו אויפשטיין
ווי אַ שופט און מישפטן
דעם צעטראָטענעם?“

נאָר אַזעלכע שטימונגען פון אַנטוישונג און רעזיגנאַציע טויכן זעלטן אויף, אפילו ווען דער פאָעט זינגט דורך די פיל אַנדערע געשטאַלטן, ווי „פינחסל חקרן“ אָדער „פראָפעסאָר טשערניקוס“. בדרך כלל איז יעקב פרידמאַן געווען פול מיט אינערלעכן גלויבן אין אַ וועלט וואָס ווערט סוף כל סוף געפירט, ווי ער וואָלט געוואָלט גלויבן, מיט רחמנות און יושר. דאָס זעט מען קלאָר ווען מ׳לייענט זיינע לאַנגע שורות, די עפישע ווערק ווי „אָדם“, „נפילים“ און נאָך אַנדערע פאָעמעס. מיר

דערפילן דאַן די עלעמענטאַרע שפּערישע קראַפט, וואָס נעמט אונדז אַרום אַזוי ווי מיר וואָלטן נאָך אַ מאָל געלייענט דעם בראשית ברא פון חומש:

„האָט פרייד אַ זעץ געטאָן אין זיין בלוט
און ער האָט אַרומגענומען די ערד.
און דעמאָלט האָט ער דערפילט דאָס
ליכטיקע געזאַנג וואָס פליסט אין די
אָדערן פון דער וועלט.“

און אַ ביסל ווייטער לייענען מיר:

„ווי זיס אויפצוואַכן, עפענען די אויגן
און דערזען:
בערג אַרום און שטילע, שלאָפנדיקע
וועלדער,
און אין מיטן צווישן אַלע—דיך אַליין.
ווער ביסטו דאָרט? אַ פלאַנץ אַזאַ אַן
אויפגעבליטע?
צי אפשר וויסער שוים ביים ברעג פון
ים?
דו רייבסט די אויגן האַלב־וואַך און
האַלב־פאַרשלאָפן;
אַהאַ, אַ חילוק דען, אַבי דו ביסט פאַראַן.
דו ביסט פאַראַן, אַ שאַרך אַזאַ אין
אומענדלעכקייט פון רוימען,
אַ זינגענדיקער וואַסערפאַל אין מיטן
פון דער וועלט.

— — — — — — — — — — — —

ס'איז שטיל אַזוי...
דו פילסט די זיסע שיכרות פון דער
נאַכט
און ווי ס'באַהעפט זיך גאָט דורך דער
שיינקייט מיט דער וועלט?“

דאָס שיינע און דאָס ריטמישע אין דער וועלט האָבן געפאַנגען דעם דיכטער זייער יונג אין זיין לעבן. דער קאַרשנבוים וואָס האָט געבליט ביי זיין פענצטער, ווען ער איז נאָך אין זיין וויגל געלעגן, און די רויטע מאַלינעס וואָס זיינען געוואַקסן אין דעם נאָענטן וועלדל, האָבן גאָר פרי, נאָך אין זיין קינדהייט אים אַנטפּלעקט זייער שיינקייט און טעם. זייער שיינקייט האָט ער קיין מאָל ניט פאַרגעסן; זיי באַווייזן זיך גאַנץ אָפט אין זיינע פערזן, די רויטע קאַרשן און די רויטע מאַלינעס. אָט דער טיפער איינדרוק פון נאַטירלעכער שיינקייט געפּאָרט מיט דער גייסטיקער שיינקייט, וואָס יאַנקעניו — ווי זיינע אייגענע פלעגן אים רופן — האָט פון זיינע ערשטע טעג אָן אין זיך איינגעזאַפּט, האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט — ניט אין קאָנצענטראַציע לאַגער פון טראַנסדניסטריע, ניט אונטער די גראַטעס אין ציפּערן, ווי די ענגלענדער האָבן אים אויפן וועג קיין ישראל דאַן פאַרשפּאַרט, און אַוודאי ניט אין ישראל, וווּ ער האָט אַ לענגערע צייט געמוזט זיך אויפהאַלטן, צוזאַמען מיט אַנדערע עולים, אין די בלעכענע ביידלעך, די מעברות.

ערשט אין ישראל האָט זיך באמת צעשטראַלט זיין בלויער חלום אין פאַרבנרייכע בילדער פון יידישער אייגנאַרטיקייט אַרויסגעכישופט פון זיין זיכרון, פון זיין היים־סביבה, פון דורות און דורות גרויסע חסידישע יידן, וואָס האָבן געפורעמט און אויפגעהיט די יידישע מחשבה און געענערט דאָס האַרץ מיט תורה און קבלה, מיט אהבת ישראל, מיט ביטחון און עטישער שיינקייט פון ייד און מענטש. מיט זיין אינטואיטיוו געפיל ווייטן בליק און רייכן וויסן האָט ער שנעל באַנומען דעם גרויסן וווּנדער פון מדינת ישראל נאָכן שוידערלעכן חורבן. מיט אַ נייער ליידנשאַפטלעכער קלאָרקייט האָט ער דערזען ווי פון אונדזער צעבראָכנקייט ווערט צוריק אַן איינהייטלעכע גאַנצקייט. מיט דערפרישטע כוחות האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו מאָלן אין לעבעדיקע פערזן אָט די אויפגייענדיקע גאַנצקייט און המשכדיקייט. חלום און וואָר, די ראָמאַנטישע פאַרגאַנגענהייט און די ביטערע קעגנוואַרט מישן זיך אויס אין פאַרנעפּלטע וויזיעס פון אַ ליכטיקער צוקונפט. ווער עס האַלט די אויגן געווענדט צו דער גרויער ווירקלעכקייט און ווער עס קען דורכדרינגען די שווערע כמאַרעס צו דערזען דאָס פעדערן זיך פונעם העלן מאָרגן — ער, דער פּאָעט, גאָטס „לערביינגל“, זיצט אויף זיין שוועל פון דער מעברה און שרייבט לידער מיטן מאַנדלצווייג אויפן בלויען זאַמד:

„איך זיץ אויף מיין שוועל און שרייב
מיטן מאַנדלצווייג
אין בלויען זאַמד לידער.
די לבנה מאַכט זיי ראָמאַנטיש און זיס,
זי שיט אויף זיי אַראָפּ איר טרויעריקן
פלידער.
איך זיץ און שרייב מיטן מאַנדלצווייג
אין זאַמד,
און אַנטקעגן מיר, ווי אַ פאַרוואָגלטער
מלך פון אַ ווייטן לאַנד
זיצט דער בלינדער זכריה און ציילט
דאָס לייזעכץ פונעם טאָג
און יעדע מטבע זיינע קלינגט ווי אַ
פאַרכישופטער גלאָק
אויף אַ יאָגנדיקן שליטן אין אַן
אויסטערלעשער נאַכט.
באַרוועסע, מיט גרויסע טרויעריקע אויגן,
שוועבן אין צעשטערנטער פּראַכט
די תימנער ווייבער, און אין זייערע
אויסגעשטרעקטע הענט
פלאַטערט די וועש פון זייערע קינדער
אין לבנהדיקן בלענד.
זיי צעהענגען די ווייסקייט אויף שטריק
וואָס לייכטן ווי סטרונעס
פון אַ וווּנדערלעכן פידל.
אַלע געשטאַלטן, מיר דוכט, האָט גאָט
באַשאַפן,
כדי איך זאָל זיי פאַרוואַנדלען אין
סטראָפן פון מיין ליד.

— — — — — — — — — — — —

וויינט דער גרויסער מלך טרוימערלין,
נאָר יאַנקעלע קוועלט ווי אַ גאָלדענע בין,
וואָרעם ער קען די קונץ און דעם
ליכטיקן תענוג
פון דער אָרעמסטער קראָפּעווע צו זייגן
זיין האָניק.“

קומט זיין פריינד, „דער זשורנאַליסט פון תל אביב“, מיט אַ טענה צום פּאָעט פאַרוואָס ער פעלשט די ווירקלעכקייט:

„מיר ריידן פון פּאָעזיע און געזעצן פון
לידער־בוי.
ער האָט טענות צו מיר הלמאי איך
פעלש די ווירקלעכקייט,
מיינע לידער גיבן נישט איבער דאָס
לעבן פון דער מעברה
־עאַליסטיש גענוי.

דו פאַרווישסט, זאָגט ער פון דער קונסט
דעם אמתן שפּיגל.
די מעברה איז ביי דיר אַ קייזער־רייך,
און דער וואָרעם אין מיסט פאַרמאָגט
דימענטענע פליגל.“

נאָר דער פּאָעט האַלט זיך ביי זיינס:

„וואָרהאַפטיק, אַן אַלכעמיקער בין איך,
אַלע גרויע מיטוואָכלעך פון דער מעברה
שמעלץ איך איבער אין גינגאָלד פון
שירה.
יעדער פויגל אויף מיין דאָך
טראָגט אין שנעבעלע אַ דימענטענע
לירע.“

דאָס זיינען מסתמא די באַקאַנטע טענות פון די אייביקע „פּראָזאַיקער“, וואָס זיינען ווי צוגעבונדן צו זייער גרויער ווירקלעכקייט און קענען ניט אויפהייבן זיך אויף די פליגל פון זייער אָרעמער פאַנטאַזיע צו דערזען די העלע בערג פון מעגלעכקייטן וואָס שפּרייטן זיך אויס, צו באַנעמען דעם כהרף־עין, ווען אַלע דריי אַספּעקטן פון צייט — דער עבר, דער איצט און די צוקונפט — שיינען אויף ווי איין גורלדיקע גאַנצקייט אין לעבן, און נאָך דעם ווענדט זיך עס שוין בלויז אין מענטש גופא, וואָס זיינע ווייטערדיקע שריט זאָלן זיין. דאָס זיינען דאָך די שטענדיקע טענות קעגן די כלומרשטע ראָמאַנטיקערס פון דעם עבר און די וויזיאָנערן פון דעם באחרית הימים.

עס קען זיך אפשר דאַכטן אַז יעקב פריידמאַנס לידער זיינען סענטימענטאַליזירטע, ראָמאַנטיש באַפאַרבטע דערנערונגען פון אַ שוין־פון־פריער ראָמאַנטיזירט מעשהלע, וואָס פלעגט אים איינוויגן. די חסידישע מעשיות און מחשבות וואָס פלעגן צירקולירן אין זיין משפחה פון זעקס דורות רביים האָבן געוויס געהאַט זייער השפעה אויף דעם צאַרטן יאַנקעניו. נאָר ווי מיר וויסן פון די מאָגערע ביאָגראַפישע פּרטים זיינע, פון זיין רייכן ליטעראַרישן עזבון און פון דעם פאַקט, וואָס אַנשטאָט צו ווערן אַ חסידישער רבי, ווי ס'איז אים פאַרגעשטאַנען, איז ער גאָר געוואָרן אַ יידישער פּאָעט פול מיט לייד און מאַטערניש, פול מיט ספקות, ראַנגלענישן און גלויבן, וואָס דאָס רויע לעבן וואַרפט אַרויף אויף סענסיטיוו דענקענדיקע מענטש — פון דעם אַליין קען מען זיך אָנשטויסן, אַז זיין גאַנצע דערינערונגס ראָמאַנטיק איז דורכגעגאַנגען אַ סך קריטישע פאַזן. אָט די רעוויזיעס און איבערשאַצונגען זעען זיך שטאַרק אָן אין זיינע סובלימירטע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

צום ביישפּיל, אין איין פּאָעמע דערציילט יעקב פרידמאַן:

„שניי, שניי, לבנה־נעכט און שניי.
איך טו אין חלום פאָרן נאָך אַ מאָל
דורך זיי...

— — — — — — — — — — — —

אַז מען איז אַוועק זאָגן קדיש אין דער
גרויסער קלויז
בין איך נישט מיטגעגאַנגען: איך האָב
געפאָרכט זיך צו באַגעגענען דאָרט
מיט גאָט.
כ׳האָב געטראַכט: ער ווייסט שוין, אַז
אַנטפלעקט איז מיר דער סוד,
אַז ער, דער באַשעפער, וויל העלפן,
נאָר ער קען נישט...
און ער וועט געוויס זיך שעמען מיט זיין
אוממעכטיקייט.“
(פון „פראָפעסאָר טשערניקוס
לעבנסגעשיכטע“)

דאָס רעדט אייגנטלעך דער פּאָעט פרידמאַן אַליין דורך דער מויל פון, מסתמא, אַן אויסגעטראַכטן פּראָפעסאָר טשערניקוס. ווי שוין פריער אָנגעוויזן איז יעקב פרידמאַן געווען אַ קאָמפּליצירטער דיכטער מיט אַ סך „איכן“ וואָס ער האָט זיי געלאָזט זיך אויסדריקן דורך אַנדערע געשטאַלטן ספּעציעל באַשאַפן. אין אָט דעם פאַל, דאַכט מיר, רעדט זיך וועגן זיינע אייגענע ערשטע קינדער־יאָרן, ווען זיין פאָטער, דער רבי פון מילניצע, איז נפטר געוואָרן, ווען אַלץ איז נאָך געווען ווי אַ בלויער חלום...

אָבער אין אַן אַנדער פּאָעמע, „שניי אין מידבר“, זעען מיר דעם דיכטער ווי ער ראַנגלט זיך מיט אַלע זיינע רייפע און שטאַרקע גייסטיקע כוחות קעגן די מוראדיקע ספקות, וואָס האָבן אים ווי אַ בראַנדפייער אַרומגעכאַפּט:

„אויסטערליש, איז געמאָלט דען אַז חוץ
מיר האָט צו קיינעם דער סוד
נישט אַנטפּלעקט זיך? גאָט איז נישטאָ
מער?
גאָט, שריי איך, גאָט!
איך וויל נישט לעבן, אַז דו ביסט נישטאָ!

— — — — — — — — — — — —

דאָס לעבן אין מיר, ווי אַ טייך אונטער
אייזיקן פּאַנצער, נאָך ריזלט.
מיין חלום געדענקט נאָך גאָטס אָטעם
אין לעבעדיקן האַרץ פון די דורות.

גאָט איז נישטאָ, נאָר מיין האַרץ זינגט
צו אים:
הללויה!
גאָט איז נישטאָ, נאָר איך טאַנץ אין
מדבר פאַר אים:
הללויה!
גאָט איז נישטאָ, נאָר איך צעריס מיין
לייב פאַר בענקשאַפט צו אים:
הללויה!“

אויף אַזעלכע טיף־לירישע שורות, וואָס קומען ממעמקים, קען מען ניט זאָגן „ראָמאַנטיזם“, ראָמאַנטישע האַלוציאַנאַציעס. דאָ ווערט ראָמאַנטיזם אַ ליידיק וואָרט. איז דאַן אפשר מעגלעך אַריינצוטייטשן דעם ראָמאַנטיזם אין זיינע ווונדערלעכע פּאָעמעס ווי „יונתן“, „יונה הנביא און יונהלע שוסטער“, „רבי אברהם מלאכס חתונה“ אָדער אפשר גאָר אין „מלכות“?

ראָמאַנטיזם מיינט דאָך, אייגנטלעך, גלאָריפיצירן, באַפאַרבן, באַפּוצן אַזוי ווי מיט שמינקע, דעם עבר, אַז עס זאָל אַרויסקומען אַ „שיינער“ ליגן אין געשטאַלט פון אַ „געהויבענעם“ גרויסאַרטיקן אמת. ווען י. ל. פּרץ, למשל, האָט קינסטלעריש אַנטפּלעקט דאָס שיינע, דאָס עטיש ריינע ביי די ערשטע באמת גרויסע חסידישע וועגווייזערס, האָבן „ריינע“ פּראָזאַיקערס, טרוקענע „ליטוואַקעס“ אויך געטענהט, אַז דאָס איז צוגעטראַכטע, צוגעפּאַרבטע ראָמאַנטיק פון אַ באמת צוריקגעשטאַנענער, איבערגלייבערישער מחנה יידן, וואָס זיינען פאַרפירט געוואָרן פון ווונדערהיילערס, בעלי מופת, און נאָך דערצו אין אַ צייט ווען חסידות איז שוין געווען אין אַ צושטאַנד פון ירידה. נאָר ירידה צי נישט ירידה, צי אפשר טאַקע צוליב דער ירידה, האָט פּרץ געקענט דערזען, באַנעמען און אַנטפּלעקן דאָס וואָס אַנדערע פאַר אים האָבן גאָר נישט באַמערקט דאָס באמת גרויס און עטיש שיינע, וואָס איז געווען אין פולער מאָס ביי יענע ערשטע רביים וואָס ער האָט געמאָלן מיט לעבעדיקע קאָלירן.

פּרצעס „אויב נישט נאָך העכער“, ווי אַלע ווייסן שוין, איז געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ צירונג פאַר דורות און דורות. דאָס וואָלט אָבער קיין מאָל נישט געקענט געשען ווען זיינע



חסידישע דערציילונגען וואָלטן געווען בלויז ראָמאַנטיק, שמינקע צו באַפּוצן אַ „שיינעם“ ליגן כדי ער זאָל שיינען ווי אַ „וואַזשנער“ אמת.

די ירידה איז טאַקע געווען שטאַרק אָנזעעוודיק. פּרץ האָט דאָס אויך גוט געוווסט נאָך דאַן, און פרידמאַן האָט דאָס אויך גוט געוווסט אין זיין צייט. אויף אַ זייער סובטילן און קינסטלערישן אופן ברענגט פרידמאַן אַרויס אָט די ירידה אין זיין פּאָעמע „מלכות“, שוין אין ישראל געשאַפן, וועגן דעם ריזשינער רבין, זיין עלטער־עלטער זיידן. חסידות האָט שוין דאַן, אין דער צייט פון ריזשינער צדיק, געוויזן סימנים פון ירידה. די פירונג און די רבישע הייפן איז שוין געוואָרן אַזוי ווי אין די פריצישע הייפן־פּאַלאַצן. דער פדיון פאַר קוויטלעך און מופתים האָט זיך געהייבן העכער און העכער. דער רבי פלעגט שוין פאָרן ווי דער פּריץ אין גרויסע קאַטשן מיט פיר פערד „נאַשפּיץ“. די הלבשה און די הנהגה איז געווען וויטוויט פון דעם בעש״טס ליימענע כאַטקע און וואַסער־וועגעלע. פאַרן אָרעמאַן איז שוין געווען שווער צוצוקומען צום רבין, נישט געקוקט אויף דער אַלטער חסידישער איינשטעלונג, אָדער טעאָריע, אַז אָרעמקייט האָט אַ רעליגיעזן ווערט. וואָרעם די אָרעמעלייט — דאָס זיינען דאָך „די צעבראָכענע כלים פון הקב״ה, און די שכינה גופה איז אָרעם און אין גלות. און דאָ גאָר, אין די ווונדער־מעשיות וואָס האָבן גענערט פרידמאַנס קינסטלערישע פאַנטאַזיע, הערשט אין ריזשינער הויף שווילטאַג, עשירות, מלכות.

נאָר יעקב פרידמאַן דער פּאָעט האָט אויך געזען די עוולות פּונקט ווי די מעשים טובים, געזען דעם תהום פּונקט ווי דעם הימל און דאָך געמאָלט אַ ווונדערלעך שיין בילד, פול מיט ליכט און שאָטן, מיט אַלע שאַטירונגען און ניואַנסן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דעם רייכן חסידישן ריזשינער הויף, אין אַ לענגערער פּאָעמע „מלכות“. עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ דאָ צו ברענגען די נייטיקע אויסצוגן פון דער פּאָעמע, וועלן מיר זיך באַנוגענען בלויז מיט אַ געקירצטן אינהאַלט און אפשר עטלעכע שורות ציטאַטן אויך.

דער רבי הייסט דעם הויפנאַר, יאָסל זשאַב, שפּאַנען די קאַרעטע און אויך מיטנעמען די הויף־קאַפּעליע: „מיר׳ן פאָרן מחדש זיין דעם ערשטן שניי אין וואַלד.“ צו חצות באַוויזן זיך די ל״ו צדיקימלעך, וואָס מאַכן אַ חקירה ודרישה וועגן דעם רבינס מלכותדיקער הנהגה — אַ קרוין אויפן קאָפּ, מלחמה כלי־זין, גילדערנע שטיוועלעטן אויף די פיס — — —

„דער דרך איז, צו חצות אַ זאַק מיט אַש
צו טראָגן,
און דער רבי פון ריזשין, זאָל מוחל זיין,
טראָגט גאָר אַ קרוין.

ריזשינער רב, ווי אַזוי גייט מען עס
אין מיטן מיטוואָך
מיט באַגילדעטע שטיוועלעטן אַרום?
דאָרפסגייער שפּרייזן ביז די קעגכלעך
אין שניי און זאַווי,
אַ בולבע פאַר ווייב און קינדער אין די
פראָסט־נעכט זוכן גייען זיי,
און דו... דו ריזשינער צדיק, שפּרייזסט
מיט באַגילדעטע שטיוועלעטן!“

נאָר די לאַמעדוואָוניקעס קוקן זיך שנעל אַרום אַז די שטיוועלעטן האָבן ניט קיין זוילן, און אַז אין שניי פון צדיקס גאָרטן האָבן דעם צדיקס באָרוועסע פיס געלאָזט סימנים פון בלוט — טראָגן זיי זיך פאַרשעמט אָפּ. אין משך פון דער חקירה האָט זיך דער רבי פאַרשעמט פאַר זיינע מעשים און איז מקנא געווען די צדיקימלעך פאַר זייער ריינקייט און ענייוות. צוליב אָט דער זינד זיינער פון קנאה און גדלות האָט דער רבי געהייסן דעם הויף־נאַר אים אַריינצימבלען מלקות, זעקס און דרייסיק שמיץ. נאָך דעם האָט ער אַריינגערופן זיינע זעקס זין און זיי אָנגעזאָגט:

„בגדי מלכות באַשערט איז אייך צו
טראָגן,
נאָר געדענקט: אונטערן באַקלייד פון
פורפור און רובינען
דאַרפן ביטול היש און הכנעה טאָג און
נאַכט ברענען.
קרוין איז ניט קיילוין, קרוין איז עול,
טראָגט דעם עול מיט עניוות.“

ווען מען לייענט די גאַנצע פּאָעמע פאַרשטייט מען, אַז ניט דווקא צוליבן מוסר

השכל, צוליב דער מאָראַל פון דער מעשה האָט דער דיכטער דאָס געמאָלן, נאָר צו־ליב דער קינסטלערישער שיינקייט פון דער גאַנצער סיטואַציע. ער פּריידיקט נישט, ער מאָראַליזירט נישט, הגם ביי אַזאַ טעמאַטיק איז דעם יצר הרע גרינג צו פאַרפירן דעם דיכטער אין דער נעץ פון מאָראַל און מוסר השכל. נאָר דער קינסט־לער, דער אמתער דיכטער, ווייסט ווי אַזוי זיך צו ווערן קעגן אַזעלכע פאַרפירערישע דריידלעך. וואָלט יעקב פרידמאַן געהאַט די נייגונג צו מוסר וואָלט ער מסתמא גע־וואָרן אַ רבי, ווי זיין אויף קידוש־השם אומ־געקומענער ברודער אָדער ווי זיינע אָבות. געבליבן איז ער אָבער דער גרויסער יידי־שער פּאָעט.

פון אָט דער כלומרשט „ראָמאַנטישער" פּאָעמע טראָגן זיך אויך טענער און אָנ־צוהערענישן אויפן איצטיקן „מלכות" ישראל, הגם עס רעדט זיך דאָ בלויז וועגן אַ חסידישן הויף אַמאָל אין גאַליציע. בכלל איז אין אַלע דריי בענד זייער בולט דעם דיכטערס דראַנג אַריינצוברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס שאַפט זיך אַלץ מער און מער אין מדינת ישראל, דעם חרוב־געוואָרענעם אַלטן ישוב פון „גלות אַשכנז" און די גלאָריע וואָס האָט אַרויס־געשיינט פון דער דאָרטיקער „אָרעמאַנס־קער" יידישער ליטעראַטור. דער הייליקער ציטער און דער עטישער גייסט, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אָט דער ליטעראַטור און וואָס פרידמאַן האָט ממ־שיך געווען אין ישראל, זעט זיך קלאָר אַרום אין אַלע זיינע 3 בענד. נאָך מער און פאַרקערט האָט ער אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אַלוועלטלעך, ווייל אויסגעשפּרייט אויף אַלע קאָנטינענטן, אַריינגעברענגט, אפשר מערווי טייל אַנ־דערע, דעם גייסט און דעם געמיט פון קיבוץ גליות אין ישראל. אויך אין דעם איז געלעגן זיין גרויסקייט, צו שילדערן ישראל אין שפּיגל פון „גלות" און צו פילטרירן דאָס פון פריער־ווערטפול גע־שאַפענע אין שפּיגל פון ישראל. דאָס הייסט אמתער המשך.

די קעגנוואַרטיקע קיסטלערישע שאַ־פונג איז כולל דאָס בעסטע פון נאַציאָנאַלן עבר און גיט אימפעט און זין דעם המשך. וואָרעם פיל דערשיינונגען זיינען אייגנ־אַרטיק גראָד מיט זייער ווידערהאָלונג, מיט זייער איבערחזרונג, אין וואָסערע פאָרמען זיי זאָלן זיך נישט באַווייזן. דער אַנטיסעמיטיזם איז איין ביישפּיל. דער דראַנג צו שיבת ציון איז אַ צווייטער און די גרייטקייט צו קידוש השם ביי גרויסע טיילן פון פאָלק איז אַ דריטער ביישפּיל פון אַזעלכע דערשיינונגען.

אָט נישט לאַנג צוריק האָט גאָלדע מאיר זיך אויסגעדריקט, אַז ישראל איז גרייט מוחל צו זיין די אַראַבער פאַר אַ סך פון זייערע פאַרברעכנס, נאָר פאַר איין זאַך וועט מען זיי קיין מאָל נישט פאַרגעבן: פאַר צווינגען די יידן פון ישראל צו הרגע־נען, עובר צו זיין דעם זעקסטן געבאָט — לא תרצח!

יעקב פרידמאַן, וואָס האָט פאַרהייליקט די שיינקייט פון לעבן, פלעגט אין זיינע לידער אָפט זיך אומקערן צו אָט דעם געבאָט, צי דאָס איז געווען בשייכות מיטן טראַנסדניסטריער קאָנצענטראַציע לאַגער, צי בשייכות מיטן זעלבסטשוץ אין ישראל. לאָמיר נעמען עטלעכע פערזן פון איין ליד אין קאָנצענטראַציע לאַגער און עטלעכע פערזן פון ישראל: „דער מקובל פון סטרי" און די פּאָעמע „יונתן" פון ישראל. סטרי שטאַרבט אויף קידוש השם און דער סטריי־ער רבי, דער מקובל, לערנט זוהר. ער טוט תפילה, געזעגנט זיך מיט פייגל און מאַכט זיך גרייט פאַרן אומקום אָן טענות און תרעומות צום באַשעפער, צו קיינעם:

„אַז דיר, טאַטע, איז ליב, איז מיר ליב
און ניחא.
אויבס'איזדייך רצון אַזוי אין יעדן דור,
יעדן דור,
הער־זשע באַשעפער מיין תפילה:
זאָל בעסער אונדזער בלוט זיין
פאַרגאָסנס
איידער מיר פאַרגיסערס חלילה.

— — — — — — — — —

אַז דער מקובל פון סטרי איז מקדש השם פרעגט ער נישט קיין שאלות ביים טאַטן."

די ליידן און די האָפנונגסלאָזיקייט פון יידן אין די לאַגערן און די כמעט אַבסאָ־לוטע אוממעגלעכקייט פון רעוואָלט, פון קאַמף, פון זעלבסטשוץ זיינען ווייל באַ־



קאַנט. זייער גורל איז געווען פאַרזיגלט ווי אַזוי מען זאָל דאָס ניט טייטשן. און עס קענען ניט זיין קיין טענות צום מקובל פאַרוואָס ער האָט ניט געהייסן קעמפן קעגן די מערדערס אָנשטאָט אָנצונעמען פאַר ליב און ניחא דעם רצון פון באַשעפער. דער געבאָט פון „לא תרצח" איז פאַר אים געווען הייליק און דעריבער האָט ער געטאָן ווי זיין געוויסן האָט אים דיקטירט. דער דיכטער מישט זיך דאָ ניט אַריין מיט קיין מוסר. ער שילדערט בלויז אַ ייד וואָס טוט אַזוי ווי זיין „איך" הייסט אים.

בשייכות מיט ישראל איז אָבער דאָס פּראָבלעם מיטן לא תרצח עטוואָס אַנ־דערש. דאָ זיינען שוין פאַראַן מעגלעכ־קייטן פון קאַמף, פון לעבן. דאָ איז שוין מעגלעך אַ געראַנגל מיטן אייגענעם גע־וויסן. יונתן איז אַ גערטנער אין ישראל. ביי אים אין הויז קומט פאַר אַן אסיפה פון זייער זעלבסטשוץ, וועגן די מערדע־רישע אָנפאַלן פון די אַראַבער און יונתן ווערט באַשטימט אָנצופירן מיט איינע פון די זעלבסטשוץ אָפּטיילונגען אָפּצו־שלאָגן די אַראַבישע אָנפאַלן.

„חברה! ברומט אַריה צבי, אַראַבישע
קוילערס הפקר מ'עט לאָזן?
יעדע נאַכט אַן אַנדערן שומר געפינט
מען אַ טויטן אין די גראָזן.
נאָר יונתן טוט עפּעס פאַרטייעט אַ ברום.
ער האָט אַזאַ טבע...

דו מיינסט, לאַכט זיינוול גלילער...
וויל ווויל, האָסט פיינט, ברודער, די
עבודה פון ממיתן.
איז פרעג איך דיך: און געממיתט ווערן
— איז באַטעמטער?

יונתן מוז איצט דעם רעיון צעקייען:
„פאַרטיליק אָדער ווער פאַרטיליקט."
„ווער האָט דעם דאָזיקן דין איבער
דורות פאַרזיגלט?
— — — — — — — — — —

גאָט איז אי אַ שווערד אי די לירע.
און בחירה? דעם בן־אָדמס בחירה?
די קרוין פון רחמים דאַרף מען דורך
אַלע נסיונות
אַ לויטערע דערטראָגן.
און אויב אין יעדן דור דאַרף בלוט זיך
גיסן, באַשאַפער,
זאָל בעסער מיין בלוט זיין דאָס
פאַרגאָסענע
איידער איך דער פאַרגיסער, חלילה."

אַזוי צעקייט יונתן דעם רעיון. דאָס זיינען אָבער די רייד פון זיין פעטער דעם מקובל פון טלויז, וואָס קומט אים צו חלום. נאָר יונתן בלייבט נאָך אַלץ ניט איבער־ציגט און פרעגט זיך אַליין:

„און אויף אייניקלעך לייבלעכע איז
נישט שייך רחמנות?"
יונתן רייסט אָפּ אַ פּרי פון זיין גאָרטן און איז טועם. און בשעת ער עסט, דוכט אים:
„אַ קאַרליקל טאַנצט אין זיין האַרץ
און גלעקלט: ככל הגויים..."

אָט דער אינערלעכער געראַנגל וואָס ווערט קעגן זייראייגענעם ווילן אַרויפ־געצוווּנגען אויף דער יידישער יוגנט אין ישראל, איז געוויס ניט ווינציקער טראַ־גיש ווי דער אויבן־אויף „פּאַסיווער" גע־ראַנגל פון דעם סטריער מקובל אין טראַנסדניסטריער לאַגער. ביידע פאַלן זיינען דער אויסדרוק פון יידישער גע־שיכטלעכער דערפאַרונג, וואָס דער דיכ־טער שפּיגלט אָפּ אין זיינע לידער.

די וווּנדערלעכע שילדערונגען וואָס יעקב פרידמאַן האָט מיט אַזאַ פּאָעטישער קראַפט אַרויסגעכישופט פון זיין אייגענעם זיכרון, פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען אין די חסידישע הייפן פון גאַליציע, שפּע־טער טראַנסדניסריע און צום סוף אין ישראל, זיינען ווערט געלייענט צו ווערן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. זיי טראָגן אין זיך די פּאָטענץ פון שעפערישער נאָכ־פאָלגערשאַפט, פון המשך, פון נייע שאַ־פערס אין אונדזער יידישער ליטעראַ־טור סיי אין מדינת ישראל און סיי אין די תפוצות פון דער גרויסער וועלט. זיי זיינען פול מיט שיינקייט, מיט פּראַכט און טיפן ווערטפולן יידישן אינהאַלט. זיי פאַרענטפערן דעם דיכטערס אייגענע פראַ־געס וואָס מיר האָבן אַוועקגעשטעלט גלייך ביים אָנהייב, צי זיינע לידער מיינען עפּעס און צי דאַרפן לידער עפּעס מיינען. יאָ, זיי מיינען פאַר אונדז זייער אַ סך.

ס. שניאור

# יהודה עלבערגס „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט"*)

וואָס מער מיר דערווייטערן זיך אין צייט פון אונדזער גרויסן חורבן אַלץ בעסער און רייפער קומען אַרויס די היינטיקע קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס שילדערן יענע פינצטערע קאַטאַסטראָפישע תקופה. עס מערקן זיך סימנים, אַז דער שרייבערישער כוח הדמיון, וואָס איז לאַנג געווען איבערגעוועלטיקט פון דער שרעק־ווירקלעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו באַפרייען פון אָט דער שרעק און פרווות געפינען אויסדרוק נישט נאָר אין פשוטע זכרונות, קורצע סקיצן און פּאָעמעס, נאָר טאַקע אין גוטער לענגערע פּראָזע, נאָוועלעס און ראָמאַנען. יהודה עלבערגס ראָמאַן „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז אַ גוטער סימן.

פאַר שרייבערס, וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט דעם חורבן, איז מן הסתם שווער זיך צו האַלטן אין די גרענעצן פון ריין קינסטלערישער שילדערונג. די קאָשמאַרן פון דער ווירקלעכקייט שטייגן נאָך אַלץ איבער די פינצטערסטע פאַנטאַזיעס. די שוידערלעכע אַכזריות פון טייל מענטשן פּונקט ווי דער הערלעכער העראָיזם פון אַנדערע זענען נאָך אַלץ די נאָענטע באַגלייטערס און שאָטנס פון דמיון. ביידע שטייגן איבער די מענטשלעכע פאָרשטעלונג און דערפאַרונג. ס'איז קאָנטיק אַז יהודה עלבערגג האָט זיך שוין באַפרייט — אויף וויפל דאָס איז פסיכאָלאָגיש מעגלעך — פון יענע קאָשמאַרן־ווירקלעכקייט און קאָן שוין איר שילדערן אין די ראַמען פון קינסטלערישער געצוימטקייט און איינגעהאַלטנקייט. אָט די געצוימטקייט דאַרף נאַטירלעך נישט שטערן דעם קינסטלער צו שילדערן ווי געהעריק די פיינלעכע און אומגלייבלעכע איבערלעבונגען און עס צווינגט אים אויך ניט אַריבערצושפּרייזן די דערדריקנדיקע און האַרץ־רייסנדיקע טראַגיק, וואָס דאַרף זיין דער אינהאַלט פון דער שילדערונג.

*) „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" פון יהודה עלבערג, ראָמאַן, מאָנטרעאַל, 1975.

די דערדריקטע שטימונג פון חורבן און אומקום, וואָס מען האָט געקענט דערוואַרטן פון אַזאַ ראָמאַן, ווערט בעתן לייענען דאָס בוך פאַרביטן מיט אַן אויפגייענדיק געפיל פון יראת הכבוד, פון אַכפּערונג, פון אַ נשמהדיקער אידענטיפיקאַציע מיט יענע ייִדן, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייער שווערן גורל פון בעסטיאַלישער אַכזריות און מענטשלעכן העראָיזם. זיינע איינגעהאַלטענע שילדערונגען דערהייבן דעם לייענער מיט דער איבערמענטשלעכער גבורה, וואָס זיינע פשוטע ייִדישע מענער און פרויען, קינדער און זקנים ווייזן אַרויס ביים ראַטעווען זיך און זייערע נאָענטע בכדי איבערצולעבן די נאַציש בעסטיעס — איבערצולעבן סיי ווי יחידים און סיי ווי אַ פאָלק.

אָט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, דאָס וויסן אַז דער חורבן איז נישט נאָר אַ פּערזענלעכער נאָר טאַקע איבערהויפּט אַ נאַציאָנאַלער, איז, לויט אַלע אינפאָרמאַציעס, געווען זייער שטאַרק ספּעציעל ביי די פּוילישע ייִדן. מיט אָט דעם געפיל האָבן זיך אויך אָנגעשטעקט די אַנדערע — די דייטשישע, די טשעכישע, די גריכישע ייִדן — וואָס האָבן אויסגעפילט די געטאָס און די לאַגערן. דער דראַנג איבערצולעבן איז געוואָרן זייער שטאַרקסטער סטימול און האָפענונג צו קענען אויסהאַלטן די טויטלעכע געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף זיי פון אַלע זייטן, אויף יעדן און אויף אַלע ייִדן.

לויטן פאַרנעם פונחורבן איז דער סיפור המעשה פון ראָמאַן נישט צו קאָמפּליצירט. די געשעענישן, הגם שוידערלעכע, אַנטוויקלען זיך אין אַ באַשטימטער אָרדענונג. אפילו דער איבערפלוס פון צופאַלן וואָס טרעפן זיך מאַכן אויך דעם איינדרוק אַז זיי זיינען אין אָרדענונג, וואָרעם אין אַ קאַטאַסטראָפישער צייט, אין אַ חורבן־צייט זענען מסתמא נישטאָ קיין איבערראַשונגען — ס'איז איין גרויסע אומאויפהערלעכע איבערראַשונג. אַלץ איז מעגלעך, דאָס אומגלויבלעכע און דאָס אויסטערלעשע און



אפילו ניסים אויך. דאָס נאָרמאַלע פאַרשווינדט און אַלע געשעענישן ווערן ריינער צופאַל. די איינצלהייטן פון דעם סיפור המעשה זיינען אין תוך נישט קיין נייע. דער אומגליק און די צרות זיינען גוט באַקאַנט. וואָס ס'איז ניי איז יהודה עלבערגס אייגנאַרטיקע קינסטלערישע שילדערונג פון די געשעענישן.

קודם כל איז דאָס אַ קאָנצענטרירטע שילדערונג פון דער וואַרשעווער געטאָ און באַזונדערס פון איין משפחה, די שיע העשל משפחה פון רבנישן יחוס. דאָס אַליין באַשטימט שוין אייגנטלעך דעם כאַראַקטער פונעם ראָמאַן און די גרענעצן פון דער אַנטוויקלונג. אונדזער נייגער און שפּאַנונג מוזן זיך במילא קאָנצענטרירן אַרום אָט דער משפחה, אַרום דעם ייִנגל יאָסעלע און זיין מאַמע גאָלדע. וואָרעם די אַנדערע פון דער משפחה זענען אומגעקומען גלייך ביים אָנהייב. גאָלדע האָט זיך געראַטעוועט צופעליק דורך דעם וואָס זי האָט, נישט וויסנדיק, פאַרבלאָנדזשעט צו די גאַזקאַמערן און ס'איז איר געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן. דאָס אַליין איז אַ נס. און יאָסעלע האָט זיך אויך „צופעליק" געראַטעוועט דורך דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ גויִיש געשטופּלט פנים, אַן איבערבלייבעכץ פון דער פּאָקן־קראַנקהייט. האָט ער שוין ווי עס איז זיך געקענט באַוועגן ווי אַ שייגעץ אויף דער אַרישער זייט. זיין מאַמע האָט אויך געהאַט „מזל" מיט איר פנים, אַ בלאָנדן קאָפּ האָט זי געהאַט, האָט זי געקענט שפּעטער אַרומבלאָנקען פאַרשטעלט ווי אַ משוגענע גויע.

האָבן מיר דאָ צוויי כאַראַקטערן מיט אַן אייגנאַרטיקע ביאָגראַפיע, וואָס בעטן זיך געשילדערט צו ווערן. און ביידע פאַרמאָגן אַ שטאַרקן דראַנג איבערצולעבן דעם חורבן.

ביידע האָבן פּאָזיטיווע כאַראַקטערשטריכן און ווערן טאַקע אַזוי געשילדערט. זיי געווינען און פאַנגען גלייך פון אָנהייב אונדזער מיטגעפיל און האַרציקע ליבשאַפט — יאָסעלע, צוליב זיין אויסערגעוויינטלעכע איבערגעגעבנקייט צו זיין שוועסטערל חנהלע, אַ מיידעלע פון פיר־פינף יאָר, וואָס קען זיך ניט פאַרשטעלן פאַר אַ שיקסל, ווייל איר ייִדיש פנים וואָלט איר גלייך געמסרט; און גאָלדע, זיין מאַמע, געווינט אונדזער דרך ארץ און ליבשאַפט צוליב איר מוטערלעכער געטריישאַפט, איר פאָלקסטימלעכקייט, איר אויסדויער און לסוף, ווען זי ווערט דער סימבאָל, אַזוי צו זאָגן, פון אויסדויער און ביאָלאָגישן המשך, טאַקע נישט מיט איר פריערדיקן מאַן, שיע העשל, וואָס איז אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן, נאָר מיט הערצקע קצב, אַ פּראָסטער אָבער גוטער ערלעכער ייִד, וואָס האָט איר בוכשטעבלעך געראַטעוועט. ווערט שוין במילא אונדזער פרייד פאַר איר געמישט מיט טרערן.

זי ראַטעוועט זיך. זי האָט נאָך אַ מאָל חתונה. זי געבערט אַ מיידעלע, אַ „ניי" חנהלע. פאַרשווענגערט ווידער און אויפן שיף קיין פּאַלעסטינע, ווען יאָסעלע פאַלט אַ קרבן פון נייעם שונא, די ענגלענדער, געבערט זי אַ ייִנגעלע, אַ „ניי" יאָסעלע. דאָס דאַרף זיין דער סימבאָל פון ביאָלאָגישן המשך און פון נצח ישראל, די אייביקייט פון ייִדישן פאָלק.

מיט יאָסעלעס אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און „פּערזענלעכקייט" באַקענען מיר זיך גלייך ביים אָנהייב. ער איז אַ „צוואָניאַק" (כיטרע קלוג) — האָט זיין מאַמע געזאָגט אויף אים, ווען זי פלעגט זען ווי געשיקט און קונציק ער גנבעט זיך אַריבער אויף דער אַרישער זייט און שמוגלט מיט קליידער און ברענגט צוריק עסנוואַרג. יונג ווי ער איז נאָך געווען איז גאָלדע שוין געווען זיכער אַז יאָסעלע וועט שוין געפינען אַ וועג ווי צו היטן חנהלען, ווען מ'עט דאַרפן „לויפן". אין די ערשטע טעג פון דער געטאָ פלעגט נאָך זיין טאַטע, שיע העשל, אַ העברעישער פּאָעט און פון רבנישן יחוס, אַליין לערנען מיט אים אַ פסוק תנ"ך און אָנקוועלן ווי שנעל זיין בן־יחידל באַנעמט עס יעדעס וואָרט. איין מאָל ביים פאַרטייטשן אַ פסוק פון ישעיה — איכה היתה לזונה קריה נאמנה — „ווי אַזוי איז די געטרייע שטאָט געוואָרן אַ זונה?" — טוט יאָסעלע אַ פרעג:

„טאַטעשי, וואָס איז אַ זונה?" — וואַרט נאָך, שון... כ'וויס שוין, טאַטעליו, כ'וויס שוין וואָס עס מיינט."

„דו ווייסט? פון וואַנען ווייסטו?" — טוט דערטאַטע זיך אַ כאַפּ — מיט וואָס פאַראַ חברים שלעפּסטו זיך אַרום?"

די מאַמע האָט געזען ווי דאָס ייִנגל וואַקסט אַ כוואַט, אַ צוואָניאַק, און דער טאַטע האָט זיך געשראָקן, וואָס ס'וועט פון אים איצט ווערן. „דאָס פּנים איז טאַקע נישט גוט אָבער דאָס קעפּל אַרבעט" — האָט דער פאָטער געטראַכט.

ווען דאָס לעבן אין דער געטאָ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, ווען די געטאָ האָט שוין געברענט, האָט יאָסעלע גענומען חנהלען, זיין פינף יעריק שוועסטערל, אונטער זיין שוץ און זיך אַרויסגעגנבעט אויף דער אַרישער זייט. פאַרשטעלט ווי אַ שייגעץ האָט ער געפונען באַהעלטעניש אין אַ דאָרף. יאָסעלעס געטרייע, איידעלע און ציטערדיקע איבערגעגעבנקייט צו זיין שוועסטערל אין באַהעלטעניש אויפן שטאַל־בוידעם; זיין קלוגער אויפפיר און אָפּגעהיטקייט, אַז די גויים זאָלן ניט חושד זיין, אַז ער איז אַ ייִדיש קינד און באַהאַלט נאָך אויס זיין שוועסטערל מיט וועמען ער טיילט זיין אָרעמען ביסן, פאַרכאַפּט דעם לייענער מיט דער צניעותדיקער העראָישקייט אונטער אַזעלכע אוממענטשלעכע און אומגליקלעכע באַדינגונגען.

די עטלעכע קאַפּיטלעך אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון אָט די צוויי קינדער אין דאָרף, די אומגלייבלעכע אַנטיסעמיטישע שטימונגען פון די פּויערים, וואָס האָבן פאַר דור־דורות געלעבט, געהאַנדלט און געקעמפט צוזאַמען מיט ייִדן; זייער צוריקגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט, זייער לעבנסשטייגער און איבערגלויבן; זייער אומפאַרשעמטע פרייד, ווען זיי האָבן געקענט אָנווייזן די דייטשן אוי,ף אַ באַהאַלטענעם ייִד און צוזען ווי ער ווערט גלייך אויפן אָרט דערשאָסן — אָט די קאַפּיטלעך זענען וווּנדערלעכע מוסטערן פון צאַרטער גוט־געשריבענער פּראָזע. ס'איז גוטער לייען־מאַטעריאַל פאַר די עלטערע קינדער פון אונדזערע שולן.

„אַ ווינטל איז אָנגעקומען ווי אַן אויסשפּירער, אַ ריס געטאָן אַ שינדל אויפן דאַך, אַ וויג געטאָן אַ פּלויט, אויסגעפּרובירט ווי פעסט ער האַלט זיך אויף די ווינקל־קלעצער. דאָס ווינטל האָט זיך אָפּגעטראָגן. דער פּלויט האָט ווייטער געדרימלט אָנגעלענט אויף די צעפוילטע קלעצער... אַ ביסל שפּעטער האָבן אַ כאַפּטע ווינטן פּלוצים זיך אָפּגעריסן ווי הינט פון דער קייט און אָנגעלאָפן מיט אַ ווילדן געוואָי. דער פּלויט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך איבערגעקערט. אַ פענצטער איז אויסגעריסן געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן מיט אַ געבראַזג פון צעבראָכן גלאָז. אַ לאָדן האָט אויפגעפּראַלט און האַסטיק געשלאָגן זיך אין דער וואַנט. אַ דאַך האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַ הייב געטאָן אין דער לופטן און אַנטבלויזט דעם בוידעם.

יורעק האָט פאַרשטאָפּט די לעכער וווּ דער ווינט האָט אויסגעריסן שינדלען אין דאַך. ער איז צוגעקומען צו חנהלען: ‚האָב נישט קיין מורא, חנהלע, אונדזער דאַך איז שטאַרק.' ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך זיין קורטקע און צוגעדעקט חנהלען. איר קאָפּ גליט, די אויגן גליִען און די פיס קאַלט ווי אייז. חנהלע איז קראַנק."

עלבערגס אופן פון דערציילן, זיין סטיל, איז זייער בילדלעך און קלאָר, דינאַמיש און אינטערעסאַנט. דאָס העלפט אַ סך אָנצוהאַלטן די געשפּאַנטקייט ביים לייענער נישט פאַרמינערנדיק דערביי קיין האָרעלע פון דער טויטלעכער ערנסטקייט און הייליקן ציטער וואָס שוועבט איבער די בלעטלעך פון בוך. אָט די נייטיקע שטימונג גיט זיך עלבערגן איין צו שאַפן דורך זיין קינסטלערישער נייגונג צוריקצוגיין פון צייט צו צייט אין דער פאַנטאַזיע פון זיינע העלדן צו זייער פריערדיקן מענטשלעכן לעבן. ווי גאָלדע אַליין באַמערקט טאַקע ווען זי געפינט אַ פאַרבלאָטיקט פּיצל שפּיגעלע. זי לייגט עס אַריין אין איר בעטלער־זאַק, ווי עס וואָלט געווען אַן אבן־טוב און ווען זי קומט צו איר פינצטערער נאָרע, צו איר באַהעלטעניש אין וואַלד, דאַרף זי שוין נישט דאָס פאַרבלאָטיקט שפּיגעלע. מיט פאַרמאַכטע אויגן אין דער פינצטער קען זי זיך בעסער זען אין איר דמיון, זיך און איר מאַן שיין מיט די קינדער, אַמאָל אַמאָל... ווען... עס גיט איר כוח אויסצוהאַלטן, איבערצולעבן...

אויף אַזאַ אופן קען אויך דער שרייבער קינסטלעריש אָפּערירן מיט די ליכט און שאָטן זייטן, מיט די פינצטערע און העלערע מאָמענטן און דאָך זיך



האַלטן נאָענט צום קינסטלערישן אמת. דאָס שאַפט אַ מעגלעכקייט סיי פאַר די העלדן פון בוך און סיי פאַר די לייענערס אַרויסצוקריכן פון דער טעמאַטישער פינצטערניש און אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון אָט די מוראדיקע פּאַסירונגען וואָס ער שילדערט.

און די פּאַסירונגען שילדערט יהודה עלבערג מיט אַזוי פיל האַרץ, פאַרשטאַנד און טאַלאַנט; אַזוי אַנאַליטיש צעגלידערט, מיט אַזוי פיל נייטיקע איינצלהייטן. דאָך פילט מען נישט די שווערע מאַסע פון דעם באַרג דעטאַלן. דאָס איז אפשר דערפאַר, וואָס ער קען אַזוי מייסטערהאַפט סומירן אין אַ קורץ סינטעטיש בילד דאָס וואָס ער האָט שוין פריער דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן. צום ביישפּיל, ביים סוף פון ערשטן טייל סומירט ער דאָס גאַנצע אין אַ קורצן דיאַלאָג, כמעט אָן ווערטער, ווי בלויז אויפן ווונק, צווישן יאָסעלען, בעת ער כאַפּט אַ דרימל, און זיין אומגעקומענעם זיידן, וואָס קומט אים צו חלום:

— יאָסעלע?

— איך בין יורעק קאָוואַלסקי!

— יאָסל!

— ש...ש... אוי זיידעשי, דאָס ביסטו?

— וווּ איז חנהלע?

— צוערשט האָט עס געטראָפן דעם טאַטעשי...

— וווּ איז דער טאַטעשי?

— אין טרעבלינקע פאַרגאַזט.

— נענאַ?

— צוזאַמען מיטן טאַטעשי... זיי האָבן...

— די מאַמעשי?

— געבליבן אין געטאָ.

— חנהלע?

— חנהלע איז אַרויס. כ'האָב זי אַרויסגעשמוגלט פון געטאָ.

— וווּ איז זי?

— ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע צו דערציילן. און דער זיידעשי?

— פאַרגאַזט אין טרעבלינקע.

— און דער פעטער מאיר?

— דערשאָסן אין גאַס.

— מינדעלע?

— דערשאָסן ביי דער אַרבעט אין קינדער־שפּיטאָל.

— און חנהלע, געשטאָרבן אין בעט פון אַ קרענק? געלויבט דער אויבערשטער!

דאָס איז דער טרויעריקער סך־הכל פון דער גאַנצער משפּחה!

יאָסעלע האָט דאָ נעבעך געהאַט אַ טעות. ער האָט געמיינט אַז זיין מאַמע איז געבליבן אין געטאָ און דאָרט מסתמא אומגעקומען. ניין, זי האָט גאָר „פאַרבלאָנדזשעט" קיין טרעבלינקע. בלויז דורך איבערמענטשלעכע כוחות האָט זי זיך פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט — ווי עלבערג שילדערט אַזוי נשמהדיק און מייסטערהאַפט מיט אַלע איינצלהייטן — און אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער און דערפער ווי אַ משוגענע גויע. „צו וואָס לעבט עס אויף דער וועלט?" — הערט זי גויים פרעגן. נאָר זי ווייסט צו וואָס: איבערצולעבן די נאַצישע בעסטיע און צו געפינען דורך אַ נס פון הימל, אירע דריי קינדער און מאַן!

גאָלדע, יאָסעלעס מאַמע, פּונקט ווי יאָסעלע, איז קלוג, פאָלקסטימלעך, מיט אַ שטאַרק־אינסטינקטיוון געפיל זיך צו ראַטעווען, איבערצולעבן. מיט אָט דעם שטאַרקן ווילן שטעקט זי אָן און שלעפּט מיט אויך אַנדערע. ווען זי איז אַנטלאָפן פון טרעבלינקע האָט זי אויך מיטגעשלעפּט, בפירוש מיטגעשלעפּט נאָך אַ פרוי, וואָס איז שוין געווען אין גאַנצן רעזיגנירט צו איר גורל און פשוט נישט געהאַט קיין כוח צו אַנטלויפן, האָט גאָלדע זי געמונטערט און מיטגעשלעפּט. ביידע זענען געלאָפן מיט אַ ווילדן אימפּעט, נישט וויסנדיק אפילו וווּהין און צו וועמען.

און שפּעטער, אין יענע פינצטערע און קאַלטע טעג און נעכט פון לויפן און זיך אויסבאַהאַלטן פון דייטשישן און פּוילישן שונא, ווען הערצקע, אויך אַ געיאָגטער ייִד, האָט איר געפונען אין וואַלד אַ פאַרחלשטע, אַ געפרווירענע, אַזוי ווי אַ ווילדע חיה און האָט זי מיט אַלע זיינע כוחות גענומען העלפן, צוריקברענגען צום לעבן, האָט ער דאָס אויך געטאָן מיטן זעלבן גייסט און ווילן איבערצולעבן.

אַזעלכע האַרציקע שילדערונגען דערהייבן דעם לייענער. אַזעלכע שילדערונגען לאָזן אונדז וויסן אַז דער מענטש איז נישט קיין חיה, אַז די דייטשן האָבן פאָרט נישט געקענט פאַרוואַנדלען די ייִדן אין אַ סטאַדע חיות. אַ שטאַרקער מיטגעפיל און איבערגעגעבנקייט פון איינעם צום

אַנדערן האָבן באַהערשט די דערדריקטע און פאַרפייניקטע, די געיאָגטע און פאַרשטעלטע.

מיט אַ באַזונדערער פּאָרזיכטיקייט און איידלקייטווערט אָט די איבערגעגעבנקייט געשילדערט אין יענע טיילן פון בוך, וואָס דערציילן וועגן יאָסעלעס שפּעטערדיקן לעבן אויף דער אַרישער זייט צוריק אין וואַרשע, צווישן אַ גרופּע יידישע קינדער פאַרשטעלט ווי שקצים און שיקסעס, גאַסן־קינדער, שמוגלערס, וואָס האָבן אויסצושטיין אַלערליי צרות פון די אמתע גויישע קינדער, וואָס פאַרדעכטיקן זיי אַז זיין זענען „זשידעס". געשלעגן און מסירות, פּלאַנירטע איבערפאַלן און געמיינשאַפטלעכע אַקציעס פון די יידישע קינדער צו העלפן איינס דאָס אַנדערע וועקן און האַלטן אויף די האָפענונג איבערצולעבן. נאָר אַ שווידער גייט דורך פון יענע שילדערונגען אין שייכות מיטן וואַרשעווער פּוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944, ווען די רוסן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען לובלין. יידן וואָס האָבן געלעבט אויף דער אַרישער זייט האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען אין דעם אויפשטאַנד, געוועזענע אָפיצערן, דאָקטוירים און אויך יאָסל־יורעק צווישן זיי. זיי האָבן פאַרנומען די געפערלעכסטע פּאָזיציעס אין דעם אונטערערדישן קאַמף, אין דעם לאַבירינט פון פינצטערע קעלערס און קאָרידאָרן. גייט דאַן אַרום דער וויצע־קאָמענדאַנט ווילק, אַ ווילדער אַנטיסעמיט, מיטן רעוואָלווער אין זיין האַנט, און ווי ער דערזעט אַ יידיש פנים שיסט ער אויפן אָרט. צו יורעקן זאָגט ער אַזוי, מעשה העלד:

„זיי קריכן אַרויס פון די לעכער ווי די מייז. מען ווייסט שוין אַז די קאָמוניסטישע רעגירונג אין לובלין איז פול מיט זיי. אַז וועסט עלטער ווערן וועסטו פאַרשטיין: זיי זענען שונאים, די זשידעס, אַלע זשידעס."

און יאָסל־יורעק האָט געמוזט שווייגן.

אין אָט דעם שווערן געראַנגל האָט יאָסעלעס כאַראַקטער זיך אויספאָרמירט. כדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן האָט ער געמוזט ריזיקירן און שמוגלען מיט עסנוואַרג, גרינסן, אַ שטיקל פוטער, קעז און און טייל מאָל אויך אייגן געבאַקן ברויט, וואָס ער פלעגט ברענגען פון דאָרף און פאַרקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק.

שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג ווערט ער איינער פון די גאָר גרויסע שמוגלערס אין שטעטין, אין פּראַג, אין בערלין. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס ער קאָן טאָן, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט.

דער פאַקט, וואָס ער ריזיקירט, ער ברעכט דאָס געזעץ און גראָבט אונטער די דייטשישע עקאָנאָמיק, וואָס מען האָט געוואָלט נאָרמאַליזירן, האָט אים ווייניק וואָס געקענט אינטערעסירן. וואָס אים האָט אינטערעסירט און באַפרידיקט איז געווען צו מאַכן אַ סך געלט, זיך צו קליידן און לעבן ווי אַ פראַנט, זיך צו פאַרפּלאָנטערן אין ליבעס, יונג ווי ער איז געווען, מיט דייטשקעס און אַנדערע מיידלעך. די פאַסטקעס פון שווינדל און פּראָסטיטוציע האָבן געלויערט אויף אַזעלכע געליטענע און אויסגעהונגערטע קינדער. ער איז בלויז 17-16 יאָר אַלט און וויל אַלץ אַריינכאַפּן, מיט אַלץ זיך אָנזעטיקן. און ווי זאָגט סאַלטשע — אַ מיידל מיט צען יאָר עלטער פון אים — אויך אַ שמוגלערין און מיט וועמען ער האָט געוואָלט חתונה האָבן:

„ניין יורעק, מיר זענען נישט קיין
גלייכע פּאָר. דו ביזט נאָך צו גוט און
איך בין נאָך נישט גענוג שלעכט דיך
צו פאַרפירן."
יאָסעלע איז נאָך צו גוט!

מיר זעען ווי יאָסעלע־יורעק גייט דורך אַ פסיכאָלאָגישן קריזיס, נאָר זייענדיק אַ „צוואָניאַק" מיט אַ גוט קעפּל אויף זיך, מיט אַ סך באַהאַלטענער פיינקייט און איידלקייט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך נאָך פון קינדהייט אָן אין דער היים ביי טאַטע־מאַמע, קריכט ער סוף כל סוף אַרויס פון די טראַגישע שטרויכלונגען און פאַסטקעס — אַ געלייטערטער יידישער בחור.

אַן עלטערער חבר זיינער, נאָך פון דער אַרישער זייט אין וואַרשע, וועמען ער האָט ליב געהאַט און שטאַרק פאַרהערלעכט, וויצעק־זאב, וועמען ער האָט אַרומגעזוכט און צופעליק געטראָפן, פירט אים צונויף מיט דער אונטערערדישער „בריחה" באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען יידישע קינדער פון גויישע היימען און נאָך דעם זיי אַריבערפירן קיין פאַלעס־



טינע. מיט ליב און לעבן וואַרפט ער זיך ענדלעך אַריין אין אָט דער רעטונג־אַרבעט. פון יאָסעלע־יורעק ווערט איצט יאָסעלע־יורעק־יוסף. זיין גאַנץ פאַרמעגן וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט פון שמוגלען, גיט ער אַוועק פאַר אָט דער אַרבעט. צו קענען העלפן ווערט ער אַן אויסגעשולטער סאַניטאַר פאַר די קראַנקע און שוואַכע. איין מאָל אויף דער באַן אויפן וועג צו אַ האַפן אין פראַנקרייך וווּהין ער האָט געפירט אַ טראַנספּאָרט געראַטעוועטע קינדער און אַנדערע היימלאָזע, האָט ער געהערט ביינאַכט אַ געוויין פון אַ קינד. ווי אַ סאַניטאַר איז ער געגאַנגען העלפן.

און דאָ טרעפט ווידער דאָס אומדערוואַרטעטע. די מוטער פון דעם פיצל קינד איז — גאָלדע, זיין מאַמע! ניין, זיי האָבן זיך נישט דערקענט אַזוי לייכט. און דער ייד וואָס זיצט מיט איר — זיין נייער טאַטע!

ווי שוין באַמערקט פריער, אין צייטן פון שוידערלעכן חורבן פאַרשווינד דאָס נאָרמאַלע, דאָס לאָגישע און אַלע געשעענישן ווערן ריינער צופאַל. דאָס גאַנצע לעבן ווערט צופאַל! „טויטע" ווערן לעבעדיק. אָט איז זיין שוועסטערל חנהלע געשטאָרבן און ער אַליין האָט זי געמוזט מקבר זיין. און אָט האָט זיין „פאַרברענטע" מאַמע אים געבראַכט אַ נייע חנהלע. און פון זיין פאַרברענטן טאַטן שיע העשל איז איצט געוואָרן אַ שטיף־טאַטע, וואָס הייסט הערצקע קצב.

ניין, ס'איז נישט קיין מעלאָדראַמע. ס'איז די טראַגעדיע פון לעבן. די דריי קאַפּיטלעך פון בוך, „שיע", „הערצקע" און „פרילינג מיט הערצקען", ווו עס ווערט געשילדערט גאָלדעס לעבן פאַרן חורבן, איר העלדישקייט, איר טראַגעדיע און איר צניעות זיינען פּערל אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

די אומלעגאַלע יידישע שיף, וואָס האָט געפירט פינף טויזנט היימלאָזע און געראַטעוועטע קינדער, האָט זיך ענדלעך דערנענטערט צו די האָפענונגספולע ברעגן פון פאַלעסטינע. אַ קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן פון די ענגלישע קריגס־שיפן קעגן דער „אומלעגאַלער" יידישער שיף. מען האָט אָנגעהויבן אַרויפצוציען די יידישע פאָן. די שטריק האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און די פאָן איז געבליבן אין דער מיט.

יאָסעלע־יורעק־יוסף, דער צוואָניאַק, דער כוואַט, דער יונגינגער העלד איז אַרויפגעקראָכן אויפן מאַסט אויפצופּלאָנטערן די שטריק און אַרויפציען די יידישע פאָן צום סאַמע שפּיץ פון מאַסט. אַ קויל פון דער ענגלישער שיף האָט אים געטראָפן און ער איז געפאַלן אַ טויטער.

* * * * *

אָט די אַלע נייע סיטואַציעס און פּראָבלעמען צו שילדערן קינסטלעריש און רעאַליסטיש איז אָן ספק אַ גרויסער אויפטו. די געפאַרן פון קלישע, פון אַריינפאַלן אין באַקאַנטן נוסח, זיינען שווער אויסצומיידן ווען צופאַלן און אומדערוואַרטעטע איבערראַשונגען כוואַליען זיך איינס אויפן אַנדערן, ווי עס איז מיט אַזאַ טעמאַטיק פון ראָמאַן. פון דעם ווערט אויך קלאָר פאַר וואָס ק ע נ ע ר פון ליטעראַטור האַלטן אַז די מערסטע פּראָזע־ווערק פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור זענען אַ ליטעראַרישער און היסטאָרישער דורכפאַל. אליעזר וויזעל, אין זיין אינטערעסאַנטן אַריינפיר צו יהודה עלבערגס בוך, ווייזט טאַקע אָן אויף דעם, מאַכנדיק אַן אויסנאַם, נאַטירלעך, פאַרן בוך „אויפן שפּיץ פון מאַסט". אַן אויסנאַם זייבען אויך די פּאָעטישע ווערק, ווו ס'איז לייכטער אָנצוהאַלטן די גרענעץ־ליניע צווישן עכטער און כלומרשטער קונסט. ווארעם פּאָעזיע סינטעזירט בעת פּראָזע אַנאַליזירט. צעגלידערן כאַראַקטער־סיטואַציעס איז אַ סך שווערער.

דער קינסטלעריש־קריטישער מאָמענט אין „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" באַווייזט זיך טאַקע דאָרט ווען עס דאַרף זיך אָנהייבן די צעגלידערונג און שילדערונג פון כאַראַקטער איבערברוך ערשטנס ביי יוספן און צווייטנס ביי דער מאַמען, ווען די צוויי באַגעגענען זיך אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומדערוואַרטעט מיט אַ „נייער" חנהלע און אַ „נייען" טאַטן. אַזעלכע אומדערוואַרטעטע פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס פאָדערן גרויס טאַלאַנט און מייסטערשאַפט צו שילדערן אַזוי, אַז עס זאָל נישט אַריבער אין מעלאָדראַמע.

אמת, אין דער לאָגישער אַנטוויקלונג פון דעם ראָמאַן זענען די נייע סיטואַציעס נישט קיין צופעליקע נאָר נאַטירלעכע רעזולטאַטן פון די קאָנקרעטע

באַדינגונגען — דער אומגלייבלעכער חורבן. פאַרן העלד, פאַר יאָסל־יורעק־יוסף, זענען זיי אין גאַנצן אומדערוואַרט. עס דאַרף נאַטירלעכערווייז אים זיין שווער שלום צו מאַכן ביי זיך אין האַרצן מיט דער נייערווירקלעכקייט און אַוודאי דאַרף דאָס זיין שווער אויך פאַר גאָלדען, זיין מאַמע. ס'איז פאַר ביידן אַ שטאַרק טראַוומאַטישע איבערלעבונג, וואָס ווערט זייער און זייער דעליקאַט און מיט טיפער פאַרשטענדעניש געשילדערט אין עטלעכע קאַפּיטלעך. וואָרעם עס האָט דאָך קיינעם נישט געקענט איינפאַלן אַזאַ פּלוצימדיקע, ניסימדיקע באַגעגעניש. יוסף דער סאַניטאַר, קומט אויסצוגעפינען פאַרוואָס דאָס קינד וויינט. וואָס איז דאָ דען דער וווּנדער, דאָס קינד איז שוין די צווייטע נאַכט אין וועג. — איך האָב צוקערלעך, זאָל איך איר געבן אַ צוקערל? ווי הייסט דאָס מיידעלע? — „חנהלע", ענטפערט די פרוי. — חנהלע, קום צו מיר, די מאַמעשי איז מיד.

„יוסף איז אַזוי געזעסן, גערעדט צום קינד און צו זיך און איינגעשלעפערט דאָס קינד. ס'האָט שוין געגרויט אין וואַגאָן־פענצטער ווען דער מאַן אויפן באַנק האָט זיך אויפגעוועקט און גענומען דאָס קינד. „אַ שיינעם דאַנק. איך בין הערצקע קאַמינסקי. ס'איז מיין קינד." — „איך בין אַ סאַניטאַר אין דעם טראַנספּאָרט. אויב איר וועט עפּעס דאַרפן פאַרן קינד — איך הייס יוסף."

נו, ס'האָט נאָך גענומען אַ שטיק צייט ביז דער אמת איז דאָ אַרויסגעקומען ווי בוימל אויפן וואַסער, ביז גאָלדעס מויל האָט זיך אויפגעריסן און קיין קול איז נישט אַרויס. זי האָט אַ זינק געטאָן צו דער ערד.

„גאָלדע איז געלעגן אויף אַ טראָגבעטל. אַלע אירע ווייטיקן האָבן זיך אויפגעוועקט. עס האָט געווייטיקט אין קאָפּ. דער מוח האָט געשפּאַרט צום פּלאַצן ווען ער האָט גענומען אַדורכשיסן פראַגעס ווי אייז־קאַלטע פיילן... זי האָט נישט געעפנט די אויגן. אַז זי וועט עפענען די אויגן וועט זי דאַרפן ריידן צו יאָסעלען, און זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. זי מוז אים אַלץ דערציילן, אַז ער זאָל זי פאַרשטיין... טאַטע זיסער אין הימל, גיב מיר אויך דעם זכות ער זאָל מיך פאַרשטיין און משפּטן מיט חסד. אַ׳ נישט איז דיין ברכה קיין ברכה נישט."

גאָלדע האָט מער נישט געקענט שלאָפן. צו די קאַשמאַרן אין שלאָף איז זי שוין געוווינט געווען, אָבער די קאַשמאַרן מיט אָפענע אויגן! מיר פילן דאָ מיט דער פולער שאַרפקייט גאָלדעס נערוועזע אומרואיקייט, איר טרויער און פרייד. און געטריי צו איר כאַראַקטער, צו איר שטאַרקן ווילן איבערצולעבן שרייט זי אויס יאָ, זי וועט זיך פרייען.

אויך יאָסעלע וואָלט געדאַרפט טאַנצן און שפּרינגען פאַר פרייד. אָבער איינזיצן אויף אַן אָרט קען ער נישט. ער לויפט און שמייעט מער פון אַנדערע. באַשטראָפט ער זיך וואָס זיין חנהלע איז דאָ נישטאָ. אָדער איז ער זיך נוקם וואָס די בייע חנהלע איז יאָ דאָ? אַז ער גייט שוין יאָ אַריין צו זיין מאַמעליו, פאַרוואָס זאָגט ער נישט עפּעס וואָס זאָל איר פאַרשאַפן הנאה? די מאַמעליו זאָגט גאָר מע דאַרף פון אים שלעפּן אַ וואָרט ווי מיט צוואַנגען. פון נערוועזיטעט און פרייד מוטשען זיי זיך ביידע באַזונדער און צוזאַמען.

„פאַרוואָס מאַטערסטו מיך, מאַמעליו? ס'אַ נס, טויזנט ניסים. פאַרוואָס פאַרגינסטו זיך נישט ס'לעבן?

— געפרעסן מיסט, צעפרעסן געוואָרן פון לייז — דאָס איז אַ נס? אַ חזיר פרעסט אויך מיסט, איז דאָס לעבן פון אַ חזיר אַ נס?

מאַמעליו, איך ווייס, עס איז לייכטער אונטערגעבן זיך דעם טויט ווי קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין און זיך קעגנשטעלן."

אַזוי שילדערט יהודה עלבערג דעם פּסיכאָלאָגישן געראַנגל צווישן מוטער און זיך צו געפינען באַרעכטיקונג פאַרן נייעם „טאַטן" הערצקע קצב און דאָס נייע "חנה־[illegible]" געראַנגל און מען דאַרף עס קענען פאַרשטיין. ווייל דער שרייבער אַליין פאַרשטייט עס אַזוי טיף קען דער לייענער דאָס נאָכפאָלגן מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס.



שרה ליינער

# אברהם רייזען — זיין לעבן און שאַפן

## (צו זיין הונדערטסטן געבוירן־יאָר)

רייזען איז אַ וויכטיקער נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור. זלמן רייזען איז געווען אַ יידישער געלערנטער, איינער פון די אָנפירערס פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, רעדאַקטאָר פון „טאָג" אין ווילנע, אַ פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע, אָבער די קרוין פון זיין שאַפן איז דער מאָנומענטאַלער 4־בענדיקער „לעקסיקאָן פון יידישער ליטעראַטור."

שרה רייזען, די שוועסטער, האָט אויך צו פאַרצייכענען אויף איר חשבון געוויסע אַרטיקלען און ספּעציעל אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגן איר עלטערן ברודער אברהמען.

אברהם רייזען, זייער ברודער, איז געבוירן געוואָרן חול המועד פסח, תרל"ו, אין אַ ליטווישער שטעטל, קוידענאָוו, ניט ווייט פון מינסק. זיין מוטער קריינע, אַ פרומע, איידעלע און ווייכהאַרציקע פרוי, האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף איר זון (און די אַנדערע קינדער). זי האָט באַווירקט זיין כאַראַקטער און זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור. דער פאָטער, קלמן, אַ סוחר, וועלכער האָט אויך אַמאָל „צוגעזינדיקט" מיט שרייבן, איז געווען אַן אַזוי־גערופענער משכיל.

אברהם, וואָס האָט געשמט ווי אַ פּעאיקער ייִנגל, איז געגאַנגען אין חדר, ווי אַלע ייִנגלעך אין דער ליטע; געלערנט תנ"ך, גמרא, און אַלגעמיינע לימודים, אויך דייטש און רוסיש.

---

דער הויפּט מאָטיוו פונעם ראָמאַן איז אַ פּסיכאָלאָגישער, שילדערן הויפּטזעכלעך כאַראַקטער אין דעם דראַנג איבערצולעבן דעם נאַצישן שונא. אָט דער מאָטייוו דערגרייכט זיין הויכפּונקט אין דער צאַרטער שילדערונג פון דער באַגעגעניש צווישן די צוויי פון דער העשל משפּחה, וואָס האָבן יאָ איבערגעלעבטדעם שונא.

„אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז איינס פון די בעסטע ביכער פון דער קינסטלערישער חורבן ליטעראַטור.

---

ער האָט פּרובירט זיין פּעאיקייט אין שרייבן גאָר יונג, צו 9 יאָר.

זיין ערשטע ליד:

ווער פאַרשטייט נאָך און ווייס
ווי דעם אָרעמאַן איז שלעכט —
ער האָרעוועט מיט שווייס,
ער שלאָפט נישט קיין נעכט.

אויף זיין ביטער מזל
טוט ער נעבעך קלאָגן,
וואָס ער איז פאַרגעסן פון אַלע
און טוט נאָר צרות טראָגן.

ווי מיר קענען זען האָט דאָס ערשטע ליד זיינס, הגם אַזוי פּרימיטיוו, האָט שוין גלייך פון אָנהייב אָנגעשלאָגן דעם טאָן פאַר זיין שפּעטערדיקן רייפן שאַפן. אַ טאָן פון מיטלייד און רחמנות פאַר דעם אָרעמען,, עלנטן און איינזאַמען מענטשן.

זיין אַלטע באָבע איז געווען די מבינטע אויף זיינע לידער. ער האָט פאַרטרויט זיך פאַר איר, און זי האָט אים צוגעגעבן קוראַזש צו שרייבן און באַצאָלט אים 2 קאָפּיקעס פאַר יעדן ליד. רייזען באַשרייבט עס מיט אַ סך וואַרעמקייט אין דער דערציילונג: „מיינע ערשטע האָנאָראַרן."

קוידענאָוו, ווו זיין וויגעלע איז געשטאַנען, איז געווען אַ גרויע, אָרעמע שטעטל, אַזוי ווי די מערסטע שטעטלעך פון דער ליטע אין יענער צייט.

די זכרונות און איבערלעבונגען פון זיינע ערשטע לעבנס־יאָרן אין זיינע עלטערנס היים, אין זיין געבורטשטעטל, טראָגט ער מיט זיך און אין זיך זיין גאַנץ לעבן. ער דריקט עס אויס אין אַ ליד וואָס הייסט: „פון דער היים":

„עס איז אַזוי ווייניק געווען —
פאַרוואָס איז אַזוי פיל געבליבן?
וואָס נערט נאָך ביז איצטער דיין ווען
צו בענקען, געדענקען און ליבן?

איין שטוב אויף אַ בערגל געשטאַנען,
אַ צווייטע — דערביי אָנגעבויגן,
וואו האָט זיך גענומען, פון וואַנען
די שיינקייט, וואָס שוועבט פאַר די אויגן?

פיל לידער געהערט האָסטו זינגען,
עס זיינען שוין אַנדערע אַנטשוויגן —
פאַרוואָס הערט ניט אויף אויף קיין מאָל
קלינגען
אין רוישן דער היימישער ניגון?...

נאָכן טויט פון זיין מאַמען פאַרלאָזט ער זיין היים אין קוידענאָוו און פרוווט מזל אין שכנותדיקע שטעטלעך און שפּעטער אין מינסק. ער ציט זיין אָרעמע חיונה פון פריוואַטע לעקציעס, אַ פאַרדינסט, וואָס אָפט מאָל קלעקט אים ניט פאַר זיין טאָג־טעגלעכן ברויט צו זאַט. ער שילדערט זיין שווערן עקאָנאָמישן מצב פון יענער תקופה אין דער דערציילונג: „דער פאַלשער פערציקער.“ איך דענק אַז דאָס איז אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג, הגם ער רעדט אין דער דריטער פערזאָן און רופט אָן דעם העלד פון דער דערציילונג מיט אַן אַנדער נאָמען.

אין דער גרויסער שטאָט באַקענט ער זיך מיט דער דאַמאָלסדיקער יידישער ליטעראַטור, מיט די שאַפונגען פון מענדעלע, שלום עליכם און ספּעקטאָר. ער לייענט אויך פרעמד־שפּראַכיקע ווערק אין דייטש און רוסיש און ווערט פון זיי באַאיינפלוסט. ער אַליין זאָגט עס אין זיין ליד „פאַרגענגערס“:

„כ'בין מיט ווערטער ניט קיין שטיפער,
ניט קיין שפּילער;
איך בין אַ תלמיד נאָך פון פּושקין און
פון היינע און פון שילער
און נאָך פון עלטערע — די נביאים
און נאָך פון די פריערדיקע — די לוויים.“

ער באַקענט זיך מיט פאַרשיידענע פירערס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועמעס אידעען האָבן באַפרוכפּערט דאָס קערנדל, וואָס זיין היים, און ספּעציעל זיין מאַמע האָט פאַרזייט אין דעם יונגן יינגלס נשמה, און ער ווערט דער באַזינגער פון די אָרעמע, עלנטע און נויטליידנדיקע מענטשן, וואָס זיין אייגן פריוואַט שווער לעבן העלפט אים צו.

ער דריקט עס אויס אין די פערזן:

„מיין לעבן איז געגליכן
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט.
ווערן ווערט עס נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט עס ניט קיין קראַפט.“

אָדער אין די שורות פון דעם פּאָפּולערן ליד: „דו פרעגסט מיך, מיין פריינד“:

„אויב לעבן הייסט ליידן,
דאַן לעב איך שוין לאַנג,
דאַן האָב איך גענוג זיי די יאָרן,
נאָר אויב לעבן הייסט הערן
פון גליק סאָטש אַ קלאַנג,
דאַן בין איך נאָך ניט געבאָרן.“

רייזען פאַרנעמט זיין פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור גאָר יונג. ער גיט אַ קלאַפּ מיטן העמערל („העמערל, העמערל קלאַפּ“), אַ קלונג מיט זיינע גלאָקן („אַך, וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן“), אַ הוליע מיט די ווינטן („הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן“), ער פאַרציט דעם היימיש טרויעריקן גמרא־ניגון פון דעם ישיבה־בחור („מאי קא משמע לן“) און באַקומט גלייך אַ שטאָט ביי דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז זייער פּרוכטבאַר, ער זאָגט אויף זיך אַליין: „איך גיס מיט גראַמען“. ער דרוקט זיינע לידער, פּאָעמעס און דערציילונגען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, צייטונגען און צייטשריפטן. ער וואַנדערט אַרום אין די גרויסע שטעט פון אייראָפּע און אַמעריקע. נאָך אַ סך וואַנדערונגען באַזעצט ער זיך טאַקע אין אַמעריקע (1914), ווו ער מאַכט זיין שטענדיקע היים.

זיינע לידער, ווי אויך די קורצע דערציילונגען ציילן זיך אין די טויזנטער. (די זאַמלונגען פון אַלע זיינע שריפטן זיינען דערשינען אין 24 בענד).

זיינע לידער ווערן געזונגען אויף פייערונגען און פאַרזאַמלונגען, אויף פאָלקס־קאָנצערטן און פּריוואַטע שמחות. ער ווערט ביי די יידישע מאַסן, וועלכע ווייזן אַרויס גרויס כבוד צו אים, זייער פאָלקס־דיכטער. דאָס פאָלק האָט גלייך דערקענט אין אים זיין אייגענעם דיכטער, זיין באַשיצער, דעם באַשיצער פון דעם ליידנדן



מענטשן, דעם באַקלאָגער פון דעם הילפלאָזן, רעכטלאָזן און אונטערדריקטן אַרבעטער. ער ווערט זיין שליח ציבור צו לאָזן הערן זיין צער און וויי. מען דאַרף געדענקען, אַז עס זיינען געווען די צייטן פון סוועט־שאַפּ, און די טעמאַטיק האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט ביי אַ סך שרייבערס פון יענער תקופה. אויך רייזען רעדט וועגן די באַציונגען פון דעם אַרבעטסגעבער און אַרבעטער, פון דעם באַלעבאָס און בעל־מלאכה.

* * * * *

זיינע שאַפונגען מיט די וואַרעמע, אינטימע לירישע שטריכן, באַשיידן און איינפאַך בנוגע דעם סוזשעט און דעם מאָטיוו, אַנטפּלעקן פאַר אונדז אי דעם דיכטער, אי דעם מענטשן.

רייזען דער מענטש איז אין פולקאָמער האַרמאָניע מיט רייזען דעם דיכטער, און דאָס איז אַ גרויסע מדרגה, אפשר די גרעסטע. צום באַדויערן איז דאָס אַ באַגרענעצטע דערשיינונג ביי שרייבערס און גאַנץ אָפט איז פאַראַן אַ מחיצה, אפילו אַ תהום, וואָס טיילט זיי פאַנאַנדער. ניט אַזוי ביי רייזענען. די וואָס האָבן אים געקענט פערזענלעך זאָגן, אַז ער איז געווען אַזאַ גוטמוטיקער, שטילער, האַרציקער מענטש אין זיינע באַציונגען צו מיטמענטשן, צו פריינד און חברים. ער איז לויטער ליבשאַפט און פול מיט אומבאַגרענעצטער רחמנות פאַר יעדן מענטשן, און ספּעציעל פאַר דעם קליינעם מענטשעלע מיט זיינע וואָכעדיקע דאגות און טיף־מענטשלעכע איבערלעבונגען; יעדער איינער מיט זיין פיין און מיט זיין וויי. אַזעלכע טאַקע האָט ער באַשאַפן זיינע העלדן; ער האָט זיי באַשאַפן אין זיין געשטאַלט, בצלמו, גוטע, האַרציקע און גערעכטע.

מיט אַ געפיל פון וואַרעמקייט באַשרייבט ער די גייסטיקע ליידן פון קליינשטעטלדיקן אימיגראַנט, קומענדיק צו אַ נייע לאַנד, און דעם שווערן פּראָצעס פון צופּאַסונג צו די נייע, פרעמדע אומשטענדן. ער זאָגט צווישן אַנדערן אין זיין ליד: „גרינע“:

„אַ נייע לאַנד, אַ פרעמדע לאַנד —
ווער זיינען דאָרטן זיי?
ווער ס'האָט אַ ווייב געלאָזט אַליין
מיט קליינע קינדער צוויי;
אַ גערטנדל, אַ שטיבעלע,
אַ טאַטן ווייס ווי שניי...
און ס'האָט דאָס האַרץ ביי איטלעכן
געדריקט אַן אַנדער וויי...
. . . . . . . .
פון ווייטן האָט די שטאָט געדראָט
געשראָקן מיט איר ברום
און צווישן צענדליק שפּראַכיקע
געגאַנגען זיינען מיר שטום.

ספּעציעל פילבאַר איז רייזען צו די ליידן פון קליינע קינדער. ממש עס פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ ווען ער זעט אַ קינד ליידט. אַזוי באַשרייבט ער אין אַ דערציילונג „די נייע לאַטע“ דעם טיפן צער פון אַ זיבן־יאָריקן יינגעלע. יאַנקעלע טראָגט אַ פּאָר אַלטע, צעריסענע אויסגעוואַקסענע הייזעלעך און עס גייט אים אויס דאָס הערצעלע, ער וויל האָבן אויף פּסח אַ פּאָר נייע הייזעלעך, אַזוי ווי זיינע חברימלעך; אָבער ס'איז ניטאָ פון וואַנען צו קויפן. די מאַמע, אין איר אָרעמקייט, געפינט אַ שטיקל קראַטקעוואַטע סחורה און לייגט אויס קונציק צוויי גרויסע לאַטעס אויף ביידע צעריסענע קני. דאָס באַרואיקט יאַנקעלען, ער פילט זיך גליקלעך און באַוווּנדערט די בריהשקייט פון דער מאַמען: טאַקע ניט קיין נייע הויזן, אָבער נייע לאַטעס! ביז, ביז ער ווערט אויסגעלאַכט פון זיינע חברים, און יאַנקעלע מיט אַ פאַרקלעמט הערצעלע, פול מיט פאַרדראָס, גייט אַוועק פון זיי אַ פאַרשעמטער.

נאָך אַ דערציילונג, „רייזעלע“:

די העלדין איז אַ שטילע, עלנטע מיידעלע, אַ יתומהלע, וואָס האָט נאָר איין איינציקע חברטע, די מאַמען. די מאַמע פאָלגט איר אַלץ און טוט וואָס רייזעלע בעט איר. זי הערט אויף צו וויינען און זיפצן אויף איר ביטערן מזל; נאָר איין זאַך קען זי ביי איר ניט פועלן — אויפהערן צו הוסטן; זי קען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי שטילט ניט איין איר שטענדיק שטיקעדיקן הוסט, וואָס רייסט זיך אַרויס מיט אַ כריפּ פון איר שווינדזיכטיקער ברוסט, ווי פון אַ פוסטער פאַס.

ס'איז שווער, פשוט אוממעגלעך אין אַ באַגרענעצטער מאָס צו ברענגען און אַנאַ־

ליזירן יעדע דערציילונג אָדער ליד, כדי אויפצוווייזן זיין אומבאַגרענעצטע ליבע צו זיינע העלדן. ס'איז ניטאָ קיין שלעכטע ביי אים, ניטאָ קיין מיאוסע. ער איז אַ סניגור, אַ מליץ־יושר פאַר אַלעמען — („פאַרגעבונג"):

„כ'האָב אַ האַרץ פול מיט ליבע,
כ'בין מיט ליבע רייך;
גוטע מענטשן, שלעכטע —
אַלע זיינען גלייך."

אמת, עס איז פאַראַן רשעות אויף דער וועלט; נו, אַ מענטש איז ניט מער ווי אַ מענטש, און אַ מאָל דאָס אויך ניט, ווערט ער אַ מאָל געשטרויכלט. דערפאַר איז דאָ פאַרגעבונג. דאָס איז אַזאַ טיף ייִדישער שטריך„ וואָס איז אין איינקלאַנג מיט אונדזער ראש־השנהדיקער תפילה: „כי לא תחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכו וחיה."

ער וויל זען אַ וועלט פון לויטער גוטסקייט, אָבער ער רייסט זיך ניט צו די הימלען צו דערגרייכן דאָס אומדערגרייכבאַרע, צו צעשטערן די וועלט אַרום אים; רייזען וויל ניט צעשטערן, ער וויל נאָר בויען; ניט אפילו צו שרעקן, „נאָר צו וועקן גאָר די וועלט פון אַלע עקן." דורך אַ טאָן פון לירישן טרויער, פון אומעט, פון תפילה און פון רחמים, דריקט ער אויס די ליידן פון זיינע העלדן און ליידט אַליין מיט זייער צער; כ'וואָלט געזאָגט, ניט מיט אַ פאַטאָס געשריי, נאָר מיט אַ קול פון „דממה דקה", פון אַ שטילקייט, וואָס שרייט העכער ווי די העכסטע הימל־שרייענדיקע קולות, וויזט ער אויף דעם אומרעכט פון דער וועלט. יאָ, ער בענקט נאָך גאולה, ער שטרעבט צו דערלייזונג פאַר די אָרעמע, באַליידיקטע, אונטערדריקטע, פאַר דעם יחיד, פאַר זיין פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ער ווערט טרויעריק ווען ער זעט די בייזע ווינטן בלאָזן שטורעמדיק. ער זאָגט „זומער איז נאָך ווייט", נאָך ווייט צום גליק. ער ווערט אומגעדולדיק און איילט צו דעם משיח:

„אָ גיכער, משיח, אָ גיכער שוין קום,
עס רינגלט די גאַנצענע וועלט שוין
אַרום
ווי גיפטיקע שלאַנגען, דער הונגער און
נויט
און הפקר און פחד, און אַנגסטן און
טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייזן די
ערד.
אָ, קום שוין, משיח, אויפן ווייסינקן
פערד."

און דאָך איז ניטאָ קיין יאושדיקייט אין זיינע פערזן. ער קען ניט זאָגן ווי ביאַליק: „מיין האַרץ איז שוין טויט, פאַרשטומט איז מיין תפילה."

רייזען פאַרלירט ניט דעם בטחון, אַז דאָס גוטע מוז זיגן. אין זיין אַזוי טיףייִדישן אָפּטימיזם זינגט ער:

## דאָס נייע ליד

„און זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום —
דאָך קומען וועט, צי פרי צי שפּעט,
די צייט — עס איז קיין חלום."

אָדער: —

## דאָס בילד פון גלויבן

„איך גיב זיך נאָך ניט אונטער.
גאָטס גייסט אויף מיר נאָך רוט;
די וועלט וועט זיין נאָך מונטער,
דער מענטש וועט ווערן גוט."

ווי געזאָגט, ווייטיקט רייזען ניט נאָר פאַרן ליידנדיקן ייִדן, נאָר אויך פאַרן ניט־ייִדן. אין זיין דערציילונג „פאַרשפּעטיקט" איז אַ גוטער ביישפּיל; זי איז פול מיט רחמנות פאַר דעם אָרעמען פויער אַנטאָש, וועלכער גייט אויס נאָך אַ פּאָר גראָשן צו קויפן אַ ביסל קעראָסין צו באַלייכטן זיין פינצטערע שטיבל און אַ פונט זאַלץ צו באַטעמען זיין דאַר שטיקל ברויט. ער ברענגט אין שטעטל אַריין צו די ייִדן אַ ביסל סכך פאַר די סוכות; דאָס איז דער איינציקער קוואַל פון זיין פּרנסה און זיין איינציקע האָפענונג.

צום גרויסן אומגליק מאַכט ער אַ טעות אין דעם ייִד־שן לוח, ער פאַרשפּעטיקט, עס איז שוין יום־טוב ביי ייִדן, אַלע סוכות זיינען שוין באַדעקט מיט גרינעם סכך; צו שפּעט, ניטאָ שוין קיין קונים. און איר זעט אַנטאָשן פאַרלאָרן און אומבאַהאָלפן; ווען ער וואָלט געקענט זאָגן תהלים, וואָלט ער אויסגעשריגן „מאַין יבוא עזרי?"



רייזען אָבער פאַרלאָזט אים ניט אין זיין אַנגסט, ער טוט אַריין גאָטס רחמנות אין די הערצער פון די שטעטלדיקע ייִדן, זיי פילן מיט זיין פּיין און גיבן אים זאַלץ און קעראָסין, נאָך אַ מוציא חלה און אַ שנאַפּס דערצו. אַנטאָש איז פול מיט דאַנקבאַרקייט, וויל עפּעס זאָגן, אָבער פאַר גליק דינט אים ניט דאָס לשון, ער פּרעפּלט אויס שטיל: „כ'וועל געדענקען, כ'וועל געדענקען."

ס'איז כדאי אויך אַריינצוקוקן אין רייזענס וווּנדערלעכער דערציילונג: „דער בוים". ער מאָלט דאָס קליין שטעטל און באַשרייבט דאָס ריין ייִדישע געסל מיט די הויקערדיקע שטיבלעך, וואָס האָט פאַרמאָגט איין־איינציקן בוים, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור דורות צו חיים יאַנקלען, דעם שניידער. די בעלי־בתים פון שטעטל, פון וועלכן ראַנג זיי זאָלן ניט זיין, שיינע בעלי־בתים, גבאים מיט אָרעמע בעלי מלאכות, תלמידי חכמים און גראָבע יונגען — אַלע פלעגן קומען זומער צייט, שבת נאָכן טשאָלנט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אונטער חיים יאַנקלס בוים. די נאָכמיטאָג זון פלעגט באַקן הייס און די לופט האָט געשטיקט און ס'איז געווען שווער צו אָטעמען. צווישן די באַזוכערס איז אויך געווען ר' זרח, דער נגיד פון שטעטל. נייען בגדים פלעגט ער דווקא ביי אַן אַנדער שניידער, אָבער חיים יאַנקל פלעגט ניט אויסנוצן זיין תקיפות אים אַוועקצוטרייבן. ער איז ניט געווען קיין נוקם ונוטר; פאַרקערט, ער פלעגט אים אויפנעמען פריינדלעך, דווקא אים אָפּצאָלן מיט גוטסקייט, און דאָס איז געווען די שטראָף, דורך מענטשלעכקייט און גוטסקייט אים געבן אַ מוסר־השכל.

וויפל גרויסקייט און דערהויבנקייט ליגט אין דעם שטריך!

אַזעלכע זיינען זיינע דערציילונגען. ער שרייבט וועגן קליינע, פּשוטע זאַכן, וועגן איינפאַכע פּאַסירונגען, וואָס קיינער, דוכט זיך, באַמערקט ניט, וועגן אַלטעגלעכע, אָבער טיף מענטשלעכע דראַמעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די הערצער פון זיינע העלדן. די קליינע זאַכן מאַכן דאָס לעבן. רייזען דערשפּירט זיי, דערפילט זיי און כאַפּט זיי אויף אויף דער קאַנווע פון זיינע סקיצן און ווערט דער שאַפער פון דער קורצער דערציילונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פּונקט ווי ער איז דער פאָטער פון דער ייִדישער ליריק.

זיינע קורצע סקיצן שרייבט ער מיט אַ ווייכן, צאַרטן, דינעם הומאָר.

אַזוי באַשרייבט ער אַ קליין מיידעלע אַ נאַשערקע; הערט און שטוינט, זי האָט אויפגעגעסן אַ גאַנצע ציבעלע! אָבער „דער אַמאָליקער סאָציאַליסט", וואָס באַקלאָגט זיך אויף דעם אַמעריקאַנעם סאָציאַליזם, ער איז צו רייך. אין דער אַלטער היים, ביי אים אין שטעטל אין גאַליציע, דאָרטן איז געווען דער אמתער סאָציאַליזם; מען האָט געקענט אים איינפּירן אָן אַ קאַמף, ווען ניט די דריי־פיר רייכע, אַלע וואָלטן געווען גלייך... אָרעמעלייט.

זיינע העלדן זיינען ניט קיין גרויסע מלחמה גיבורים, רעוואָלוציאָנערן וואָס קערן איבער אַ וועלט, אָדער גאָר מלכים און הערשער וואָס שאַפן נייע עפּאָכעס. ניין, זיינע העלדן זיינען פּשוטע, היימישע, רעכטלאָזע קליינשטעטלדיקע ייִדן, האָרעפּאַשנע מענטשן, אַרבעטערס מיט זייערע וואָכעדיקע זאָרגן, אָדער קינדער.

דאָס אַמאָליקע שטעטל ווערט אויפגעלעבט אין זיינע דערציילונגען אויף אַ קינסטלערישן אופן. („ויפּח באפּיו נשמת חיים"). ער באַלעבט די אַמאָליקע סביבה, די קרומע הייזלעך און די שמאָלע געסלעך און די טרוקענע לאַנדשאַפט. ער ברענגט אַרויס די אַלע טיפן פון דער שטעטלדיקער פאַרגאַנגענהייט, פון אַ וועלט, וואָס געווען און מער ניטאָ.

אַוודאי שרייבט וועגן דעם אויך מענדעלע און שלום עליכם, פּרץ און אַנדערע, דאָס איז דאָך די הויפּט־טעמע פון דער ליטעראַטור פון יענער צייט. אָבער ווי אַנדערש און פאַרשיידן איז דער צוגאַנג פון יעדן איינעם פון זיי.

מענדעלע שרייבט וועגן די איינוווינערס פון זיין קבצנסק מיט אַ טאָן פון ביטול. ער שילדערט זייער אָרעמקייט און שיפלות דורך בייסנדיקער סאַטירע, ממש ער שמייסט מיט ריטער זיינע אביונים. שלום עליכם לערנט די מענטשן פון זיין כתריעלעווקע צו לאַכן; ער לאַכט מיט זיי מיט און מיט אַ געלעכטער דורך טרערן וויזט ער אויף זייער פינצטערער דאָליע.

פרץ האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די קליינלעכקייט און געפאַלנקייט פון דעם יידישן לעבן פון יענער צייט. ער האָט אויפגעוויזן די טראַגיק און געמוסרט און געזוכט יום־טובדיקייט, נשמה־יתירהדיקייט אין זיינע יידן. אָבער אפילו די דאָזיקע ריזן האָבן פאַרזען און ניט אָפּגעשאַצט דאָס אינערלעכע ליכט, וואָס שפּאַרט זיך דורך דורך די שפּאַרונעס פון זייער חושכדיקן לעבן.

אַנדערש, גאָר אַנדערש שילדערט רייזען זיינע העלדן. ער שטרעקט אויס זיין אָרעם, נעמט זיי אַרום און דריקט זיי שטאַרק צו זיין האַרצן. ווי זאָגט דאָס יידישע ווערטל: אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנדע, אָבער אויך ניט קיין גרויסער ייחוס. רייזען האָט אַנטפּלעקט ייחוס דווקא אין דער אָרעמקייט. ער געפינט נשמה־יתירהדיקייט אפילו אין געפאַלנקייט און דערהויבט דעם בזיון צו יום־טובדיקייט.

רייזען האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שאַפן נאָר אייגענע ווערק; ער האָט אויך געוואָלט אַריינברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור דעם גייסט פון די גרויסע אייראָפּעישע שאַפונגען און באַקענען דעם יידישן לייענער מיט דער מערבדיקער ליטעראַטור. דערפאַר זעצט ער אַליין איבער אַ סך ווערק. ער רעדאַגירט אַ וואָכנשריפט וואָס הייסט אייראָפּעישע ליטעראַטור, וווּ אַ סך פון די גדולים פון יענער צייט נעמען אַנטייל. ער פאַרנעמט זיך אויך מיט פאַרלעגעריי. ער איז אַ מיטאַרבעטער אין דער ערשטער יידישער צייטונג „דער פריינד". ער גיט אַרויס „קונסט און לעבן"; אויך „דאָס יידישע וואָרט", אַ קאָנטראָווערסאַלע שריפט, וואָס רופט אַרויס אַ סך בייז בלוט ביי די העברעאיסטן. עס איז געווען די צייט פון דער אַזוי־גערופענער „ריב הלשונות".

רייזען איז געווען אַ הייסער ליבהאָבער פון יידיש, אַ חובב יידיש. ער האָט געשטרעבט אַז יידיש זאָל ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק. ער האָט חלילה ניט פיינט געהאַט העברעיש; ער האָט ליב געהאַט העברעיש, נאָר נאָך מער האָט ער ליב געהאַט דאָס פאָלק. און דאָס פאָלק האָט גערעדט יידיש. דערפאַר טאַקע נעמט ער אַזאַ אַקטיוון אַנטייל אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. ער שרייבט וועגן יידיש אין זיין ליד:

„יידיש שפּראַך און לשון מיין,
וווּנדער פון מיין בלייבן זיין!
צווישן פרעמדע, דאָ און דאָרט
בויסט מיין היים אין יעדן אָרט . . .

* * * * *

ווי עס איז באַקאַנט, האָט רייזען ניט געהאַט קיין מזל צו דער קריטיק. די ליטעראַטור קריטיקערס, אויך די גרויסע צווישן זיי, ווי ש. ניגער און בעל־מחשבות, האָבן אים געמאַכט צו קליינגעלט: ער איז פלאַך, ער איז איינטאָניק, צו איינפאַך צו פאַרשטיין; עס איז שוין מיאוס געוואָרן דאָס לידל פון קבצן, פון רחמנות; דער נייער טיפּ ייד וויל מעשים; די נייע לאָזונגען און רעוואָלוציאָנערע מאָנונגען רופן צו אַקטיוון קאַמף. דאָס זיינען געווען זייערע טענות.

אָבער רייזען האָט זיך פלינק אַ דריי געטאָן און האָט אויסגעמיטן די שאַרפע, שפּיציקע פיילן פון דער קריטיק. דאָס פאָלק מיט זיין געזונטן חוש איז אים געקומען צו הילף. די מאַסן האָבן אים אַרומגערינגלט מיט ליבע און אַכטונג און אים באַשיצט. גלייך ווי ער איז אַרויס אויפן ברייטן שליאַך פון דער ליטעראַטור האָט ער געמאַכט אויף זיי אַ שטאַרקן איינדרוק דווקא מיט זיין פשטות, מיט זיין האַרציקייט, מיט זיין הערלעכקייט און איבערלעכן כוח, מיט זיין אמתדיקער מענטשלעכער וואַרעמקייט, וואָס האַלט אָן און לעשט זיך קיין מאָל ניט אויס. זיי האָבן אין אים געזען דעם טרעגער פון פאָלקסצער, וואָס טראָגט אויף די פליגלען פון זיין ליד דאָס שווערע פעקל צרות און פאַרגרינגערט זייער געמיט.

ביי יידן איז פאַראַן אַ מיינונג: „קול המון כקול שדי" — די שטימע פון פאָלק איז ווי די שטימע פון גאָט; דאָס פאָלק האָט זיך ניט צוגעהערט צו די קריטיקערס און רייזען האָט געזיגט.

רייזען, ווי מיר האָבן געזען, שוועבט טאַקע ניט אין די הימלען, אָבער אויף דער ערד טוט ער אויס די שיך און פילט זי, די ערד, מיט אַלע געפילן. פאַר אים איז הייליק די ערד: „של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו קודש הוא."

אברהם רייזען איז געשטאָרבן אין מאַרץ 1953. דאָך קלינגט נאָך אָפּ דער ווידערקול פון זיין ליד ביז היינטיקן טאָג, מיט דער מעלאָדישקייט און צאַרטקייט, וואָס נאָר רייזען האָט געקענט שאַפן. זיינע דערציילונגען באַשיינען די ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיעס און קינדער־כרעסטאָמאַטיעס, וווּ נאָר אַ יידישע שול געפינט זיך.

ער האָט זיך כשר פאַרדינט, אַז די יידישע וועלט זאָל אים געדענקען און פייערן זיין הונדערטסטן געבוירן־יאָר.



שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

די יידישע געמיינדע אין לאָס אַנדזשעלעס האָט באַשטימט אויסצוטיילן איבער 25 מיליאָן דאָלער פאַר יידישע נויטן אין אייראָפּע, אין ישראל און צו הילף־אַגענטורן אין דער שטאָט. די סומע געלט שטיצט זיך אויף די זאַמלונגען וואָס דער פאַראייניקטער יידישער וועלפער־פאָנד האָט געשאַפן אין משך פון פאַריקן יאָר.

לויט די רעקאָמענדאַציעס פון דעם ספּעציעלן קאָמיטעט, וועלכע זיינען באַשלאָסן געוואָרן נאָך אַ געהעריקער אויספאָרשונג פון די באַדערפענישן און פון דער הילפס־אַרבעט וואָס די פאַרשיידענע אַגענטורן און אינסטיטוציעס פירן דורך וועט ישראל און די אָרגאַניזאַציעס מעבר לים קריגן נאָענט צו 69 פּראָצענט פון די געזאַמלטע פאָנדן, די רעשט ווערט אויסגעטיילט צו אינסטיטוציעס אין דער היגער קאָמיוניטי.

איבער 17 און אַ פערטל מיליאָן דאָלער ווערט איבערגעגעבן צום פאַראייניקטן יידישן אַפּיל. דער „אַפּיל" שטיצט, ווי באַקאַנט, די הילף און עמוירדזשענסי פּראָגראַמען אין דער יידישער מדינה, דעם „דזשאָינט", וועלכער פירט אָן מיט דער הילף־אַרבעט אין אייראָפּע, און די ניו־יאָרק אַסאָסיאיישאַן פאַר ניו־אַמעריקענס (ניאַנאַ), וואָס העלפט אַבסאָרבירן און איינאָרדענען ניי־געקומענע יידישע אימיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

## די הילף פאַר יידישע נויטן אין לאָס אַנדזשעלעס

די הילף־אַגענטורן און אינסטיטוציעס אין דער היגער יידישער קאָמיוניטי האָבן געקראָגן צוגעטיילט די סומע פון איבער זיבן מיליאָן דאָלער. (גענוי $7,301,837). דער באַגרענעצטער פּלאַץ אין „חשבון" דערלויבט אונדז לײדער ניט אויסצורעכענען יעדער באַזונדערע אינסטיטוציע און די צוגעטיילטע סומעס מוזן מיר דעריבער באַנוגענען בלויז מיט די סאַמע וויכטיקסטע:

די ביוראָ פאַר יידישער דערציונג וועט קריגן $1,229,535. דאָס איז מיט איבער $78,000 מער ווי פאַראַיאָרן. אגב איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די יידישע געמיינדע־ביבליאָטעק, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג וועט קריגן $56,407 — אַ העכערונג פון איבער $37,000 אין פאַרגלייך מיט פאַריקן יאָר. עס ווערט געפּלאַנט אַז די ביבליאָטעק צוזאַמען מיט אַ געהעריקן דענקמאָל פאַר די אומגעקומענע קדושים אין די נאַצי־שחיטות, וועט פאַרנעמען דעם גאַנצן אויבערשטן שטאָק פון דעם נייעם געמיינדע־בנין אויף 6505 ווילשיר בולוואַרד

ווי ס'איז באַקאַנט האָט די פאַרוואַלטונג פון דעם יידישן פעדעראַציע קאָונסיל פאַרקויפט דעם געמיינדע־בנין אויף 590 נאָרד ווערמאָנט עוועניו, מחמת דער געגנט איז אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון די געדיכט־באַוווינטע יידישע גאַסן אין שטאָט. די יידישע פעדעראַציע האָט אָפּגעקויפט אַ צען־שטאָקיקע געביידע אויף ווילשייר בולוואַרד, נאָענט צום יידישן געגנט, אויף דער מערב זייט פון לאָס אַנדזשעלעסער מעטראָפּאָליע.

די גרעסטע סומע איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער „יידישער קאָמיוניטי צענטערס אַסאָסיאיישאַן", וואָס פירט אָן מיט דער טעטיקייט פון זעקס קאָמיוניטי צענטערס אין לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט.

די אַסאָסיאיישאַן האָט געקראָגן די סומע פון $1,435,412. דאָס שליסט איין נאָענט צו $15,000 אויף צו דעקן דעם דעפיציט פון דעם באַשפּייזונג פּראָגראַם אין ווענים, ווו עס איז קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל פון דער עלטערער יידישער באַפעלקערונג. דער „איזראַעל לעווין צענטער“ אין ווענים וועט איצט זיין בכוח צו סערווירן פון 10,000 ביז 22,000 מאָלצייטן אַ יאָר און וועט קענען פונקציאָנירן 6 טעג אַ וואָך אַנשטאָט 3 טעג אַ וואָך.

די „יידישע קאָמיוניטי צענטערס אַסאָסיאיישאַן“ וועט אויך קריגן איבער $700,000 כדי צו העלפן דעם פאַמיליען דינסט פאַרגרעסערן אירע הילף־פּראָגראַמען. איינע פון די נייעסטע אויפטוען פון אָט דער אַגענטור איז צו ברענגען צענדליקער מאָלצייטן אַ טאָג צו עלטערע מענטשן, וואָס קענען ניט אַרויסגיין פון זייערע הייזער. (מיר ברענגען אָט די ציפערן מער דעטאַליזירט מחמת עס איז אָנגענומען ביי אַ סך מענטשן אַז יידן זיינען רייך אין אַמעריקע).

אַ סומע פון איבער $485,000 איז צוגעטיילט געוואָרן צום הלל־קאונסיל אויף צו קענען אויסשפּרייטן זיין קולטור און אויפקלער־אַרבעט צווישן יידישע סטודענטן אויף די אוניווערסיטעט קעמפּוסעס. לויטן באַריכט פון הלל־קאונסיל דערגרייכן זיי 34 לאָקאַלע אוניווערסיטעטן און קאלעדזשעס אין דרום קאַליפאָרניע.

די נאַציאָנאַלע אַגענטורן מחוץ לאָס אַנדזשעלעס האָבן געקראָגן די סומע פון קנאַפּע $700,000. פון דעם האָט די אַסאָסיאַציע פאַר יידישער בילדונג געקראָגן $35,000; דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס — איבער $73,000; דער אַמעריקאַנער אידישער קאָמיטעט — איבער $143,000; די בני־ברית אַנטי־דעפאַמיישאַן ליג — $143,000; דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט — $40,000; דער נעשאָנאַל קאָמיוניטי רילײשאַנס אַדווייזאָרי קאַונסיל — $36,000. אַלע ציפערן זיינען גענומען פון דעם אָפיציעלן בולעטין פון דער יידישער פעדעראַציע און זיי ווערן געגעבן אין קיילעכדיקע סומעס מחמת דוחק אין פּלאַץ. צוליב דער זעלביקער סיבה קענען מיר דאָ ניט דערמאָנען די שפּיטאָלן און מעדיצינישע קליניקס און אַנדערע אַגענטורן וועלכע האָבן געקראָגן צוגעטיילט פאָנדן פאַר זייער נוצלעכער אַרבעט.

## יידישער קולטור־קלוב פייערט ניינציקסטן געבוירן־יאָר פון תנחום ברייס

תנחום ברייס ווערט פאַררעכנט ווי אַ וועטעראַן אין דעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשלעסעס, אין וועלכן ער איז טעטיק כמעט אַזוי לאַנג ווי ער איז אין דער שטאָט. אָבער דאָס איז ניט די איינציקע קולטור־אינסטיטוציע אין וועלכער חבר ברייס איז אַקטיוו. ער איז אַ לאַנגיאָריקער טוער אין אַרבעטער רינג, ווו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם מאָהילעווער ברענטש 275, אין 1912. ברייס איז אַן אַקטיווער מיטגליד אין דעם ייוואָ־קאָמיטעט אין ל. א., וואָס האָט אים אָגב אָפּגעגעבן כבוד צו זיין יובילײ ביי דער הײ־יאָריקער קאָנפערענץ. און ער איז אַ סך יאָרן געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, זינט ער איז אין יאָר 1912 געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

ביי דער יובילײ־פייערונג אין קולטור־קלוב, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 22טן נאָוועמבער, 1975, האָט שלמה צוקערמאַן, אַ לאַנג־יאָריקער פריינד פונעם יובילאַר און איינער פון די הויפּט־פירערס אינעם קלוב, געהאַלטן אַ האַרציקע רעדע וועגן תנחום ברייס, אין וועלכער ער האָט זיך באַמיט אַרומצונעמען די פילזייטיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פונעם בעל־היובל.

חבר צוקערמאַן, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער פייערונג, האָט צום ערשט דערציילט וועגן די שוועריקייטן וואָס דער קלוב האָט געהאַט צו קריגן די הסכמה פון חבר ברייס צו דער היינטיקער פייערונג. באַמיאונגען פון דעם קלוב צו פייערן זיין 75סטן און שפּעטער דעם 85סטן געבוירן־יאָר האָבן זיך ניט איינגעגעבן. ביז דער פּרעזידענט פונעם קולטור־קלוב, חבר אַלעקס ראָבין, האָט געמאַכט אַ ספּעציעלן באַזוך ביי די ברייסעס אין זייער



נייער היים אין רעסידאַ... עס איז דאָך עפּעס דער 90סטער געבוירן־יאָר און סיי די חשיבות פונעם יובילאַר און דער פּרעסטיזש פונעם קולטור־קלוב האָט פאַרלאַנגט ענדלעך צו אַראַנזשירן אַ פּאַסנדיקע שמחה.

## אויסצוגן פון דער רעדע פון שלמה צוקערמאַן

דאָס מאָל האָט ברייס צוגעשטימט, האָט שלמה צוקערמאַן אָנגעהויבן זיין אַריינפירוואָרט, און גוט וואָס ער האָט מסכים געווען. ער האָט דעם היינטיקן יום־טוב וואָס דער קלוב מאַכט אים, ווי מען זאָגט, כשר פאַרדינט. און ראָבינען קומט אַ דאַנק וואָס ער האָט אים איבערצייגט אין דעם. ברייס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר זיינע סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייטן.

דערביי גיט איבער שלמה צוקערמאַן אין קורצן די ביאָגראַפיע פון אונדזער יובילאַר:

ער איז געבוירן אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן. צו 11 יאָר מוז ער שוין גיין אַרבעטן און העלפן אין דער חיונה. צו 13 יאָר פאָרט ער אַליין אין דער גרויסער שטאָט לאָדזש צו פאַרבעסערן זיין מערכה און אויך לערנען.

מיר קענען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס אַזאַ יונגער יינגל גייט דורך אין אַזאַ שטאָט איינער אַליין.

צו 16 יאָר שליסט ער זיך אָן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און ווערט באַלד אַקטיוו. די פירערשאַפט אין דער פאַרטיי דערקענט אין דעם יונגן בחור די פעאיקייטן אַלס אָרגאַניזאַטאָר און אַגיטאַטאָר, און שיקט אים אַרום איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן צו אַגיטירן פאַר דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. די פאַרטיי איז געווען אומלעגאַל, איז ער געשיקט געוואָרן אונטער פאַרשיידענע נעמען, כדי ניט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי.

סוף כל סוף ווערט ער אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע סאָציאַליסטן, ווי נחום כאַנין, ביניש מיקאַלעוויטש, און אַנדערע, און ער איז אָפּגעזעסן 8 חדשים אין תפיסה.

אַרויסקומענדיק פון תפיסה גרינדעט ברייס, צוזאַמען מיט אַ גרופּע קולטור־טוער, די קולטור־געזעלשאַפט „די האַרפּע“. זיי טוען אַ פאַרצווייגטע אַרבעט. זיי ברענגען אַראָפּ י״ל פּרץ און מענדעלע מוכר ספרים קיין לאָדזש, צו האַלטן לעקציעס, און ברייסן איז דעמאָלט צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו איבערגעבן אַ שריפט אויף פּאַרמעט דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור. דער שריפט האָט זיך געפונען אין דעם מוזעום, דאַכט זיך אין אָדעס, ביז היטלער ימח שמו האָט אַלץ פאַרניכטעט.

אין 1910 קומט ברייס קיין ניו־יאָרק און ער ווערט באַלד אַקטיוו אויף פאַרשיידענע געביטן. צוזאַמען מיט דעם זשורנאַליסט און אַרבעטער פירער, הערי לאַנג ע״ה, גרינדן זיי די פּיינטערס און פּייפּערהענגערס יוניאָן און ווען זיי גייען אַרויס אין סטרייק ווערט ברייס באַשטימט צו זיין דער פאָרזיצער פון סטרייק־קאָמיטעט און אים ווערט איבערגעגעבן די מיסיע צו פאַרהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים.

ברייס איז אויך געווען אַ מיטגליד אין „פאָרווערטס“־אַסאָסיאיישאַן, און איינער פון די גרינדערס פון דער יידישער פעדעראַציע אויף דער קאָנווענשאַן אין ניו־הייווען אין 1912.

תנחום ברייס ווערט אויך אַקטיוו אין אַנדערע קהלישע טעטיקייטן. ווען דער „פּיפּלס רעליף“ אָרדנט איין דעם ערשטן יאָרצייט נאָך י״ל פּרץ אין 1916 אין ניו־יאָרק, אין סטאַר קאַסינאָ האָל, ווו ס'זיינען געקומען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי שמריהו לעווין, דוד פּינסקי, דזשאָדזש פענקין, און אַן עולם פון איבער דריי טויזנט מענטשן, ווערט ברייסן צוגעטיילט דעם כבוד צו זיין דער פאָרזיצער פון יענעם היסטאָרישן אָוונט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער „פּיפּלס רעליף“ ברייטעט אויס זיין אַרבעט, וואַרפט זיך ברייס אַריין מיט זיין גאַנצן ברען אין דער הילפס־אַרבעט און ווערט באַשטימט פון ברוך צוקערמאַן, וואָס איז געווען דער הויפּט פון „פּיפּלס רעליף,“ אַלס מענעדזשער פון דער קליידער קאָמפּאַני אין די בראָנקס.

אין 1926 איז תנחום ברייס געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווו ער ווערט איי־

נער פון די גרינדערס פון היגן ייוואָ־קאָמיטעט און איז איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער אין אַרבעטער רינג. ער ווערט אויך טעטיק אין דעם הסתדרות־קאַמפּיין און שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמפּיין צו פאַרקויפן ישׂראל־באָנדס, ווערט בריס דער טשערמאַן פון דער אַרבעטער רינג אָפּטיילונג פאַר די ישׂראל־באָנדס.

מיין מיטאַרבעטן מיט ברייסן אין קולטור־קלוב האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט אַרום דרייסיק יאָר צוריק. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ וועטעראַן אין קלוב.

איך געדענק גאַנץ גוט ווען מיר האָבן געהאַט די עקזעקוטיוו אָדער די פאַרוואַלטונגס מיטינגען אין די צייטן ווען רויזענבלאַט איז געווען פּרעזידענט פון קלוב, דאַן פרידלאַנד, טענענהאָלץ, קאָפּילאָף. ס'איז אָפּט מאָל געווען מיינונגס פאַרשידנקייט. האָבן מיר אַלע געוואַרט אַז ברייס זאָל נעמען דאָס וואָרט און מייסטנס האָבן מיר אָנגענומען זיין לעצט וואָרט.

רויזענבלאַט מיט זיין הומאָר האָט אָפּט מאָל נאָך אַ דיסקוסיע אַ זאָג געטאָן: „נו לאָמיר הערן וואָס דער „בויטשיק“ (ברייס) האָט צו זאָגן“.

ער האָט געהאַלטן פון ברייסעס פּראַקטישקייט און גראַדן שכל. אַזוי אויך האָבן אַלע אַנדערע פירערס געדענקט וועגן אים.

היינט אין קלוב פירן מיר זיך אויף ווי עלטערע שטאַטס־מענטשן. אַלץ גייט צו אין אַ שטילן טאָן, געלאַסן. נישט חלילה אַ הויך וואָרט. אָבער אין יענע צייטן זיינען די מיטינגען געווען היציק, זיך געקאָכט, און ניט איין מאָל האָט איינער פון די פירערס זיך אויפגעהויבן און אַוועק אין מיטן מיטינג. ברייס איז געווען דער וואָס האָט אַלע מאָל באַרואיקט די געמיטער און געמאַכט שלום.

ער איז אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז דער קלוב זאָל אָפּהיטן די אומפּאַרטייאישקייט. און לאָמיך דאָ באַמערקן אַז כאָטש ברייס איז נישט געווען באַגייסטערט אַז דער קלוב זאָל אין איצטיקן בנין־מאַכן זיין היים, מורא האָבנדיק אַז ער זאָל נישט פאַרלירן די אומפּאַרטייאישקייט, אָבער זעענדיק אַז מיר זיינען אויך איצט צוריק איין משפּחה, איז ער גליקלעך ביז גאָר.

ער האָט אויך געהיטן אַז קאָמוניסטן זאָלן נישט האָבן קיין צוטריט אין קלוב.

ער איז אַ סך יאָרן געווען וויצע־פאָרזיצער פון קלוב. און ווען מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַ פּרעזידיום פון 3, איז ברייס געווען דער הויפּט פון פּרעזידיום. בכלל איז ער סיי ווי געווען ווי מ'זאָגט אַ מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל.

צום סוף ווינטשט חבר צוקערמאַן דעם יובילאַר און זיין פרוי טילי געזונט און לאַנגע יאָרן אין זייער נייער היים און ער גיט איבער דעם בעל שׂמחה אַ לויבשריפט, ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר די פאַרדינסטן פון חבר ברייס פאַר דעם קלוב.

דער יובילאַר ווערט אויך באַגריסט פון אַלעקס ראָבין אין נאָמען פון ייוואָ־קאָמיטעט און פון יוסף טילעס — אגב אַליין אַ 90 יאָריקער בעל־יובל — אין נאָמען פון אַרבעטער רינג. עס באַגריסט אויך משה נאָבעלמאַן, ווי אַ לאַנגיאָריקער פריינד פון ברייס, איבערגעבנדיק זכרונות פון זייער ביידנס צוזאַמענאַרבעט פון אַמאָל.

אַלעקס ראָבין האָט אין זיין קורצער באַגריסונג געזאָגט: „מיט 80־90 יאָר צוריק זיינען געבוירן געוואָרן די הערלעכסטע סאָציאַלע באַוועגונגען אין יידישן לעבן און די הערלעכסטע און באַגאַבסטע מענטשן אין אָט די באַוועגונגען, הגם עקאָנאָמיש האָט גראַד דער דור געלעבט אין אַ טרויעריקן מצב.“ ראָבין דערמאָנט די שפּעטערדיקע וווּנדערבאַרע געבורט פון ייוואָ, אירע גרינדערס און טוערס. ער דערציילט צווישן אַנדערעס, אַז תנחום ברייס האָט געהאָלפן אַרויסגעבן אַ וויכטיק היסטאָרישע ווערק פון שמערוק. אגב איז באַקאַנט געוואָרן אַז ברייס האָט אָפּגעשריבן צוועלף טויזנט דאָלער פאַרן ייוואָ אײדער ער האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי זיך אַריבערגעצויגן אין דער רעסידאַ היים.

שריפטלעכע באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ד״ר עזריאל נאַקס, פאָרזיצער; סערגיי און בעטי נוטקעוויטש, און פון לילקע און שלמה מייזנער. די נאַציאָנאַלע אָנפירונג פון ייוואָ אין ניו־יאָרק האָט אין שריפטלעכער באַגריסונג דערמאָנט אַז תנחום ברייס האָט געהאָלפן דורכפירן



אַ ריי ייוואָ פּראָיעקטן, פאַר וועלכער ער פאַרדינט באַזונדערע אָנערקענונג.

דער בעל־שׂמחה איז געווען גערירט פון די אַלע שבחים וואָס זיינען אים צוגעטיילט געוואָרן, אָבער ווי אַ געניטער געזעלשאַפטלעכער טוער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַ גרויסע אָוואַציע פונעם עולם טאָר מען ניט האַלטן קיין לאַנגע רעדע, מחמת דאָס קען בלויז אָפּשוואַכן דעם קלימאַקס פונעם אָוונט. ער פאַרענדיקט מיט אַ האַרציקן דאַנק צו די פירערס און טוערס פון יידישן קלוב פאַר דעם כבוד וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן.

דער אָוונט האָט זיך געענדיקט אין דער זעלביקער הויכער שטימונג אין וועלכן ער האָט זיך אָנגעהויבן.

## „ייוואָ“־מסיבה גיט אָפּ כבוד צוויי אַקטיווע טוערס

דער הײ־יאָריקער צוזאַמענקום פון ייוואָ אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער היים פון יידישן קולטור־קלוב, האָט אָפּגעגעבן כבוד צו תנחום ברייס און יוסף טילעס, צו זייער 90סטן געבוירן־יאָר. יוסף טילעס איז אַ לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון היגן ייוואָ־קאָמיטעט און תנחום ברייס איז אַן אַקטיווער טוער און אַ ברייטהאַרציקער נדבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

דער עולם האָט אויסגעהערט אַ רעפעראַט פון פּראָפעסאָר אליהו קאַץ אויף דער טעמע: „די נייע תקופה פון יידישקייט אין אַמעריקע“ אין וועלכן ער האָט צווישן אַנדערעס אָנגעוויזן אויף דער פּלוראַליסטישער קולטור אין אַמעריקע, אין וועלכער די יידישע אימיגראַציע האָט אַריינגעטראָגן איר אייגענעם נוסח, וואָס איז אַלס אַ כלל געווען וועלטלעכע יידישקייט. די שפּראַך אין יידישע היימען איז געווען ס'רוב יידיש. אָבער אין דער נייער תקופה איז שוין ניט מער פאַראַן קיין איינשטימיקייט בנוגע אַ ריי פּראָבלעמען פון יידישקייט און די הײ־געבוירענע דורות לעבן זיך ניט מער אויס מיט דער יידישער שפּראַך און קולטור. שאַפן זיך דעריבער נייע פּראָבלעמען, וועלכע דער רעדנער האָט אויספירלעך באַהאַנדלט.

דער עיקר טאָן פון פּראָפ' קאַץ איז געווען: מען דאַרף ניט זיין פּעסימיסטיש בנוגע דעם יידישן קיום אין אַמעריקע און מיר דאַרפן אויך להבא באַפעסטיקן דעם יידישן קולטור־אוצר, וועלכן מיר דאַרפן מיט גרויס אַחריות אָפּהיטן.

פריינד אַלעקס ראָבין, דער פאָרזיצער פון דער מסיבה, האָט געגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם מצב פון ייוואָ און וועגן די פּראָיעקטן וואָס די אָרגאַניזאַציע פאַרנעמט זיך דורכצופירן. אין שייכות מיט דער ווייטערדיקער אַרבעט האָט פריינד ראָבין מיטגעטיילט, אַז דער אוניווערסיטעט אין ירושלים האָט זיך פאַרנומען מיט דעם ווייטאָגדיקן פּראָבלעם: ווער זאָל איבערנעמען די רעדאַקציע פון דעם גרויסן יידישן ווערטערבוך נאָך דעם טויט פון יודל מאַרק. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון צען מענטשן — פינף פון ישׂראל און פינף פון די תפוצות — וואָס וועלן ווייטער אָנפירן מיט דער אַרבעט פון דעם ווערטערבוך און אַרויסגעבן די המשכדיקע בענד פון דעם גרויסן ווערק.

דער פאָרזיצער באַגריסט זייער האַרציק ביידע יובילאַרן און ווינטשט זיי צו זיין געזונט און פאָרזעצן זייער אַרבעט לטובת ייוואָ. „תנחום ברייס און יוסף טילעס האַלטן פון דער שיינער מידה פון באַשיידנקיים“, האָט ראָבין געזאָגט. „זייער נוסח איז בקול דממה דקה און ביידע פאַרקערפּערן אין זיך די גאַנצקייט און גלויבן וואָס זייער דור האָט אַנטוויקלט און פון וועלכע מיר, די ייִנגערע, האָבן אַ סך געלערנט. ביידע האָבן דורכגעמאַכט אַ גוטע געזעלשאַפטלעכע שול און ביידע זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער פאָלקס־אינטעליגענץ און אַלץ וואָס באַרייכערט גייסטיק געפינט ביי זיי אַ תיקון.“

דער פאָרזיצער אַפּעלירט צום עולם מ'זאָל ווי ווייט מעגלעך פאַרגרעסערן דיביישטייערונגען. דער פאָרזיצער טראָגט צו זיין ביישטייערונג פון 300 דאָלער פאַר אַ סקאָלערשיפּ.

שייע שיכאַטאָוו, דער פּראָט. סעקרעטאַר פון ייוואָ־קאָמיטעט, לייענט די שריפטלעכע באַגריסונגען פון ייוואָ־דירעקטאָר יוסף בערג, אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג און מיטאַרבעטער פון ייוואָ; פון ציליע אַלפּערט, פון סאַן פראַנציסקאָ, און פון פלאָראָ און שמואל ווייס. פּערזענלעכע

פריינט פון ביידע יובילאַרן. פריינד שיכאַטאָוו באַגריסט אויך די בעלי שמחה אין זיין אייגענעם נאָמען, ווי אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון תנחום ברייס און יוסף טילעס פאַר די לעצטע 18 יאָר זינט ער איז אין לאָס אַנדזשעלעס. אגב איז חבר שיכאַטאָוו אַ ביסל יונגער פון זיינע קאָלעגן: ער איז ערשט לעצטן פעברואַר געוואָרן 80 יאָר אַלט, ביז הונדערט און צוואַנציק.

ד״ר אברהם זיגלבוים האָט באַשיינט דעם צוזאַמענקום מיט צוויי פּראַקטיקע רעציטאַציעס: „וואָס איז יידישקייט“, פון י״ל פּרץ, און „אַ יידישע קרוין“, פון יעקב גלאַטשטיין. די מסיבה האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ געהויבענער יום־טובדיקער שטימונג.

## אַרבעטער רינג האַלט אָפּ יערלעכע ראַיאָן קאָנפערענץ אין לאָס אַנדזשעלעס

די קאָנפערענץ האָט אָפּגעהאַלטן פיר סעסיעס: אַ דערעפענונג־סעסיע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון לעאָן וואָלט, אַ פּלימעניק פון אַברהם ליעסין ז״ל און איינער פון די אַקטיווסטע טוערס צווישן די הי־געבוירענע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג.

אַ צווייטע סעסיע, שבת, דעם 13טן דעצעמבער, ביי וועלכע עס איז סערווירט געוואָרן לאָנטש פאַר די דעלעגאַטן און געסט איז געווען געווידמעט צו דוד גאָלדמאַן, דירעקטאָר פון דעם אַרב. רינג ראַיאָן, וואָס גרייט זיך איצט צוריקצוציען פון זיין אַמט. מיט אָט דער סעסיע האָט אָנגעפירט נ. גורעוויטש, פאָרזיצער פון אַרבעטער רינג דיסטריקט קאָמיטעט.

דער בעל שמחה איז באַגריסט געוואָרן פון דעם פאָרשטייער פון דער נאַציאָנאַלער אָנפירונג פון דעם אָרדן, נ. פעסקין, וועלכער האָט אַרויסגעהויבן גאָלדמאַנס פאַרדינסטן פאַר דעם אַלגעמיינעם אַרב. רינג און באַזונדערס זיינע פאַרדינסטן פאַר דער ל. א. אָרגאַניזאַציע. עס האָט אויך באַגריסט דייוויד דייווידסאָן, איינער פון די אַקטיווסטע טוערס פון דעם ענגלישן ברענטש, וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ מתנה צו גאָלדמאַנען אַלס אַן אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר זיינע דערגרייכונגען אין דער היגער אָרגאַניזאַציע. פריינד דייווידסאָן האָט דערקלערט, אַז ער פאַרטרעט סעם פּאָול, דעם פאַרטרעטער פון אַרבעטער רינג אין דרום קאַליפאָרניער אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דעם אָרדן, וועלכער האָט ניט געקאָנט קומען צו דער פייערונג מחמת זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד.

דער דירעקטאָר פון דער היים פאַר עלטערע, מר. סעמועל קעי, האָט באַגריסט דעם בעל־שמחה אין נאָמען פון דעם באָרד אָוו דירעקטאָרס פון דער היים. ער האָט אין זיין וואַרעמער באַגריסונג־רעדע דרך אגב מיטגעטיילט וועגן דעם פּראָגרעס פון דער היים, צובויענדיק נייע בנינים ווי אויך אַ ספּעציעלער מעדיצינישע אָפּטיילונג צו באַדינען די איינוווינערס. ער האָט געלויבט דעם בייטראָג פון דוד גאָלדמאַן צו דער היים און באַזונדערס צו דער אַרבעטער רינג אָפּטיילונג. מר. קעי האָט איבערגעגעבן אַ מתנה צו גאָלדמאַנען ווי אַן אַנערקענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן.

דר. יהודה שאַפּיראָ, פּרעזידענט פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, האָט געהאַלטן אַ לענגערן רעפעראַט וועגן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב פון מדינת ישראל, ווו ער איז לעצטנס געווען אַ דעלעגאַט צו דער עמוירדזשענסי קאָנפערענץ אין ירושלים. דר. שאַפּיראָ האָט צום סוף פון זיין רעדע זייער וואַרעם באַגריסט דעם בעל־שמחה, וועמען ער האָט אָנגערופן „דער טאַטע פון אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס.“ ביי דער פייערונג זיינען געווען: אַדעל, די פרוי פון דוד גאָלדמאַן און זייערע קינדער און אייניקלעך. אגב, איינע פון גאָלדמאַנס אייניקלעך איז איצט אַ גראַדואַנטין פון דער היגער י. ל. פּרץ מיטל־שול.

די יום־טוב שטימונג פון דער לאָנטשען־סעסיע איז אויך אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דעם צוזאַמענקום פון אַ גרעסערן אַרבעטער רינג עולם, זונטאג פרי, אין דער היים פאַר עלטערע. די סעסיע איז אָנגעפירט געוואָרן פון מאַקס ראָמעק, איינער פון די לאַנג־יאָריקע טוערס אין אַרבעטער רינג. דוד גאָלדמאַן האָט אויסגעטיילט לויבשריפטן צו פינף מיטגלידער וואָס האָבן דערגרייכט דעם בכבודיקן עלטער פון 90 יאָר. דאָס זיינען: תנחום ברייס, היימאַן פינקל, סעם ליפשיץ, יוסף טילעס און הערי אַבאַרבאַנעל. די ערשטע דריי זיינען איצט איינוווינער אין דער היים, אָבער זיי זיינען אַלע טעטיק אויף זייער אופן אין דעם גרויסן יידישן אַרבעטער אָרדן. דער גאַנצער עולם פון א. ר. איז פאַרבעטן געוואָרן אויף לאָנטש אין דעם רחבותדיקן זאַל פון דער היים, ווו דוד גאָלדמאַן האָט איבערגעגעבן צו דער פאַרוואַלטונג פון דער היים אַ טשעק אויף דער סומע פון צוואַנציק טויזנט דאָלער.

ביי דער לאָנטשען־סעסיע אין דער היים וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון עד בוזיק, זיינען די רעדנערס געווען: סעמועל קעי און נעט פעסקין. ביי אָט דער סעסיע האָט גאָלדמאַן פאָרמעל איבערגענומען זיין נייעם אַמט אַלס קאָנסולטאַנט פון דער היים, מיט די בעסטע ברכות פאַר זיין דערפאָלג מצד די איינוואוינערס פון דער היים און ספּעציעל פון די אַרבעטער רינג מיטגלידער, וועלכע זיינען די וואַרעמסטע שטיצערס פון דער היים. עס זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס פאַר ברייטערע הילף צו ישראל; פאַר אויסברייטערן דעם יידישן דערציונג וועזן; צו שטיצן דאָס סאָוועטישע יידנטום אין זייער געראַנגל פאַר יידישן קיום און פאַר פרייהייט אויסצוואַנדערן; פאַר אַ נאַציאָנאַלן געזונט־פאַרזיכערונג פּראָגראַם און צום סוף — אַ רעזאָלוציע צו פאַרדאַמען די באַמיאונגען אין דער יו־ען צו פאַרבינדן ציוניזם מיט ראַסיזם.

די ראַיאָן־קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג, וועלכע האָט אַרומגענומען די ברענטשעס אין לאָס אַנדזשעלעס, אין סאַן פראַנציסקאָ און אין אַריזאָנאַ, האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ גוטער שטימונג און מיט קאָלעקטיווע באַשלוסן ווייטער צו בויען דעם גרעסטן יידישן אַרבעטער אָרדן אין אַמעריקע.



## יידישע קהילה אין לאָס אַנגעלעס פאַרמעסט זיך צו שאַפן 35 מיליאָן דאָלער פאַר יידישע נויטן

דער יידישער פעדעראַציע־קאָונסיל אין ל. א., וואָס נעמט אַריין כמעט אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער שטאָט, האָט שוין פּראָקלאַמירט איר היי־יאָריקן קאַמפּיין פאַר פאָנדן אויף צו העלפן ישראל, די יידישע ישובים אין אייראָפּע און די לאָקאַלע נויטן פון דער היגער יידישער געמיינדע. ווי אַלע יאָר וועט די קאַמפּאַניע געפירט ווערן פון דעם „פאַראייניקטן יידישן וועלפעיר פאָנד“ מיט דער מיטהילף פון וואָלונטירן, וועלכע וועלן אָנקלאַפּן אין יידישע טירן צו זאַמלען געלט פאַר יידישע הילף־צוועקן.

די היי־יאָריקע הילף־קאַמפּאַניע האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו זאַמלען 35 מיליאָן דאָלער. דאָס איז מער ווי פאַראַיאָרן, מחמת די נויטן אין ישראל, אין אייראָפּע און אין לאָקאַלע הילף־אינסטיטוציעס זיינען היינט גרעסער ווי פריער.

פאָרשטייער פון איבער זעכציק יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ל. א. האָבן זיך פאַרפליכטעט ניט צו פירן קיין באַזונדערע „דרייווס“ פאַר זייערע באַדערפענישן נאָר קאָנצענטרירן זייערע געזעלשאַפטלעכע ענערגיעס פאַר דער אַלגעמיינער קהלשער קאַמפּאַניע. די קאַמפּאַניע האַלט אָן במשך די חדשים יאַנואַר, פעברואַר, מערץ און אַפּריל ביזן 2טן מאַי, ווען די געמיינדע וועט האָפנטלעך דערגרייכן איר היי־יאָריק ציל.

יעדער ייד, אָן אונטערשייד פון זיין פּאָליטישער אָדער געזעלשאַפטלעכער פאַרבינדונג, וועט דאַרפן טאָן זיין הייליקע פליכט און בייטראָגן אַזוי פיל ווי עס איז נאָר מעגלעך צו דערגרייכן דעם מאַקסימום־ציל פון דער הילף־קאַמפּאַניע פאַר יידישע הצטרכותן.

עס איז אַרויס פון דרוק אַ ניי בוך פון אברהם גאָלאָמב
דאָס בוך האַלט 336 זייטן און קאָסט $10. — אַדרעס:
A. GOLOMB
1264 North Harper, Apt. 1 • Los Angeles, Calif. 90046

**א. גאָלאָמב**

# הענעך בערמאַן — אַ בן שמונים

איז שוין, הייסט עס, פריינד הענעך בערמאַן אויך אַן אַכציקער. באַגריס איך אים האַרציק און איך טראַכט דערביי אויך אַנדערע געדאַנקען: ווו זיינען מיר „אַלט־וואַרג" און ווו זיינען די יינגערע? עפּעס טרעפן מיר זיך ניט: דאָרטן ווו מיר קומען, קומען ניט די יונגע און מיר צו זיי האָבן אויך ניט נאָך וואָס צו קומען און וועמען זען. צוויי וועלטן זיינען דאָס. פאַראַנען אַ קלוב, אַ יידישער קולטור־קלוב, אַלע שבת צונאַכט קומען זיך יידן צונויף און מען האָט אַ פיינעם קולטור־אָוונט. נו, טרעפט איר דאָרט אַ מאָל אַ „יונגן מענטשן"? איך זאָג יונג. אָבער אין דער אמתן קומען אַהין נאָר אַלטע, איבער 60, 70.

פריינד הענעך בערמאַן קען גוט לערנען. אַ מאמר חז"ל — אַדרבא, פרעגט ביי אים, וועט ער אייך זאָגן. ער האָט אַפילו סמיכה אויף הוראה. און זיינע אייניקלעך קענען ניט, פאַרשטייען ניט קיין יידיש. און מיינע אייניקלעך פאַרשטייען דען יאָ? און אייערע?

זיינען מיר צוויי דורות אָדער צוויי וועלטן? — אַ יידישע וועלט אָדער אַ... איך ווייס אַליין ניט ווי אָנצורופן. קיין גוים זיינען זיי ניט. עס זאָל חלילה ניט געמאָלט זיין, אוי, וועט מען זיי געבן ווי יידן... זיינען זיי יידן? מיט וואָס? מיט ווען? ניט דאָס און ניט יענץ — ניט גוים און ניט יידן. הענגען זיי צווישן, ווי מען זאָגט עס אין העברעיש: תלויים ועומדים — ניט קיין יידן און ניט קיין גוים. והיה ביום פקדי ופקדתי: אין אַ טאָג, ווען ניט־יידן וועלן פסקענען ווער איז אַ ייד, וועט מען זיי „צורעכענען צום מנין." די גוים וועלן שוין וויסן ווער עס איז אַ ייד...

האָב איך גענומען שרייבן וועגן פריינד הענעך בערמאַן און בין אַוועק גאָט ווייסט וווהין. דאַרף מען ריידן ניט וועגן הענעך בערמאַנען בכלל אין דער יידישער וועלט, ווייל איך ווייס גאָר ניט צי איז איצט דאָ אַזאַ איינהייטלעכע יידישע וועלט. וועלן מיר בעסער ריידן וועגן פריינד בערמאַן אין די ראַמען פון זיינע יידן, פון זיין יידישער וועלט.

ווי געזאָגט איז פריינד בערמאַן אַ תלמיד חכם. דאָס וואָס ער איז אויך אַ בן הרב, אַ זון פון אַ רב אין פוילן, דאָס וואָס זיין פאָטער האָט געשריבן היפּשע ספרים — דאָס איז ניט זיין פאַרדינסט. ווי זאָגן יידן: „יחוס אָבות נאַ בית הקברות", דאָס אָבער וואָס פר. בערמאַן דרוקט איבער דעם פאָטערס ספרים, דאָס איז פר. בערמאַנס פאַרדינסט. צי וועט זיין זון האָבן אַ דרך ארץ פאַר זיין טאַטנס תורה? כמעט ניט קיין ספק. און מיין זון וועט דען זיין בעסער? און אייער זון?

אונדזערע עלטערן זיינען ניט צופרידן געווען מיט אונדזער יידישקייט. געווען אַ צו גרויסער מרחק צווישן מיין טאַטנס יידישקייט, דעם פר. בערמאַנס טאַטנס יידישקייט און זיינער. אָבער די יידישקייט איז געווען איינע און די זעלביקע. עס קען זיין דער אויוון אָנגעוואַרעמט ביז 500 גראַד, און עס קען זיין אָנגעוואַרעמט נאָר ביז הונדערט גראַד. אַזוי איז עס ביי אונדז און אונדזערע עלטערן. די פראַגע איז אין כמות יידישקייט.

גאָר אַנדערש איז עס ביי אונדז און אונדזערע קינדער. קודם כל איז עס דאָס לשון: פריינד בערמאַן און זיין טאַטע האָבן געהאַט איין לשון; איך און מיין טאַטע, איך, מסתמא אַלע לייענערס אַזוי. מיר און אונדזערע עלטערן — האָבן מיר געהאַט איין לשון. און איין לשון איז איין וועלט. גאָר אַנדערש איז עס צווישן אונדז און אונדזערע קינדער. נאָך מער צווישן אונדז און די אייניקלעך. עס זיינען צוויי וועלטן. די פראַגע איז ניט אין כמות — וויפל יידישקייט עס איז דאָ. די פראַגע איז איכות־פראַגע: יידישקייט אָדער אַ געמיש פון ענגלישקייט מיט... איך ווייס ניט ווי אָנצורופן דאָס. אויב אָבער מיר ריידן וועגן פריינד בערמאַן, דאַרפן מיר ריידן וועגן אים און זיין וועלט, ניט אין דער וועלט פון די קינדער. מיר וועלן זיך אין זייער וועלט סיי ווי ניט קענען צונויפלעבן.



איך האָב שוין אויבן געזאָגט אַז בערמאַן איז אַ רב און אַ תלמיד חכם, און כאַפּט זיך נאָך איצט אָפּט אַריין צו לערנען אַ שיעור... ער איז אָבער אַריינגעלעבט אין דער וועלטלעכער יידישקייט. ער איז שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער אויסגאַבע פון דעם זשורנאַל „חשבון". ער איז דער געלט־באַזאָרגער. אַ מאָדנע זאַך: אַלעמען באַזאָרגט ער מיט געלט. בלויז זיך האָט ער פאַרגעסן.

אַז איך האָב געבעטן פריינד בערמאַן עטוואָס ידיעות וועגן זיין אָפּשטאַם, האָט ער מיר אָנגעגעבן יחוס אַז איך האָב זיך גאָר דערשראָקן. דורות גאַנצע גדולי התורה, סאַמע רבנים, גאונים... האָב איך זיך דערמאָנט אַ ווערטל פון מיין שטעטל סאַמע ליטוואַקעס בני ליטוואַקעס, וואָס האַלטן ניט פון יחוס. אַז עמיצער הייבט אָן צו דערציילן זיין יחוס, זאָגן אים ליטוואַקעס: „יחוס אָבות אויפן בית הקברות." וואָס ליטוואַקעס קענען! אַזוי ווי איך בין, זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ סאַמאָראָדנער ליטוואַק, וועל איך פון יחוס גאָר ניט דערציילן. אמת, דער יחוס האָט געשפּילט ביי יידן אַ ראָל, אָבער מיר געפעלט מער דער מאמר חז"ל: „הזהרו בבני עמי הארץ, שמהם תצא תורה."

איך וועל יוצא זיין מיטן שרייבן, אַז קיין יחוס פעלט ניט דעם פריינד בערמאַן. איך וועל אָנהייבן פון אים אַליין. זיין פאָטער דער רב האָט אים געשיקט לערנען. איך וועל נאָר זאָגן, אַז די זעקס און דרייסיק דור נאָך דור (סאַמע ל"ו!) רייסט זיך איבער. (דער יונג־פאַרשטאָרבענער ברודער איז טאַקע געווען אַ רב. שטאַרקמאַן ע"ה האָט מיך אַמאָל באַקאַנט מיט אים). אַ היפּשער טייל פון דער רבנישער משפחה איז אומגעקומען פון די דייטשן ימ"ש. עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ פאַרדינסט פון געבליבענעם זון דאָס באַמיען זיך אַרויסצוגעבן דעם טאַטנס אַ ספר, הגם ער אַליין איז שוין אַוועק פון יענער יידישקייט — אויב נאָר דער כתב איז נאָך גוט. ער איז ווי אין צוויי וועלטן: אַליין ווייט אַוועק פון דער רעליגיעזער וועלט, דורך און דורך דורכגעווייקט און איינגעפּעדעמט אין דער דאָזיקער וועלט און קען זיך אייגנטלעך פון איר ניט אַרויסרייסן.

אַ רב, האָט בערמאַנס טאַטע אים געשיקט לערנען אין ליטווישע ישיבות — אין ראַדין צום באַרימטן „חפץ חיים" — ר' ישראל מאיר הכהן, וואָס האָט אין קליינעם שטעטל געהאַט אַ גרויסע באַרימטע ישיבה. זי האָט געצויגן לערנערס פון גאַנץ רוסלאַנד. דאָרטן האָט אויך געלערנט הענעך בערמאַן. איי ער איז אַרויס ניט קיין פרומער — איז די ישיבה ניט שולדיק. דערפאַר איז זיין ברודער יאָ געווען אַ רב (יונג געשטאָרבן). דער ברודער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז גאָט האָט געוויזן משהן דעם קשר תפילין, ווי עס שטייט געשריבן. אָבער הגם פר. בערמאַן איז לגמרי ניט קיין פרומער און איז גאַנץ קריטיש צו פאַרשיידענע רעליגיעזע יסודות, דאָך איז די היים אויף אים שטאַרק קענטיק. ער דערציילט אָפּט דעם טאַטנס ווערטלעך און מימרות; ער נוצט אָפּט מאמרי חז"ל, ווי עס פּירט זיך ביי תלמידי חכמים. און הגם ער איז גאַנץ ווייט פון פרומקייט, איז אויף אים שטאַרק קענטיק די רבנישע שטוב פון טאַטן.

איך האָב ליב מיט אים צו שמועסן צוליב דעם שלל יידישע וויצן און חכמהלעך וואָס האָבן אַזוי אויסגעטיילט אונדזערע יידן, און דעם שטעטלשן בית מדרש, וואָס איז אויך געווען אַ קלוב, להבדיל.

אויף יידישע וויצן איז בערמאַן אַ גאָר אַ גרויסער מייסטער. מיר האָבן ניט איין מאָל געעצהט ער זאָל אין יעדן נומער „חשבון" אַריינגעבן אַ צאָל וויצן; אַ שאָדן דאָס זאָל גיין פאַרלאָרן מיט דער צייט. אָבער אומזיסטע רייד: דער טאַטע האָט אַ סך ספרים געשריבן, איז דער זון אַ גרויסער פוילער אויף דעם שרייבן...

און ווי ער איז, זאָל ער נאָך לאַנגע יאָרן זיין מיט אונדז אויף אונדזער זינדיקער וועלט און דער פלאַם פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט זאָל דורך זיין זכות לאַנג דויערן ביי אונדז.

לאָמיר צום סוף דערציילן עפּעס פון דער גמרא: אַז גאָט האָט געוואָלט געבן אברהמען אַ ברכה, זאָגט ער: וואָס זאָל איך דיר געבן, אַז אַלץ האָסטו שוין? בלייבט מיר נאָר צו ווינטשן דיר, אַז די קינדער זאָלן גיין אין דיינע וועגן, זיין ווי דו...

## ז. בן־אברהם

# הענעך בערמאַן — דער מענטש פון מעשים

### (צו זיין אַכציקסטן געבוירן־יאָר)

אונדזער פריינד, הענעך בערמאַן, פאַרדינט לויב און אנערקענונג צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג.

ער פאַרדינט עס צוליב זיין גוט־פריינדשאַפט און אידעלען טאַקט צו יעדן מענטש, צוליב זיין איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, שטענדיקן ענטוזיאַזם און פראַקטישן צוגאַנג צו אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן.

אין זיין אַרבעט, אָדער ביים פאַרטיידיקן זיינעם אַ געדאַנק אין אַ שמועס מיט פריינד, איז ער שטענדיק גרייט זיך אַרויסצוהעלפן מיט אַ מאמר חז״ל אָדער אַ פאַסיקן פסוק פון תנ״ך, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס נאָר וואָס געהאַט געלערנט. ס'איז שוין אָבער גאָר, גאָר לאַנג ווי ער איז אַוועק פון דער ישיבה, און געלערנט דאָרט האָט ער בלויז עטלעכע יאָר. פון דעסטוועגן שפרודלט ער מיט תורה אַזוי ווי ער וואָלט נאָך איצט טאָג און נאַכט געלערנט.

פסוקים האָבן די מעלה, וואָס, אויב מען באַנוצט זיך מיט זיי אין פאַסיקן אָרט און צייט, העלפן זיי קלאָרער און לעבעדיקער צו מאַכן דעם רעיון וואָס מ'וויל אַרויסברענגען. אַנדערש בלייבט מען ווי יענער בטלן, וואָס לויפט אַרום מיט אַ זאַק פול מיט תשובות, נאָר עס פעלן אים בלויז די ריכטיקע קשיות. בערמאַן איז אויך נישט פון די וואָס זוכן קשיות, גריבלען זיך אין פילאָסאָפיעס, וואָרעם ער איז בטבע נישט קיין צווייפלער, נישט קיין סקעפטיקער.

ס'איז אָפט אינטערעסאַנט אים נאָכצופאָלגן בעת ער פירט אָן יעדן זונטיק אין דער פרי מיט זיין פאָרום, טאַקע באַקאַנט ווי דער „בערמאַן־פאָרום". נישט נאָר רעדט ער שנעל, נאָר מען קען זען ווי ער טראַכט אויך שנעל. ער קען תופס זיין אַ קאָמפליצירטן געדאַנק כהרף־עין און ער קען אויך לייכט מסביר זיין אַ שווערן געדאַנק.

לעצטנס האָט ער די אָנפירערשאַפט פון דעם פאָרום איבערגעגעבן צו זיין פריינד יהודה וואָלפסאָן, וועלכער האָט פיל יאָרן אָנגעפירט מיט יידישער דערציונג ווי אַ העברעישער לערער אין פאַרשיידענע שטעט אין לאַנד. זיין חבר וואָלפסאָן באַמיט זיך אָנצוהאַלטן ביים פאָרום דעם זעלבן פיינעם גייסט ווי פריער. ער, בערמאַן אַליין, האָט זיך בלויז אַ קליין ביסל באַפרייט, ווי ער זאָגט, פון דעם פאָרום־קרייז צוליב דעם וואָס ער גיט איצט אַוועק אַ סך צייט פאַרן זשורנאַל דער „יידישער קעמפער", וועמעס פאַרשטייער פון לאָס אַנדזשעלעס ער איז לעצטנס געוואָרן. און ווי מען גיט אונדז איבער, ווייזט ער וווּנדער סיי אין פּרט פון פאַרגרעסערן די צירקולאַציע און סיי מיטן פאַרבעסערן די הכנסה פון זשורנאַל אין לאָס אַנדזשעלעס. וואָרעם ער האָט צו זיין קרעדיט אַ סך געשעפט־דערפאַרונג פון אייגענע געשעפטן, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אין מילוואָקי און אין מינעאַפאָליס נאָך איידער ער האָט מיט זיין פרוי און זון זיך באַזעצט דאָ מיט אונדז. דאָ איז ער פריי פון אייגענע געשעפטן. ער איז „ריטייערד", צוריקגעצויגן, אָבער נישט פון דער וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַר ישראל, פאַרן קולטור־קלוב און פאַרן „חשבון".

אַרבעט פאַרן כלל האָט ער זייער יונג אָנגעהויבן, דאַן ווען ער האָט נאָך געלעבט אין זיין היים־שטעטל האָראָדלע, הרוביעשאָווער קרייז, פוילן, ביי זיין פאָטער, דעם רב און כתבא רבא, מחבר פון עטלעכע תורה־ספרים, ספעציעל דאָס ספר „חק משה", וואָס הענעך בערמאַן האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאָלפן דאָס אַרויסגעבן אין ישראל.

ווי הענעך בערמאַן דערציילט אונדז איז שוין זיין זיידע, ר' יקותיאל ז"ל, געווען באַרימט ווי אַ מחבר פון ספרים און פון לאַנגן, גרויס־רבנישן יחוס. ער איז געווען דער זעקס און דרייסיקסטער רב אין דער משפחה, זון נאָך זון. נאָך דער פטירה פו־



נעם זיידן האָט בערמאַנס פאָטער, ר' משה לייב בערמאַן ז"ל, איבערגענומען די כסא־הרבנות אין עלטער פון דריי און צוואַנציק יאָר.

האָראָדלע האָט שטאָלצירט מיט איר רב, וואָרעם ער איז געווען פון די גרויסע שווימערס אין ים התלמוד; אויך אַ בקי אין מדרש, פוסקים, און אין קבלה. זיינע חיבורים זיינען נאָך היינט ווי אַ מורה דרכים פאַר יידן לומדים, רבנים און תלמידים אין ישיבות, וואָס לאָזן זיך שווימען אין ים־התלמוד.

דער זון הענעך רעדט מיט גרויס התפעלות וועגן זיין פאָטערס קענטעניש און מידות. ס'איז מעגלעך, אַז זיין אייגענע שאַרפע חריפות און אָנגעזעענע בקיאות איז אַן אָפשפיגלונג פון זיינע יחוסדיקע אָבות. ער האָט אָבער אויך יחוס עצמו, זיין אייגענעם יחוס. הגם ער אַליין האָט זיך קיין מאָל נישט אָפגעגעבן מיט רבנות האָט ער פון דעסטוועגן יאָ סמיכה אויף רבנות, וואָס ער האָט געקראָגן פון דעם גאָר אָנגעזעענעם און באַרימטן הרב צירלסאָן פון קעשעניעוו.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צווישן די יאָרן 1920 און 1924 האָט בערמאַן געלעבט אין קעשעניעוו (בעסאַראַביע) און איז דאָרט געווען אַן אָפטער בן־בית ביי דעם הרב יהודה לייב צירעלסאָן, וואָס, ווי באַקאַנט, איז בשעתו געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע אויטאָריטעטן ביי די יידישע אָרטאָדאָקסישע פירערס פון אגודת ישראל און רב הכולל פון גאַנץ בעסאַראַביע. ער איז אויך געווען אַ גרויסער שפראַכן־קענער, פאָליטישער פירער און ווי אַ דעפוטאַט אין רומענישן פאַרלאַמענט, איז ער באַרימט געוואָרן מיט זיין אָפענעם, מוטיקן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט דאַן געבושעוועט אין רומעניע. ווייזט אויס, אַז הענעך בערמאַן, ווי אַ בן הרב און אַליין אויך אַ בן־תורה, האָט זייער שטאַרק אויסגענומען ביי הרב צירלסאָן און האָט פון אים געקראָגן סמיכה אויף רבנות.

חוץ הרב צירעלסאָן האָט בערמאַן אין קעשעניעוו געהאַט נאָך אַ באַרימטן מדריך — ברוך צוקערמאַנען. אין יענער צייט, ווי באַקאַנט, האָט ברוך צוקערמאַן, דער באַרימטער פועלי־ציון פירער אין אַמעריקע, אָנגעפירט מיט דער הילפס־אַרבעט פון דער „פיפלס רעליף" אין אייראָפע. אין משך פון פיר יאָר האָט הענעך בערמאַן, ווי אַ באַצאָלטער אָנגעשטעלטער, זיך באַטייליקט אין דער וויכטיקער הילפס־אַרבעט, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין קעשעניעוו. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך צושיקן קאָרעספאָנדענציעס צו דער טשערנאָוויצער יידישער וואָכנשריפט.

אין משך פון אָט די פיר יאָר, אונטער דער השפעה פון אַזעלכע צוויי גרויסע יידישע פירערס, האָט בערמאַן אַ סך געלערנט וועגן פראַקטישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס האָט אויף אים געלייגט אַ דויערנדיקן חותם.

נישט זייענדיק בטבע קיין סקעפטיקער, קיין גריבלער, קיין פילאָסאָפישער צווייפלער, איז זיין צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ביז היינט אַ פראַגמאַטישער און אַ פראַקטישער, וואָס מען קען גלייך באַמערקן. ווי דער געשעפט־פאַרוואַלטער פון „חשבון" האָט ער, צוזאַמען מיטן פינאַנץ־סעקרעטאַר, מ. גאָלדפאַרב, זייער פיל אויפגעטאָן צו שטעלן די פינאַנצן פון זשורנאַל אויף אַ בכבודיקער פאָזיציע. ער האָט אַריינגעברענגט סיסטעם און אָרדענונג אין דער צירקולאַציע און אין איינמאָנען די צאָלונגען. פון צייט צו צייט געפינט ער אויך אַ געלעגנהייט זיך צו באַטייליקן אין זשורנאַל מיט אַן אַרטיקל לכבוד יום־טוב.

שוין פאַר דעם אַליין קומט אים לויב און אנערקענונג צו זיין אַכציקסטן געבוירן יאָר און אַ האַרציקן ווונטש אויף נאָך לאַנגע יאָרן פון געזונט און גליק צוזאַמען מיט זיין געטרייער פרוי און קינדער.

# חבל על דאבדין ולא משתכחין

בויערס און מיטגלידער פון יידישן קולטור־קלוב, וואָס מיר האָבן לעצטנס פאַרלוירן

## שמואל (סעם) לעווין ע״ה

שוין אַ האַלב יאָר אַריבער זינט מיר האָבן באַגלייט צו זיין אייביקער רו אונדזער באַליבטן, געטרייען, אָנגעזעענעם און חשובן חבר פונעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב — שמואל (סעם) לעווין ע״ה.

שוין אַוועק אַ האַלב יאָר, אָבער פאַרגעסן האָבן מיר אים ניט און, דאָס זיינען מיר זיכער, ניט פאַרגעסן וועט ער ווערן צווישן אונדז, כל זמן מיר, די אַלטע גוואַרדיע פונעם קולטור־קלוב, וועלן נאָך זיין ביכולת פאָרזעצן אונדזער יידישע קולטור־טעטיקייט דאָ הי אין לאָס אַנדזשעלעס.

שמואל לעווין איז געבוירן געוואָרן אין 1889 אין אַ קליין שטעטל אין אוקראַינע. ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען צווישן אָרטאָדאָקסישע יידן, האָט מען אים צו דריי יאָר אַריינגעגעבן אין חדר. ווען ער איז אַ ביסל עלטער געוואָרן האָבן זיינע עלטערן אים אַריבערגעשיקט אין אַ גרעסערן יידישן ישוב, ווו ער האָט, אַחוץ די יידישע לימודים, אָנגעהויבן לערנען אויך וועלטלעכע לימודים, און ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין די לימודים פון מאַטעמאַטיק און דער פראַנצויזישער שפּראַך.

אין אַמעריקע איז סעם לעווין אָנגעקומען אין די ערשטע יאָרן פון 20טן י״ה, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די ערשטע יאָרן האָט ער געלעבט אין ניו־יאָרק, ווו ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין ערשטער פרוי, און זיי האָבן געהאַט איין איינציקע טאָכטער רעי (פאַרהייראַט צו מאַרטין שאַפּיראָ).

אין 1936 האָט זיך סעם לעווין באַזעצט אין ל. א. דאָ איז ער איבערגעקומען די גרויסע טראַגעדיע, ווען ער האָט, אין 1953, פאַרלוירן זיין ערשטע פרוי. צום גליק האָט ער געקענט באַנייען זיין פאַמיליע־לעבן ווען ער האָט מיט אַ צייט שפּעטער חתונה געהאַט מיט זיין צווייטער פרוי, דאָראַ, וועלכע איז דאַן געווען די אַלמנה פון דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער יונה ספּיוואַק.

שמואל לעווין איז געווען איינער פון די ראשונים פון דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב, אָבער אַחוץ דעם איז ער אויך געווען טעטיק אין ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ סך אַרבעט אויף אַלערליי געביטן, ווי הסתדרות, נאַציאָנאַל פאָנד וכדומה.

מער ווי אַ האַלב פון זיין לעבן האָט שמואל לעווין געווידמעט זיין איבערגעגעבענע פרוכטבאַרע טעטיקייט צום יידישן קולטור קלוב.

איך ווייס ניט פון נאָך איינעם, וואָס האָט אָנגעפירט אַזוי פיל אויסגעצייכנטע טעטיקייט אינעם קולטור־קלוב:

צום אָנהייב איז ער געווען דער קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר פונעם קלוב; שפּעטער — דער מוסטערהאַפטער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר; דערנאָך, אין משך פון צען יאָר צייט איז ער געווען דעם קלובס פינאַנץ־סעקרעטאַר. און אַ דאַנק אָט דער טעטיקייט זיינער האָט דער קלוב געקענט שטייגן און אָנפירן זיין אַרבעט.

מיר וועלן קיין מאָל ניט פאַרגעסן זיין ענערגישע טעטיקייט אויף אָט דעם געביט, וואָס ניט נאָר האָט ער ענערגיש געזאַמלט געלט אויפצוהאַלטן דעם קלוב, נאָר האָט אויך קיין מאָל ניט געקאַרגט מיט זיינע אייגענעביישטייערונגען.

פאַר די אַלע יאָרן, וואָס מיר איז אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט אים און קלוב — סיי אין אונדזער אַלטער היים אויף מאָנראָו גאַס, און סיי אין אונדזער איצטיקער נייער היים—איז צווישן אונדז געווען פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינדשאַפט, וואָס איז ניט איבערגעריסן געוואָרן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.



אין באַמען פון יידישן קולטור־קלוב דריקן מיר אויס אונדזער אַלעמענס טיפע מיטגעפילן צו זיין טאָכטער רעי, איר מאַן מאַרטין שאַפּיראָ און זייערע דריי קינדער, צו דער אַלמנה דאָראַ, צו זיין איינציק פאַרבליבענע ברודער און שוועסטער וואָס וווינען אין ישראל, און צו דער גאַנצער משפחה.

תהי נשמת ר׳ שמואל לעווין צרורה בצרור החיים.

## ראָבערט טעמפּער ע״ה

זינט איך געדענק איז ראָבערט טעמפּער געווען אַ שטענדיקער מיטגליד פון יידישן קולטור־קלוב. מיר פלעגן אים זען ביי כמעט יעדן אָוונט פונעם קלוב. קיין אַקטיוון אָנטייל אין דער פאַרוואַלטונג פונעם קלוב האָט ער אָבער ניט גענומען. ער האָט פאַר דעם ניט געהאַט קיין צייט. זיין גאַנצע טעטיקייט איז געווען געווידמעט דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. צו דעם האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן. צו דעם האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע צייט. אין דעם איז געווען אַריינגעטאָן זיין גאַנצער אידעאַליזם.

אין ל. א האָט זיך טעמפּער — מיט זיין פרוי פּערל: אַן אָנפירערין ביי די פּיאָנערן פרויען — באַזעצט מיט אַרום 20 יאָר צוריק. ער איז לכתחילה געווען דאָ הי דער פאָרזיצער פונעם רויזענבלאַט פאַרבאַנד צווייג, און שפּעטער, ווען זיין צווייג האָט זיך פאַראייניקט מיטן דוד פּינסקי צווייג, האָט ער איבערגענומען די סעקרעטאַרישע טעטיקייט פון ביידע צווייגן.

אין יידיש ווערן גוטע מענטשן באַצייכנט מיט צוויי ווערטער: צדיק, אָדער אידעאַליסט. צדיק באַטייט ניט דווקא פרומקייט. אַ צדיק מיינט אַ גערעכטיקער. אַן אידעאַליסט איז דער, וואָס איז זיך מפקיר פאַר אַ טעטיקייט וואָס ברענגט גליק, אָדער לכל הפּחות נוצן צו דער געזעלשאַפט.

אויף ראָבערט טעמפּער קענען און מעגן גענוצט ווערן ביידע אויסדרוקן — ער איז געווען אַ צדיק און אַן אידעאַליסט.

אַזוי האָט ער זיך אויף תמיד איינגעקריצט אין אונדזער זיכרון.

ת נ צ ב ״ה.

## דוד מאַרסעל ע״ה

ס׳איז געווען אין יאָר 1963, ווען אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר יוסף ווײנמאַן ע״ה אָנגעקלונגען אַז זיינע נאָענטע פריינד זיינען געקומען פון ניו־יאָרק, צו באַזעצן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס און ער וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך באַקענען מיט זיי. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך אַלע דריי געטראָפן און פאַרברענגט כמעט אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיינען געוועזענע לאַנדסלייט: אין דער אַלטער היים האָבן מיר געוווינט אין גאַנצן עטלעכע מייל איינער פונעם אַנדערן, און מיר ביידע זיינען געווען מיטגלידער אין דער זעלבער יוגנטלעכער צעירי ציון באַוועגונג.

ער, דוד מאַרסעל, נאָך גאָר אַ יונגער בחור בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָנו עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה, האָט אָבער ביז זיין אַוועקפאָרן פון פּוילן שוין דעמאָלט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער ציוניסטישער יוגנט באַוועגונג אין אונדזער געגנט.

ער האָט מיר דערמאָנט עפּיזאָדן פון יענער עפּאָכע און פון די אַקטיוויטעטן וואָס זיינען דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

איך האָב פאַר זיך געזען אַ מענטש מיט גרויס וויסן און הויכער אינטעליגענץ.

עס איז אַלע מאָל געווען פאַר אונדז, זיינע נאָענטע פריינד, אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו זיין אין זיין געזעלשאַפט און הערן ווי ער טוט מיט זיין שאַרפזיניקייט רעאַגירן אויף פאַרשיידענע טעמעס און טאָג־טעגלעכע געשעענישן.

ער איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה און ריכטיק האָט רבי קעלעמער געזאָגט ביים מספּיד זיין דעם נפטר, אַז וואָס דוד מאַרסעל האָט געלערנט אין דער יוגנט און וואָס איז געשען מיט אים און אַרום אים, האָט ער עס געדענקט מיט יאָרן שפּעטער. אַזאַ זיכרון ווי ער האָט געהאַט איז אַ זעלטנקייט.

ווען דוד מאַרסעל איז אַוועק פון פּוילן אין 1921 איז זיין צוועק געווען צו פאָרן אַלס חלוץ קיין פּאַלעסטינע, אָבער ווער עס געדענקט יענע צייטן ווייסט, אַז נישט אַלע מאָל און נישט אַלעמען איז געלונגען

אָנצוקומען אין לאַנד אַריין. אויך דודן איז עס נישט געלונגען.

און אין דעם זעלבן יאָר, 1921, קומט דוד אָן קיין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק איז ער ממשיך זיין לערנען און זיין טעטיקייט פאַרן ציוניסטישן אידעאַל, אָבער שוין אין פועלי ציון באַוועגונג, אויך אין פאַרבאַנד און אין אַנדערע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — אין די אַלע פלעצער פאַרנעמט ער אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט. און מען האָט זיך צוגעהערט צו זיין קלוג און פראַקטיש וואָרט.

אין ניו־יאָרק האָט ער חתונה און זייער — דוד און מאַליס — הויז ווערט אַ צענטער פון לערנען און געזעלשאַפטלעכע ענינים.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, זיינען די מאַרסעלס געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1963. ווי קולטור־מענטשן, זיינען זיי באַלד ביים ערשטן שבת אָוונט, געקומען אין קלוב, געוואָרן מיטגלידער, און באַלד זיך אַריינגעפּאַסט אין דער סביבה פון קלוב און געוואָרן אַקטיוו.

דוד, אַ יודע ספר, איז ער אָפט מאָל פאַרבעטן געוואָרן צו ריידן וועגן די יידישע יום־טובים.

עטלעכע יאָר איז ער געווען וויצע־פאָרזיצער פונעם קלוב און אַ סך מאָל געפירט דעם פאָרזיץ. און געפירט האָט ער דעם פאָרזיץ מיט טאַקט און אינטעליגענץ.

ליידער האָט ער די לעצטע יאָרן מער זיך ניט געקאָנט באַטייליקן אין די קלובאַקטיוויטעטן. ער האָט געהאַט גרויס צער פון דעם. חברים האָבן זיך געוווּנדערט פאַרוואָס דייוו איז מער ניט אַקטיוו אין קלוב. ווייניק מענטשן האָבן אָבער געוווּסט ווי קראַנק ער איז געווען און פשוט פיזיש נישט געקאָנט זיך באַטייליקן אין קיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

זאָל זיין קאָלירפול און גייסטרייך לעבן זיין אַ טרייסט פאַר מאַלין, וואָס זיי האָבן צוזאַמען 43 יאָר געלעבט אַזאַ שיינעם, אידעאַלן און געטרייען לעבן.

זאָלן אויך זייערע קינדער — אַ טאָכטער און אַ זון — וואָס וווינען אין ניו־יאָרק, זיין געטרייסט אויפן פאַרלוסט פון זייער טאַטן — דעם שטאָלצן און וואַרעמען ייד און גרויסן בעל־תורה.

דוד מאַרסעל וועט אונדז אַלעמען אויספעלן. זאָל אויך די משפחה זיין געטרייסט. כבוד זיין אָנדענק.

ש. בן־יונה

## ב. דעמבלין ע״ה

אין עלטער פון 79 יאָר איז סוף יאַנואַר נפטר געוואָרן דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער, מיטאַרבעטער פון חשבון, בנימין דעמבלין.

בנימין דעמבלינס אמתער נאָמען איז געווען יוסף בנימין טייטלבוים. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1897 אין דער שטאָט מאָדזשיץ, פוילן.

סוף 1919 איז ער אַוועק קיין פאַריז און מיט צוויי יאָר שפּעטער — קיין אַמעריקע.

ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך זייענדיק אין פוילן, דערנאָך האָט ער געשריבן קאָרעספּאָנדענצן פון פאַריז אין די וואַרשעווער „לעבנס־פראַגן". ער האָט דערנאָך זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט שרייבן ראָמאַנען און דערציילונגען.

זיין ראָמאַן „ערב נאַכט" איז פּרעמירט געוואָרן מיט דער לואיס לאַמעד אויסצייכענונג. ער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט די ראָמאַנען „צאַנקענדיקע ליכט" און „וועסט סאַיד". אין 1938 איז ער געווען סעקרעטאַר פון ניו־יאָרקער יידישן פּען־קלוב.

זיין בעלעטריסטיק איז זייער הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דער יידישער קריטיק. בנימין דעמבלין האָט אויך אַ לאַנגע צייט מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס", וווּ ער האָט געדרוקט ראָמאַנען און דערציילונגען. אין „חשבון" (נומ. 59-60) האָט ער פאַרעפנטלעכט איינע פון זיינע דערציילונגען: „אַ סאַמבאַדי".



ד״ר עזריאל נאַקס / ניו־יאָרק

# אַכטער באַנד פון לעקסיקאָן אין אָנדענק פון שפרה בעקער ראַבין

במשך פון זיין 26־יאָריקער עקזיסטענץ האָט דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס אַ היפשע צאָל מעשים צו פאַרצייכענען אויף זיין חשבון. ס'איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז זיין שענסטע און דויערנדיקסטע דערגרייכונג איז די אויסגאַבע פון דעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. ביז איצט זיינען שוין דערשינען זיבן בענד פון אָט דעם מאָנומענטאַלן ווערק — יעדעס בוך איז פאָליאָ־פאָרמאַט מיט צוויי עמודים אויף אַ זייט. צוזאַמען וואָסערע 6,000 זייטן, לויט דער מאָס פון אַ געוויינטלעך בוך. צוליב די באַגרענעצטע פינאַנציעלע מיטלען פון קולטור־קאָנגרעס האָט זיך דער לעקסיקאָן אָפּגעשטעלט מיטן זיבעטן באַנד ביים אות „צ". כדי צו פאַרענדיקן דעם לעקסיקאָן זיינען נייטיק נאָך צוויי בענד. דאָס וועט שוין אויך איינשליסן הוספות, אויסבעסערונגען און מילואים.

ס'איז ניט קיין מליצה צו דערקלערן אַז דער פולער לעקסיקאָן וועט זיין אַן עבודת הקודש. ער וועט פאַרבלייבן אויף דור־דורות אַ לעבעדיקער פאָרטרעט פון די שאַפערס פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, און וועט שוין ממילא זיין אַ שליסל צו דער ליטעראַטור פון אונדזער פאָלק אין דער תקופה־אַשכנז. און נאָך אַ וואָרט בעט זיך צוצוגעבן: דער לעקסיקאָן האָט אַ חוץ אָט דעם אַלגעמיינעם באַדייט, אַ ספּעציעלן ציל, און מחמת דעם פאַרדינט ער פאַררעכנט צו ווערן ווי אַן עבודת הקודש. ער וועט פאַראייביקן די נעמען פון אַלע שרייבערס, וואָס זיינען אומגעקומען אין דעם חורבן, צי זיי האָבן געשילדערט דעם חורבן דירעקט, צי זיי זיינען געווען בכלל שרייבערס. אָט דעם חוב מוזן מיר זיי אָפּצאָלן, אַז זייערע נעמען זאָלן ניט פעלן אין דעם ספר הזכרונות פון דער יידישער ליטעראַטור. אויב דער לעקסיקאָן וועט דאָס פאַרווירקלעכן, ווי ער האָט שוין אַ טייל דערפון דערפילט אין די פריערדיקע בענד, וועט ער דאָך טאַקע זיין דער ספר הזכרונות פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט קיין מאָל זיך ניט מיאש געווען און ניט מפקיר געווען די האָפענונג אַז דער סיום פון דעם לעקסיקאָן וועט מקוים ווערן. און איצט האָט זיך געשאָפן אַ לאַגע, וואָס דערמעגלעכט אָנצוהייבן צוצוגרייטן דעם אַכטן באַנד. דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן און אַ פירנדיקע פערזענלעכקייט אין דער יידישיידישער סביבה אין לאָס אַנדזשעלעס, אַלעקס ראַבין, האָט אויף זיין כאַראַקטעריסטישן אופן — ווי איינער וואָס יידיש, איין דעם כוללדיקן זינען, און אַלצדינג וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש און בכן מיט המשכדיקייט אין אונדזער קולטור, איז אים אַזוי טייער און נאָענט — אַריינגעשיקט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער. דאָס איז זיין צושטייער צום פאָנד פאַרן לעקסיקאָן.

אַלעקס ראַבינס נאָמען איז אַ שם־דבר ניט נאָר אין לאָס אַנדזשעלעס, נייערט אויך אין אַנדערע שטעט. ס'איז כמעט ניטאָ קיין איינציקע יידיש־יידישע אינסטיטוציע און אונטערנעמונג, וואָס ער האָט איר ניט געהאָלפן סיי מאָראַליש און סיי פראַקטיש, און זוו זיין השפעה איז ניט געווען קיין וואָגיקע. ער איז אויך פאַרבונדן מיטן פיינעם זשורנאַל „חשבון", וואָס גייט אַרויס אין לאָס אַנדזשעלעס.

לויט דעם באַשלוס פונעם פּרעזידיום פון קולטור־קאָנגרעס און פון דער רעדאַקציע פון אַכטן באַנד, וועט דער דאָזיקער באַנד זיין געהייליקט דעם אָנדענק פון שפרה בעקער ראַבין ע״ה, די פרוי פון אַלעקס ראַבין. דער 8טער באַנד וועט איר זיין געווידמעט אין איר אייגענעם זכות.

שפרה בעקער ראַבין איז געווען אַ שטילע און באַשיידענע פרוי, וואָס האָט זיך ניט גערוקט צום אויבנאָן, אָבער אומעטום האָט מען זי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און מיט אַן אָפן האַרץ, און אומע־

# די וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר יידישער קולטור

די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור, וואָס וועט פאָרקומען אין ירושלים אין די טעג פון 23 און 26 אויגוסט, 1976, וועט אָן ספק זיין אַ וויכטיק היסטאָריש קולטור־געשעעניש מיט אַ ווירקונג אויף דער צוקונפט פון יידיש. אין דער קאָנפערענץ וועלן זיך באַטייליקן אַרום 200 דעלעגאַטן פון די לענדער פון אַלע פינף קאָנטינענטן און אַרום 600 געסט, פאַראינטערעסירטע בייצוזיין די דאָזיקע קולטור אימפּרעזע.

די קאָנפערענץ ווערט צוגעגרייט דורך אַ קאָאָרדיניר־קאָמיטעט וואָס באַשטייט פון פאָרשטייערס פון „קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל", פון פאָרשטייערס פון „שרייבערס און זשורנאַליסטן פאַריין אין ישראל" און פון פאָרשטייערס פון „קולטור־דעפּאַרטמענטביים יידישן וועלט־קאָנגרעס." דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט שטייט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דעם קאָנפערענץ־קאָמיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אויך מיט די קאָנפערענץ־קאָמיטעטן אין קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער.

אין דער וועלט־קאָנפערענץ וועלן זיך באַטייליקן אַ ריי פּערזענלעכקייטן פון ישראל און פון די תפוצות. מצד ישראל וועלן אויף דער קאָנפערענץ אַרויסטרעטן אַ צאָל הויכע רעגירונגס־לייט, שרייבערס און דענקערס, ווי דער בילדונגס־מיניסטער, גאָלדע מאיר, דער פאָרזיצער פון העברעישן שרייבער־פאַריין, דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון יידישער אַגענץ און נאָך און נאָך. ס'איז אויך פאָרגעזען אַן אויפנאַמע פאַר אַלע אנטיילנעמערס פון דער קאָנפערענץ אין „בית הנשיא", ווו דער גאַסטגעבער וועט זיין דער נשיא פון מדינת ישראל.

מצד די תפוצות וועלן אויף דער קאָנפערענץ אַרויסטרעטן די יידישע שרייבערס: יצחק באַשעוויס, חיים גראַדע און אלי וויזעל. חוץ לזה וועלן זיך אין איר באַטייליקן שרייבערס און מנהיגים פון דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע, מערב־אייראָפּע, קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַחוץ דער סעסיע געווידמעט די באַריכטן וועגן דער לאַגע פון יידיש אין אַלע ישובים און אַ דיסקוסיע אַרום איר, וועט אויסגעטיילט ווערן אַ פייערלעכער אָונט פאַר אַ קינסטלערישן פּראָגראַם פון שלום עליכמס שאַפונגען, צו זיין 60סטער יאָרצייט.

עס וועט אויך אָנגעמערקט ווערן די דאַטע „300 יאָר יידישע פּרעסע" אין אַ באַזונדער סעסיע וועט זיין געווידמעט דער 4טער פאַרטיילונג פון דער פּרעמיע פון ראש הממשלה, פאַר יידישער שאַפונג.

עס ווערט געזאָרגט דערפאַר אַז די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ זאָלן געניסן פון אַלע נייטיקע באַקוועמלעכקייטן, כדי זיי זאָלן קאָנען אנטיילנעמען אין דעם גאַנצן מלא וגדושדיקן פּראָגראַם פון דער דאָזיקער קולטור־אסיפה. עס ווערט אויך פּלאַנירט אָפּצוגעבן אַנדערהאַלבן טעג פון



דער קאָנפערענץ פאַר דער אַרבעט פון אַ ריי קאָמיסיעס, וואָס וועלן זוכן קאָנקרעטע מיטלען צו רעאַליזירן די באַשלוסן וועלכע וועלן אָנגענומען ווערן אויפן געביט פון דערציונג, פאַרלאַגסוועזן, העלפן דעם יידישן טעאַטער, העלפן דער יידישער פּרעסע, אַרויסגעבן אַ יידיש־העברעישן ווערטערבוך, אַרויסגעבן איבערזעצונגען פון יידיש אויף עברית און פאַרקערט, אונטערנעמען אַ גראַנדיעזע אַרבעט וועגן אַ כוללדיקער ביבליאָגראַפיע פון אַלץ וואָס איז דערשינען אין יידיש און נאָך און נאָך.

די ערנסטע זאָרגפולע צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ, די אנטיילנעמערס אין איר און דער אָפּרוף וועגן איר אין דער יידישער וועלט זיינען אַן אָנזאָג, אַז די דאָזיקע וועלט־אסיפה וועט ברענגען נישט בלויז פּרעסטיזש נאָר אויך ממשותדיקע הילף דעם קאַמף פאַרן המשך פון יידיש — סיי אין ישראל און סיי אין די תפוצות.

דער אַדרעס פון אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור איז: רח' בני אפרים, 228 מעוז אביב, תל־אביב, ישראל.

## „ויהי בימי" — דאָס בוך לידער פון איש יאיר

עס איז לעצטנס דערשינען דאָס בוך לידער, אונטערן אויסטערלישן נאָמען „ויהי בימי", פון דעם פּאָעט (אָפטער מיטאַרבעטער פון „חשבון") איש יאיר (פּסעוודאָנים פון ד"ר ישראל שטערן).

ס'איז געשמאַקפול אַרויסגעגעבן; לוקסוס פּאַפּיר, גרעסערע שריפט, און באַצירט מיט פּראַכטפול־קינסטלערישע צייכענונגען און איניציאַלן פון דער יונגער קינסטלערין א י י ד ל. זיי דריקן אויס די שטימונג און אינהאַלט פון בוך און גיבן צו אַ סך חן.

איש יאיר שאַפט און דרוקט זיך אין ביידע שפּראַכן: יידיש און ענגליש. ער איז גוט באַקאַנט אין דער יידיש־ליטעראַרישער קולטור־וועלט. ער איז אויך דער מחבר פון צוויי לידער־ביכער אין ענגליש און האָט אויך רעדאַגירט אַ יידישע לידער־אַנטאַלאָגיע אויף ענגליש.

דער בוך האָט 176 זייטן. פּרייז: בלויז $5.00. צו באַקומען ביים מחבר:

DR. ISRAEL SHTERN
6741 Baily Road
Montreal H4V IA4, Canada

## דער קראָפּאָטקין ברענטש אַרבעטער רינג
## שיקט זיינע ברכות צו תנחום און טילי בריים

### האַרציקע ברכות צו תנחום און טילי בריים:

בעסי און בערל מינץ
סאָפי און הערי קאָזאַק
בעקי און משה נאָדעלמאַן
בעסי סיגל
פּאָליאַ און ישראל שלאַכטער
פּאָלין בייערס
שייע שעכאַטאָוו
העלען מאָרים
אַלעקס ראָבין
עטעל און מאַקס רומאַק
רבקה און אברהם גאָלאָמב
חנה לערנער
רבקה און מאיר קעסטל
פייגעלע און יוסף פּאַניץ
סיידי (פינקלשטיין) ראָגאָט
אסתר אַפּטייקער
חיה און גרשון פרידמאַן
סאָפי און הערי שטערנפעלד
משה קאַפּלאַן
לילי און מענדל גאָלדפאַרב

טום איז זי געוועזן צוזאַמען מיט איר מאַן. דער גורל האָט געוואָלט אַז איר ליבשאַפט פאַר יידיש, פאַר מדינת ישראל, און אירע וואַרעמע געפילן פאַר טראַדיציע, זאָלן זיך צונויפטרעפן מיט די אידעאַלן פון איר מאַן. זיי האָבן אָבער געשטראָמט פון איר אייגענעם געמיט און זיינען געוועזן איינגעבאַקן אין איר נשמה. זי איז געוועזן געבענטשט מיט אַ נאַטירלעכער און דאָך אַריסטאָקראַטישער איידלקייט און פריינדלעכקייט, אָן דעם מינדסטן צייטן פון גאווה. דער ניגון פון איר לעבן איז געוועזן אַ לירישער און דאָך אַ קרעפטיקער.

סימנים פון שפּרהס איידלקייט מערקן זיך אויך אין איר פאַמיליע, און איר משפחה וועט מסתמא אויך העלפן, אַז דער אַכטער באַנד זאָל ווערן אַ יש.

אין דער באַלדיקער צוקונפט וועט צונויפגעשטעלט ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט לטובת דעם פּראָיעקט. דאָס פאַרענדיקן דעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור וועט זיין אַן אויפטו פון גרויסן און גראַנדיעזן פאַרנעם.

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון" און פריינד באַגריסן

# חבר תנחום ברייס

דעם וועטעראַן און לאַנג־יאָריקן געזעלשאַפטלעכן טוער אויף אַלע שטחים פון ייִדישער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, צו זיין גרייכן דעם בכבודיקן עלטער פון 90 יאָר. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך ווייטערדיקע יאָרן פון געזונט און שלוה.

מיר שיקן אויך אונדזערע ברכות צו עזר כנגדו — טילי.

---

אונדזערע האַרציקע ברכות צו תנחום און טילי ברייס:

סימע און פסח קאַרפּ
רחל און מאָריס דייטש
דזשעני וויינמאַן
פלאָראַ און שמואל ווייס
גיטל און איזידאָר סטענזאָר
דזשעני און טשאַרלס פרימאַסט
חוה און הענעך בערמאַן
שרה און שמחה ליינער
עטל און מאַקס רומאַק
ראָוז און באָריס צימרינג
מערי (דעבניקאָוו) פישער
אַנאַ און מאַקס האָכפילד

בעלאַ און אַריה פאַזי
אַלעקס ראַבין
ציליע און שלמה צוקערמאַן
רעי און דזשעק קאַהאַן
ליובע און שמואל בריינין

---

זייט געבענטשט ליבע און טייערע תנחום און טילי ברייס

ה. רויזענבלאַט לייען־קרייז
גאָסי סאַרטאַ, סעקרעטאַר

דאָלניק לייען־קרייז
לעוויטאַן און סטערלינג, סעקרעטאַרן

---

די מיטגלידער פון דער

## אַרבעטער רינג היים

באַגריסן חבר תנחום ברייס און זיין ליבע פרוי טילי:

סעם ליפשיץ
ציליע פיין
איידאַ ראָען
ה. פינקעל
מאַקס שוואַרץ

ה. פלאַסקין
זעלדע קאָברין
אַננאַ ראַקון
סיידי ראַקון
י. מאַקאָווסקי
פעני נעלין

---



די פאַרוואַלטונג און פריינד פון „חשבון" באַגריסן דעם

בן־תשעים **יוסף טיליס** און זיין פרוי ראָוז

און שיקן זיי די בעסטע ברכות

---

מיר באַגריסן דעם וועטעראַן

## יוסף טיליס

צו זיין ווערן אַ בן־תשעים.

מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן:

שרה און שמחה ליינער

אַלעקס ראַבין

פייגל און וועלוול אָרטענשטיין

חוה און הענעך בערמאַן

גיטל און איזידאָר סטענזאָר

פלאָראַ און שמואל ווייס

בעלאַ און אַריה פאַזי